STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01316

# AMERIKANER GESHIKHTE

Isaac Meir Dick

*Permanent preservation of this book was made possible
by James, Jane & Marianne Wald
in honor of
the 50th wedding anniversary of Max & Gerda Wald*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אמעריקאנער געשיכטע

אדער

## קיין שונא זאל דיר צו קליין זיין


פערפאסט פאן

**א. מ. דיק.**


ערשטער טהייל


אייגענטהום פאן ב. קאפעלאוויץ בדווינסק.

**ווילנא**

תרנט.

ПОВѢСТЬ ОБЪ АМЕРИКѢ,
или не презирай никакого врага. Часть I.
Сочиненіе А. М. Дика.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и братьевъ Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1899.

Дозволено цензурою, 25 Апрѣля 1898 г. Вильна.

# הקדמה

איין אלטעס שפריכווארט זאגט: „טויזענד פריינדע זאלען דיר צו ווענינ זיין, אונד איין איינציגער פיינד זאל דיר צו פיעל זיין“ *) לײדער איז בייא אונז יודען דיזער פאלל גאנץ אומגעקעהרט. יעדער פון אונז האט פיעל מעהר פיינדע אלס פריינדע, אונ דיא אורזאכען דערפון זייען זייער פיל, אונ מעהר צו הויזע ביי אונז יודען, אלס אונטער אללע אנדערע נאציאנען. ערשטענס ווייל מיר זייען גאנץ אונד גאר ערגעבען דעם שאחער (דעם קליינהאנדעל) וואס איז אימער פערבונדען מיט איינער גראססען קאנקורענץ (סאפער-ניטשעסטווא **), אלזא שאן דיזעס אליין איזט גענוג אורזאכע צו ערווערבען (צוא בעקוממען) זיך פיעל פיינדע, וואס עס איזט אימער פיעל לייכטער אונ פיעל ביללינער איינצוהאנדלען זיי אין איינער גרויסער מענגע (רבוי עצום) אלס איינען גוטען פריינד. דענן זייער אפט בעקאממט מען זיי גאר אומזיסט, וואס דיזער פאלל איזט ניכט מיט דען פריינדען. דאהער איז קיין וואונדער, דאס מיר געפינען ניט אין אונזערער היילינען ביבעל (תנ"ך) איינען אויסדרוק (ווירא זעניע) אויף אומזיסטע פריינדע (אוהבי חנם) וויא מיר געפינען אין איהר איין אויסדרוק אויף אומזיסטע פיינדע (תהלים ס"ט) „רבו משערות ראשי שונאי חנם“ אונ דערצו נאך מעהרערע מאל. אונד דיזעס איזט נור אום איהר וויסען דאס איין אומזיסטער פריינד איזט איינע זעלטענהייט (יקר המציאות) אונ איז אלזא פארגעווים נאך ניט פארגעקוממען אזוי איין פאלל אין אללען איהרען צייטען וואס זאל אין איהר פארקומען צו ריידען פון איינער אומזיסטען פריינדשאפט. צווייטענס בעקומען מיר פיעל פיינדע אונ דערצו נאך געפעהרליכע פיינדע

דורך

---

*) משלי י"ח כ"ד «איש רעים להתרועע ויש אוהב דבק מאח» פ׳ אפילו מי שיש לו מכבר רעים רבים ישתדל להרבות לו עוד רעים, כי מהיות לו רעים רבים לא ימלט שלא ימצא בהם אוהב אחד שיהי׳ דבוק לו רב יתר מאח, למשל כמו אהבת דוד ויהונתן שהיתה אהבתם צרופה ונאמנה בלתי תלויה בשום דבר שלא פנה גם בכורו.

**) דאס הייסט יעדער קרעמעריל אונזערער קאנקורירט (איזט מסיג גבול אין דעם מסחר פון דעם צווייטען קרעמער) היינו כל אחד מאתנו מתגדר בפרנסת חברו, מזלזל המקחים ונותן הוספה על חנותו של חבירו.

(אמער. געש.)

דורך אונזער זיין האכסט ערגעבען (פרעדאן) דעם פערפלוכטען לוקסוס (דעם פרעכטיגען פוץ) דאס דער מינדעסטע פון אונז, בפרט נאך פרויען אונד מאדכען, זעלבסט פון דער ניעדעריגסטען קלאסע אונד ארעמסטען שטאנדע קליידען זיך וויא פארנעהמע הערען אונ דאמען, אין פילצטוך, אין זאמעט אונ זיידען אונ האכסט טהייערע שוכווארג, אונ שטאלצירען דאמיט אין דיא אפפענטליכע (פובליצנע) לוסטגערטנער. דערצו נאך מיט איינער האכסט אריסטאקראטישען האלטונג (פאסטאצע) אלס וארע זיי ווירקליך פון גרויסען אדעל געבארען, וואהרענד (ווא ווערעמיא. בשעת) זיי ווערען פערראטהען (אויסגעגעבין) פון זייערע אייגענע מאננער אדער ברידער וואס בעגלייטען זיי (וואס גייען זיי נאך) אויף דעם פייערליכען (פאראדנעם) גאנג, דאס זיי זייען נור פרויען אונ שוועסטער פון גימיינע האנדווערקער. דען עס איזט איהנען (זייערע מאננער אונ ברידער) אנצוזעהען (צו דערקענען) אן זייערע געזיכטער, וואס זייען נאך איין עמוואס פעררוסט (איינגעריכט אין רוסם) אונ דאסגלייכען אן זייערע דערבע (פלאטנע) הענד, דאסס זיי זייען נור קוימענקערער, בלעכער, שוסטער אונ דעסגלייכען, אונ דערצו נאך איזט זיי צו ערקענען פון זייערע מאטטע אויגען, דאס זיי זייען האכסט ארעם אונ ליידען נויט*).

דיזע פערפלוכטע ליידענשאפט צו וועלין גלאנצען וואס האט זיך אונטער אונז איינגעווארצעלט שוין פון לאנגע דאטען, האט אנגעמאכט, אונ מאכט נאך איצונד אויך אן, איינע גרויסע שנאה אונ קנאה צווישען אונז, דען איינער פערגינט ניט דעם אנדערן דאס לעבען, ווייל יעדער מיינט, (זעלבסט ווייסענד דאס ער אליין האנדעלט ניט בעסער אלס דער אנדערער) דאס דארט גיסט זיך אונ פליסט איבערן בארד אונ ווערט איהם אלזא האכסט אונפריינדליך, ווארום איזט יענעם אזוי גוט וויא איהם אונ פיליכט נאך בעסער, וואס דיזע ארט שנאה ווערט אנגערופען: „שנאת חנם״.

איינע נאך גרעסערע שנאה האט אונז צוגעצויגען דיזע פערדארבענע אונזיטטע (מדה רעה), פון אללע אנדערע נאציאנען (אומות) וואס מיר לעבען אונטער זיי אלס איינגעבעטענע אונ צוגלייך לאסטיגע געסטע, ביא זייער מיינען דאס מיר זיינען וואהלהאבענד (גוט אין מעמד) וויא מיר שיינען צו זיין דורך אונזערן גרויסען אויפוואנד (קאסט) אונ מיינען אלזא דאס מיר בערייכערן אונז אויף זייער רעכנונג דורך טרוג אונ לוג אונ וואס מיר האבען

שוין

---

*) איך זעלבסט בין ציינע דאס פיעלע ארעמע מאדכען ענטרייסען פון זיך דעם לעצטען ביססען אום נור אבצושפארען אויף אמאדע. דאסגלייכען האב איך געזעהען האכסט קראנקע פרויען וואס דארפען זיך קורירען אונ זיך צוזעהען ווענדען זיי אן דעם ערשפארטען גראשען אויף איין פארוק, אויף איין היט, אונ דעסגלייכען.

(אמער. געש.)

שוין דערפון גענוג געליטטען פון אלטע דאטעס, וויא עס איז ארויסצוזעהען פון אונזערע אלטע דברי הימים וויא עס איזט בעשריבען אין דעם ספר שארית ישראל, שבט יהודה, קול בוכים *), דאס מעהר אלס איין מאל זייען מיר דעריבער געוואהרען ארויסגעטריבען פון פראנקרייך, פון איינגלאנד פון שפאניען, פון פארטוגאל אונ פון דייטשלאנד, דערצו נאך אויסגערויבט אונ ערמארדעט אונ מען איזט נאך אונז עד היום ניט גוט דאפיר, נאך איצונד אויך. דאהער דארפען זעלבסט אונזערעווירקליכע רייכע לייט, דיא זאגענאנטע גבירים, ניט וועלין גלאנצען אין רייכע קליידונג אונ אין קאסטבארע שמוק (צירונג). ערשטענס אום ניט צו ציהען צו זיך איינען גראסען האסס פון דער קריכטליכען וועלט, וויא מיר האבען נאך גענוג ביישפיעלע דערפון זעלבסט אין אונזערע איצטיגע צייטען **) אונ צווייטענס

אום

---

*) והנני להעתיק בכאן מאמר אחד מספר שבט יהודה מהשמד השביעי מדברי הויכוח שהיה בין המלך האדיר והחסיד אל־פונסו מספרד ובין החכם המהודר טומאש בדבר שנאת הספרדים (שפאניער) ליהודים: „הסבה היותר גדולה לשנא אותם (היהודים)“ אמר החכם הזה להמלך, מהיותם בעלי גאות ומבקשים תמיד להשתרר ולא ישימו על לבם שהם גולים ועבדים, דחופים מגוי אל גוי, אבל להפך שיבקשו להראות עצמם אדונים ושרים, ולכן העם מתקנא בם, וכבר אמר החכם שהשנאה הנמשכת מצד קנאה אין לה תקנה כל ימי עולם. ויראה אדוננו הנסיון בזה, כי כאשר באו היהודים למלכות אדוננו היו באים כעבדים וגולים, לובשים בלויי הסחבות, ולא עמדו שנים רבות שלא לבשו בגדים יקרים וגם החלו להשתרר. איש מהם שיש לו מאתים זהובים לובש מיד בגדי משי ולבניו רקמה מה שלא יעשו השרים, אשר להם הכנסות אלף כפולות לשנה ולכן אין לך לתמוה כי ישנאו כתושבי ארצנו וישימו עליהם עלילות שאין בהם ממש לאמר שהם אוכלים דמי ילדי הנוצרים בליל הראשון של פסחם. ועליהם אמר שלמה: „תחת שלשה רגזה הארץ, תחת עבד כי ימלוך, כי מושלים הם בגו, אנחנו הלוים והמה המלוים, ולוה הוא עבד מעולם לאיש מלוה, ועלו מעלה מעלה עד כי השיגה ידם להחליט להם יותר משלשה חלקים מקרקעותינו. ויהיו לנו לאדונים ואנחנו להם עבדים, ואינם עושים כתורתם לבלתי התראות לעיני העמים גם כשבעי לחם ומה גם להשתרר עליהם.

**) עס איז ניט צו בעשרייבען דיא גרויסע פייערליכקייט וואס וואר געפייערט אין קעניגסבערג (וואס איך וואר דאן דארט) אין דעם טאג וואס נאפאלעאן דער דריטער האט זיך ערגעבען דעם פריישען קעניג. עס וואהרען דארט טויזענד דאמען אויף דעם פלאטץ, אללע פעסטליך געקליידעט, אונ דאך וואר ניט איינע פון זיי געקליידעט אין זאמעט, נור אין ציץ אונ אין וואלצייג, אויסגענאממען איינע איינציגע, וואס האט דארט אומשטאלצירט

(אמער. געש.)

אום זיי זאללען מיט זייערע איינפאכע קליידונג איין גוטעס ביישפיעל זיין פיר אונזערע געמיינע מאדכען אונד פרויען וואס טוען זייא נאך אין אלעס, אונד אלס איין וואהרנענדעס ביישפיעל זעלבסט פיר זיי (פיר דיא גבירים) קען דינען דיא געשיכטע פון אונזער קעניג יחזקיהו, וואס ער וואר געשטראפט פון גאטט דורך דעם נביא ישעיה פאר וואס ער האט געצייגט זיינע גרויסע שאטצע אונד קאסטבארקייטען פאר דיא געזאנדטע (פאסלאניקעס) פון דעם קעניג פון בבל, וויא עס לויטעט (גלאסעט) אין דעם ספר ישעי' (קאפ. ל"ט) מיט דיזען ווארטען: „בעת ההיא שלח מראדך בן בלאדן מלך בבל ספרים ומנחה אל חזקיהו וישמע כי חלה ויחזק, וישמח עליהם יחזקיהו ויראם את בית נכתה את הכסף ואת הזהב ואת הבשמים ואת השמן ואת כל בית כליו ואת כל אשר נמצא בחצרותיו, ולא היה דבר אשר לא הראם יחזקיהו בביתו ובכל ממשלתו. ויבא ישעיהו הנביא אל המלך חזקיהו ויאמר אליו מה אמרו האנשים האלה ומאין יבואו אליך. ויאמר חזקיהו, מארץ רחוקה באו אלי מבבל. ויאמר מה ראו בביתך, ויאמר חזקיהו את כל אשר בביתי ראו, לא היה דבר אשר לא הראיתם באצרותי. ויאמר ישעיהו אל חזקיהו שמע ד' צבאות, הנה ימים באים ונשאו כל אשר בביתך ואשר אצרו אבותיך עד היום הזה בבל. לא יותר דבר אמר ד'. ומבניך אשר יצאו ממך אשר תוליד יקחו והיו סריסים בהיכל מלך בבל". אלזא מיינע טהייערע לעזער אונד לעזע-רינען, איינע גרויסע פאלגערונג (קל וחומר) פיר אונזערע איינגעבילדעטע גבירים, דאס הייסט, וואס בילדען זיך נור איין דאס זיי זייען רייך *)

דאסס

---

אין איינעם זאמעטענעם מאנטעל, אונד דיזע איינציגע וואר איינע וויל-גערקע וואס איזט אהין געקוממען אום צו מאכען איין אנזעץ נור.

*) איין געוויסער אונד איין העכסט בעריהמטער רייזענדער יאקאב האך, דריקט זיך אוים אין דעם דריטטען טהייל פון זיינער רייזע בעשרייבונג וואו ער רעדט דארט זייער פיעל איבער אונזערע רוססישע אידין מיט דיזע ווערטער: „דיא רוססישע יודען ליידען זייער פיעל אן דער פערדייאונג אזוי פיזיש (בנוף) אונד אזוי מאראליש (נראווסטווענא) דען זיי פערדייען ניכט קיין פעטען ביסען. זיי פערדערבען דעם מאגען פון איינער צו פעטטען פאסטעטע (קוגעל), זיי פערדייען ניט קיין געלד, דען וויא נור איינער בעקוממט איין פערמעגען פון טויזענד רובעל פיהרט ער זיך שוין אלס גביר, אונד דאסגלייכען קענען זיי ניט פערדייען קיינע בילדונג, דען וויא נור איינער פון זייא אונד נאך מעהר איינע לעזט דורך איין קליין דייטשעס ווערקעלע, ווערען זיי באלד פרייגעזאנגען אונד ווילען שאן ווערען רעפארמאטארען אונד פארשרייבען געזעטצע. דאהער קיין וואונדער דאסס זייא זייען נאך גאנץ צוריק (ווייט) אין בילדונג, אין פערמעגען אונד זעלבסט פיזיש (קערפערליך) ווייט פון אונזערע דייטשע יודען.

(אמער נעש.)

דאס זיי זאללען זיך היטען פון צו וועלין גלאנצען אונ צו שפילען גרויסע ראלל'ע' אין אזעלכע לאנדער נאך, וואס מיר האבען נאך קיינע בירגער רעכטע, אונ זייען נור וויא זא צו זאגען, געדולדעטע, זיי געהערען צו פאלגערן (מאכען איין קל והומר ביי זיך) אונ זאגען: „ווען זעלבסט חזקיהו דער קעניג וואר פיר דיזע אייטעלקייט (סועטנאסט) וואר אזוי הארט בעשטראפט, פשיטא דפשיטא דאס מיר געהערען עס ניט צו טאן*).

דיא אורזאך פון אונזער וועלען אימער גלאנצען, איזט, דיא וואהרהייט צו זאגען, איינע ערבזינדע, דאס הייסט אזוי איינע זינדע, וואס מיר האבען עס געערבט פון אונזערע אורעלטערן, וואס ווארען אזיאטען, אונ זיא איזט דארט צו הויזע נאך איצונד. דער מאן מעג זיך זיין איין טאגעלאהנער (פאדזעניק) אונ דיא פרויא מוז גיין גיצירט וויא איינע דאקע (פופע), אונ ניט וויינינער זייען דארט ערנעבען דעם פוץ זעלבסט דיא מאנער. אזוי וואר זעלבסט דער פערזישער שאך, זייענד פאר איינינע יאהרען אין עאוראפא אבגעטונקט אין ברילאנטען פון קאפ ביז דיא פיס, איין בעוויז דאס גאנץ אזיען שטייט נאך גאנץ נידעריג אין בילדונג אונ אין דער ציוויליזאציאן (וועלטליכקייט) אונ האט נאך אן זיך וואס קינדישעס**).
איינע

---

*) צאו וראו מה שדרשו חז"ל במדרש רבה ב"פ וישלח ע"ח על הקרא, „ואני אתנהלה לאיטי" בפנים כרוכות אני מהלך כמא דתימא הנה היא לוטה בשמלה, פ' יעקב אבינו אמר לאחיהו אתנהג בעולם חזה בשפלות ולא בגאות כל אתראה לעינו העמים בבגדים יקרים כ"א אלך עטוף וכרוך באדרת כאחד הנדכאים והנדחים לבלתי יתקנאו בי ולא ירעו אותו.

**) עס איזט צוואר שוין פון אלטע צייטען פערגליכען געווארען דיזע וועלט צו איינעם טהעאטער וואס ווערט אין איהר געשפילט פערשיעדענע ראללען. ביא אללעם דעם איזט נאך דא פילעס אונטער צושיידען צווישען זיי ביידען. ערסטענס אין דעם ווירקליכען טהעאטער זייען דא מעהר צושויער (זריטעלעם) אלס אקטארען אונ אין דער וועלט זייען דא מעהר אקטארען אלס צושויער, ווידער דארט אין דעם ווירקליכען טהעאטער זייען דיא צושויער פיעל וויכטיגערע לייט אלס דיא אקטארען, אונ אין דער וועלט זייען דיא אקטארען פיעל וויכטיגערע לייט אלס דיא צושויער. אונ פיעללייכט איזט דאס דער מיין פון דעם ר' ירמי' (דארט אין סכה מ"ה) „ראיתי בני עליה והמה מעטים" דאס הייסט איך האב איינגיזעהען דיא וואס זיצען אויף דער גאלעריע (ד. ה. דיא וואס זייען נאר צושויער) זייען גאנץ וועניג, אונ אונזערע חכמים זאגען אין מ' קהלת „לעולם יהי' האדם מן הרואים ולא מן הנראים" דאס הייסט, ער זאל זיין פון דיא וואס זעהען, אונ ניט פון דיא וואס לאזען זיך זעהען. דאס הייסט מען זאל זיין בעססער איינער פון דיא יעניגען וואס זייען צושויער אלס פון דיא יעניגען וואס זייען אקטארען, אונ אזוי זייען

איינע דריטע אורזאכע פון אונזער האבען מעהר פיינדע אלס פריינדע אונטער אונזערע אייגענע ברידער, איזט דיא גרויסע סעקטירונג (כתות) וואס געפינען זיך אונטער אונז יודען, אונ דיא גרויסע פערשידענהייט דער מיינונגען (חלוקי דעות) אין עניני הדת, וואס מען ווערט דורך דעם שונאים מוחלטים איינער דעם אנדערען, פיל מעהר אלס עס זייען זיך איינאנדער מענשען פון גאנץ פערשידענע רעליגיאנען, צום ביישפיל יודען מיט קריסטען קריסטען מיט מאהאמעדאנער, מען ווערט זיך בייא אונז יודען בלוטפיינדע פיר דיא איבערטרעטונג איינער דער קליינסטען רעליגיאזען צערעמאניען.

נאך מעהר קויפט מען זיך איין אומזיסטע פיינדע אין דיא שולען, אין דיא בתי מדרשים, איבער עליות, איבער גבאות, אונ ווער רעד שוין פון דיא געוואהנליכע מחלוקות וואס ברעכען אוים אין דיא קליינע שטאדט איבער חזנים, רבנים, שוחטים, זייער אפט קומט עס צו בלוטיגע געשלאג אונ צוא ווייטלויפיגע (לאנגע) פראצעסען וואס קאסטען אפ אייגענסען מיט געלד, וואס אונזער גרויסע שטאדט ווילנא האט אויך זייער פיל געליטען דער פון.

איינע פירטע אורזאכע פון פילע אומזיסטע פיינדע בייא אונז יודען, איזט אונזער פעראכטען יעדען קליינערין פון אונז אונ שטייען ניט אום זיינע פריינדשאפט אונ גיבען אלזא אנלאסס (פאוואד) צו מאכען איהם פיינדליך צו אונז, דען וואס נאך אין דער וועלט קען מאכען דעם בעסטען אונ גרעסטען מענשען פערהאססט, וויא שטאלץ (גאוה)? אונ מיר נעהמען אלזא קיינע ריקזיכט (וונימאניע) אויף דעם וועלט קלוגען שפריכווארט: „קיין פיינד זאל דיר ניט צו קליין זיין" אונ דאס גלייכען אויף דיא רייד פון אונזערע חכמים, וואס זייא זייען מזהיר אונ זאגען: „הזהר בגוי קטן" היטע דיך צו פעראכטען זעלבסט דעם קליינסטען היידען, אונ אן דיזער קליפפע

אבן

---

דא נאך מעהרערע חלוקים צווישען זייביידען, נור איך האב ניט גענוג רוים (פלאטץ) דא פאר זיי עס צו בעשרייבען. וואס מיך אנבעטריפט (אנבעלאנגט) בעזוכע איך פיל מעהר דיא פובליצינע שפאציער־גאנגע אלס דאס טהעאטער, וויל אין זייא (אין דיזע ערטער) ווערען דיא ראללען טרייער געשפיעלט אלס אויף דער ביהנע פון טהעאטער וואס זייען נור עלענדע קאפיען פון דיא דארטיגע ראללען וואס זייען ארגינאלען, דענן נאך איזט קיין טהעאטראלישער אקטאר אים שטאנדע אוים צושפילען זיינע ראללע אזוי טרייא אונ אזוי עכט וויא איינע מארק אידענע שפיעלט אוים איהרע ראללע אין איינעם שפאציר־גארטען אלס איינע פארנעהמע אונ העכסט רייכע דאמע ביי איהרעם פארא־דירען דארט מיט שטאלץ אין איינעם סאמעטענעם מאנטעל, אונ איך זעה עם אן א בילעט. —

(אמער. נעש.)

(אבן נגף) האט אנגישטויסען דער אראן שפעלענטע, וואס איזט דער העלד פון אונזער געשיכטע, דאס הייסט ער איזט פערפאונגליקט געווארען נור דורך דעם וואס ער האט זיך האכסט בארש (גראב) אונ שטאלץ בעגאנגען געגען א קליינעם נאכבאר (שכן) זיינעם. איין ווארנענדעס ביישפיל פיר יעדען לעזער אונ יעדע לעזערין וויא ווייט מען מוז זיך האלטען אן דיזעם גאלדענען שפריכווארט „קיין פיינד זאל דיר ניט צו קליין זיין". אונ אזוי האבען מיר נאך מעהרערע אורזאכען פון אונזערע פילע פיינדע אויפ־צו צייליען. עס פעהלט אונז אבער דא אן רוים (פלאץ), דאהער מוזען מיר אונז בעגנוגענען מיט דיזען איינציגען הויפט אורזאכען, וואס שטאסיגען זיך צו אונזערער ערצאהלונג.

נון לאדע איך אייך איין, מיינע לעזער אונ לעזערינען, דאס הייסט דיא יעניגען נור, וואס עס איזט אייך דער אפעטיט צו לעזען דיזע געשיכטע נאך ניט פערגאנגען דורך דאס דורכלעזען דיזער הקדמה, וואס איזט פיל מעהר אהנליך (פאדאבנע) צו איינער מאראלישען פרעדיגט (פרומע תוכחה) אלס צו איינער פארעדע צו איינער וועלטליכען ערצאהלונג. איך לאדע אייך איין צו איינער ווייטען רייזע, דאס הייסט דאס איהר זאלט אייך מיט מיר אים גייסטע (אין געדאנקען) בעגעבען נאך דיא גאנץ ווייטע זידליכע (דרומדיקע, יוזנע) אמעריקא, דארטהין אויף דער אינזעל גוואדעלופע, דען דיזע געשיכטע איזט געשעהען אויף איהרעם באדען (גרונט), אלזא מוז זיין מיינע ערשטע זאכע צוא מאכען אייך בעקאנט מיט איהרע לאגע (מעסטנאסט), מיט איהרער בעשאפענהייט (סוואיסטווא) אונ מיט איהרע איינוואהנער אונ דאס גלייבען מיט איהרע זיטען אונ ניטען, וואס דיזעס אלעס וועט אייך העכסט אינטערעסירען (פערגעניגען) אונ צו איינעם גוטען ציעל פיהרען.

## 1.

# דיא אינזעל גוואדעלופע

דיזע אינזעל איזט גענוג גרויס אונ העכסט פרוכטבאר אונ איזט אלזא איינע פון דיא בליהענדסטע אינזעלען וואס ליגען אין דעם טיפען זידען (דרום) פון אמעריקא, וואס הייסען בכלל „אנטיללען“. עס הערשט דארט איין איביגער פריהלינג (וויעסנא) דען עס איז דארט א גאנץ יאהר העכסט ווארעם. עס וואקסען אויף איהר אללערהאנד געטריידע (תבואות) אללערהאנד בוימפריכטע אונ עס איז דארט צו זעהען א גאנץ יאהר אויף איינעם אונ דעם זעלבען בוים אין איינער אונ דערזעלבען צייט בליטהען (בליהונגען) אונ צייטיגע פרוכט בייזאמען, אויך איזט זיא בעוואסערט מיט זייער פיל וואסערקוועלען אונ טייכען וואס זייען האכסט פישרייך, עס איזט דארט דא איין גרויסער וואסערפאלל (ווארדאפאד) וואס מען הערט זיין רוישען פון דרייא מייל ווייט. אויך איזט דארט דא איין פייער־שפייענדער בערג אונ אזוי אויך זייען דארט דא אללערהאנד געהילץ, מינעראלען (אללערהאנד שטיינער), זייער פיל שוועבעל, קוועקזילבער. עס זייען דארט דא פערשידענע ארטען (מינים) פון פיה (בהמות) אונ פון טהירע (חיות), אונבעשרייבליכע ארטען (גאטונגען) פון פייגלאך. איבער־הויפט איזט דארט צו הויזע דער קאליברי אין איינער גרויסען צאהל, ער איזט צוואר דער קלענסטער פאגעל אונטער אללע פייגלאך, דאך אבער דער שענסטער, אונ ווערט אלזא אנגירופין דער וואונדער גאטטעס. ער האט אונטער זיך זיבעציג גאטונגעס, וואס שיידען זיך אונטער פון איינאנדער נור אין קלייניגקייטען. זיי זייען אבער אללע דורכאויס שיין אונ צירליך איבער דיא מאסען. זייערע פעדערן גליהען אונ גלאנצען וויא דימענטען אונ בריליאנטען, זייערע אייגעלאך שטראהלען וויא דיא טהוי־טראפפינס, וואס עס שפיגעלט זיך אב אין זיי דער מארגענשטערן*), קורץ
געזאגט

*) אונ דאהער פערדינט ער דאס מיר זאללען אונז דא בעשפרעכען איבער איהם פיל מעהר אלס איבער אנדערע געשאפפע (ברואים) וואס וועלין פארקומען היר אין אונזער ערצאהלונג. איבערהויפט וועלין מיר נור ריידין דא פון זיינער קליינסטען גאטונג (מין) וואס הייסט מיט רעכט „דער פליגענפאגעל“ ווייל ער איזט ניט גראססער אלס איין בין. זיין רוקען איזט
(אמער. געש.)
גלענצענד

געזאגט, דיזע אינזעל איזט איין וואהרער נאכשלעקעל (קאפיע) פון דעם גארטען גאטטעס (גן עדן) וואס מע האט געקאנט דארט פיה׳ען איין גליקליכעס לעבען וויא אמאל אדם הראשון פאר זיינעם זינדענפאלל (קודם שחטא). ליידער אבער האבען זיא אונזערע עאוראפייער, וואס האבען דארט

מיט

---

גלענצענד גרין, זיין בויך ווייס, זיין עק שווארצליך בלויא, דיא פליגלען פיאלעט, זיין שנאבעל וואס איזט דין אונ לאנג וויא איינע נאדעל איזט האכסט שווארץ. אויף זיינעם קאפ האט ער איינען פעדערבוש (טשוב) פון פערשידענע גאלדפארבען. מיט דיזעם דינען שנאבעל זייגט ער אויס דעם זאפט פון געוויססע בלומען, וואס דיזעס אליין איזט זיינע נאהרונג. זיינע שטיממע איזט האכסט זיס, אנגענעהם, העלל קלינגענד, האכסט לויט (גלאסנע) דאס עס איזט צו הערען איהר פון גאנץ ווייט דאס דער רייזענדע וואס וואנדערט דורך יענע וועלדער וואו זיי זייען צו הויזע (וואו זיי געפינען זיך) איבערהויפט דעם מארגענס, דוכט זיך איהם דאס אן יעדעס בלאט איזט אנגעהאקט (אנגיצעפעט) איין גאלדענעס גלאקכען וואס ווערט בעוועגט פון איינעם זאנפטען זעפיר (ווינטעלע). זיי פליהען צוזאממען אין גרויסע שווארמע (רויעם וייז) וויא דיא בינען, טויזענד אויף איין מאל אונ דאן הערט זיך זייערע העלל דורכדרינגענדע שטימען וויא זיססע ארגעלטאנע, אדער וויא איינע שטיממונג פון טויזענד פארטעפיאנען פון דער הויך, אונ דאס גלייכען זעהט עס דאן אויס אלס עס איזט דארט אויבען איין געשטאבער (מיאטעליצא) פון פליטערלאך אונ פון אללערהאנד דימענטען אונ ברילאנטען. אונ וויא אויך זיי זייען קליין אונ שיינען צו זיין האכסט שוואך, בייא אללעם דעם זייען זיי געגוג מאכטיג אונ בעהערצט צו שטרייטען מיט זייערע פערפאלגער (רודפים) אדער פיינדע וואס זייען מיליאנען מאל גראססער אונ שטארקער אלס זיי זייען, דען זיי בעזיגען (זיי זייען מנצח) זעלבסט דעם קאנדאר (איין מין אדלער) וואס פון איינעם שפיץ פליגעל זיינעם ביז דעם אנדערען שפיץ פליגעל (ווען ער בריטעט זיי אויס) איזט גאנצע אכטצעהען פוס אונ וואס זיינע פליגעל פעדערן (פענעס) זיין פיל דיקער אלס איין פינגער. דיזער קאנדאר פליהט נאך זייערע שווארמע (סטייעס) אונ שלינגט זיי וויא דיא האביכטען (קארשונעס) דיא בינען אונ דאך איבערווינדען זיי איהם באלד (קומען זיי איהם באלד ביי), דען א טהייל פון זיי פליהען ארויף אויף זיינעם נאקעטען קאפ (ד. ה. וואס ער איז אן פעדערן) אונ לאבערן איהם דאס געהירן (דעם מוח) מיט זייערע שפיציגע שנעבעלאך וואס זייען הארט וויא שטאל, אונ א טהייל קריכען איהם ארונטער אונטער דיא פליגלען זיינע אונ שטעכען אריין זייערע שנעבעלאך אין זיין ברוסט דאס ער ווערט באלד בעטייבט (פערטומעלט דער פון) אונ פאלט ארונטער מיט זייא אויף דער ערד אונ בלייבט דארט ליגען טויט אונ דאן פליהען זיי ארויף צוריק אין

דער

מיט איהר צוואנציג צוריק נאך געשאלטעט אונ געוואלטעט וויא דער טייוועל אין דער אונטערוועלט, פערוואנדעלט אין איינער העללע (גיהנם), וויא מיר וועלען דא ווייטער ערצאהלען. אונ דיזע עאוראפייער וואהרען קיינע אנדערע אלס

---

דער הויף מיט איינעם פריילינבען צוויטשערן (קוויטשען) אלס העלדען נאך איינעם גרויסען נצחון.

דער געפאהרליכסטער פיינד זייערער איזט דיא בוש-שפינע (וואלד שפין) וואס ער פאנגט זיא אין זיינעם שפינגעוועבע וויא דיא פליגען, זייערע נעסטען מאכען זיי פון באוועל רונד (קיילינדיק) אונ בעפעסטיגען זיי אן דיא ווייכסטע ענדען פון דיא העכסטע צווייגען פון דיא העכסטע בוימער, אום דיא שלאנגען זאלען ניט קענען צו קומען צו זיי. זייערע אייעלאך זייען אזוי קליין וויא דיא קלענסטע ארבעסלאך, זיי ווערען געפאנגען זייער פיל לעבענדיגערהייט אונ איינגעשפערט אין זייער שיינע שטייגעלאך אום צו פערגעניגען זיך מיט זייער געזאנג אונ מיט זייערע שיינע קאלארען, דאס הייסט מיט זייער פארבענשפיל וואס ערפרייט דאס אויגע וויא איינע פריזמא*) דען עס איזט ניט איבער צו ציילען דיא צאהל פון זייערע קאלארען וואס אנדערן זיך (מינען זיך) ביי יעדער בעוועגונג זייערער**) זיי ווערען געפאנגען אין שאטקעס וויא דיא זומער פייגעלאך (שמעטערלינגע) אויך ווערען זיי זייער פיל געשאסען, ניט אום צו עסען זיי נור אום צו געברויכען זיי אלס שמוק (צירונג). דען דיא דארטיגע דאמען געברויכען זיי אלס דימענטענע אויערינגען אונ דאס גלייכען אלס בריללאנטענע שטעקנאדעלן (שפילקעס) אין זייערע לאקען (פאפילאטעס). אויך ווערען זייערע פעדערען געברויכט אין שטיקערייען (האפטעוואניעס), זיי ווערען אבער געשאסען ניט מיט שראט אונ פולווער, אום עס זאל ניט שאדען דיא פעדערן, נור מיט וואסער אונ זאמד, אונ נאך ביז דאטע וואר קיין לעבענדיגער קאליברי געבראכט נאך עאוראפא, ווייל זיינע נאהרונג בעשטייט נור אין דעם זאפט פון איינער ארט בלומען וואס קענען ניט געדייהען אין עאוראפא. —

אלזא איזט אונזערן גרויסען שעפער צו בעוואונדערן אין זיינע קליינע ווערקע ניט ווייניגער אלס אין דיא גרויסע ווערקע זיינע.

---

*) דאס איזט איין דרייזייטיגעס גלאטגעשליפענעס גלאז וואס ברעכט דיא ליכטשטראהלען פון זיבען פארבען, דען מעהר אלס זיבען גרונדפארבען זייען ניט דא אונ זיי געפינען זיך אין רעגענבויגען, אונ פון זייער הרכבה ענטשטעהען טויזענדערליי קאלארען.

**) מדרש בראשית ז׳. ר׳ הונא בשם רב כתנא אמר הצבוע הזה (מין עוף) מטפה של לובן הוא ויש לו שלש מאות וששים וחמשה מיני צבעונים כמנין ימות השנה של חמה.

(אמער. גפש.)

אלס דיא פראנצאזען, וואס זייען גראדע דיא ציווילזירטעסטע נאציאן אין דער גאנצער וועלט, דען דיזע אינזעל געהארט צו פראנקרייך, איין גרויסער בעווייז אלזא דאס ציוויליזאציע (פראסוועשצעניע) אליין, אן גאטטעס פורכט איזט דעם מענשען ניט גענוג אום צו זיין איין רעכטשאפפענער מענש אונ דאהער האט אברהם געענטפערט דעם אבימלך אלס ער האט איהם פאר־גיהאלטען ווארום האט ער ניט אויסגעזאגט דאס שרה איזט זיינע א פרויא, נור מיט דיזע ווערטער „כי אמרתי אין יראת אלהים במקום הזה“ ד. ה. איך האב איינגיזעהען דאס עס איזט קיינע גאטטעספורכט דא אין דיזעם ארט אונ ניט געענטפערט מיט דיזען ווארטען: „כי אין חכמה ואין דעת במקום הזה“ ד. ה. דאס עס איזט קיינע ציוויליזאציאן (פראסוועשצעניע) דא אין דיזעם ארט, אלזא מוזען מיר שוין דער פון שליסען דאס ציוויליזאציע אליין אן גאטטעספורכט איזט ניט אים שטאנדע אבצוהאלטען איינעם מענשען זעלבסט פון איינער גראבסטען זינדע, זעלבסט פון איינעם מארד, וויא אברהם האט זיך אויסגעדריקט דאן מיט דיזען ווארטען: „והרגוני על דבר אשתי“ זיי וועלין מיך ערמארדען וועגען מיינער פרויא. אונ דיזע שלימע פערוואנדלונג דיזער אינזעל אין איינער האללע, איזט געשעהען ערשטענס דורך דיא גרויסע פערווארפענהייט (פאדלאסט) אונ זיטטענלאזיגקייט (אויס־געלאסענהייטען) פון דיא דארטיגען דרייטויזענד קאלאניסטען וואס האבען דארט געלעבט דאן אין איינעם גרויסען איבערפלוסס (רייכטהום) אונ אין איינער גרויסען וואהללוסט (ראסקאש), אונ האבען נאך געשאלטעט אונ געוואלטעט איבער זייערע לייבאייגענע (פאדאנעס). דען זיי (דיא קאלאניסטען) וואַרען זעהר רייך, דען ערשטענס האבען זיי דאן געהאט צוואנציג טויזענד סקלאווען, וואס זיי האבען מיט זיי געארבייטעט נאך פיל שווערער אלס מיט צוגפיה (פערד אונ אקסען) וויא מיר וועלין דא באלד מעהרערעס דאריבער שרייבען. צווייטענס האבען זיי זיך דארט בעשעפטיגט ניט נור מיט דער אגראנאמיע (עבודת אדמה) אליין, גיין, זיי האבען זיך נאך דארט בע־שעפטיגט מיט איינער גרויסען פאבריקאציאן, זיי האבען דארט איינגעריכטעט צוקערפאבריקען, זאוואדען פון רום, לעדערפאבריקען אונ דערצו נאך מיט איינער גרויסען פיהעצוכט (סקאטאוואדסטווא). מעהר אלס צווייא מאל הונדערט טויזענד שאפע וואַרען אויף דער ווייַדע געטריבען, דערצו נאך זייען זיי געשטאנען אין איינעם גרויסען פערקעהר מיט דיא אלע דארטיגע נאהנטע אונ ווייטע אינזעלן וואס וועהרען געגאנט אים אלגעמיינען (בכלל) דיא אנטיללען. זיי האבען דארט איינינע האפען (פארטען) וואס וואַרען דאן איממער פול אונ פאק מיט קויפמאנס שיפען, דאס דיא דארטיגע הויפט שטאדט זייערע וועלכע עס הייסט באססאטערא וואס וואר שוין דאן געבויט פול מיט פרעכטיגע פאלאצען, מיט גרויס ארטיגע קירכען, מיט איינעם גרויסען טהעאטער, וואר איממער בעלעבט פון טויזענדע געסטע (פרעמדע)

(אמער. געש.)

קויפלייטע

קויפליטע, מאטראזען, שיפסקאפיטאנס פון אלערוועגען, דאס מיט רעכט האט מען איהר גערופען „קליין פאריז“, קורץ געזאגט, דיא דרייטויזענד קאלאניסטען וואהרען דרייטויזענד מיליאנערען, און זייערע דרייטויזענד פלאנטאציען (קאלאניען) וואהרען זא צו זאגען דרייטויזענד קליינע פירסטענ־טהימער (קניאזעסטוועס), אלזא קיין וואונדער שוין דאס זיי האבען דארט געפיהרט איין העכסט וואהללוסטיגעס (ראסקאשנע) און איין העכסט פרייעס לעבען, וואס האט הארט אנגינרענעצט אן דער גרעסטען זיטטענלאזיגקייט (הולטאיסטווא), דאס מען האט גיקענט זיי מיט רעכט פערגלייכען מיט דיא איינוואהנער פון סדום, וואס אויף זיי האט דער אליפז געזאגט (אין איוב כ״ב) „האומרים לאל סור ממנו ומה יפעל שדי למו והוא מלא בתיהם טוב״, דען עס וואר אונטער זיי אויסגעאיבט (בעגאנגען) אלע זינדען פון דיא סאדאמיטער (אנשי סדום), דיא גרעסטע אונצוכט (עריות) און דיא גרעסטע טיראניע, אלזא וואר זיא (דיזע אינזעל) צו איינער האללע (גיהנום) געווארען פיר יעדען גוט דיינקענדען און גאטטעס פירכטיגען מענשען, דאס נור ווער רעדליך (עהרליך) געדיינקט האט און גוט געמיינט מיט זיינעם שאפפער האט איהר (דיזע אינזעל) שוין אויסגעמיידט וויא דיא פעסט.

צווייטענס וואר זיא צו איינער האללע (גיהנום) געווארען דורך זייערע בארבארישע בעהאנדלונגען זייערע סקלאווען דאס עס שוידערט עס צו הערען פשיטא שוין עס צו זעהען געוועזען, און דיזעס וויל איך בעשרייבען דא אין דעם צווייטען קאפיטעל, דאך אבער מיט איינער שוינונג בייא מיינעם וויססען דאס אייערע זעעלען, מיינע טהייערע לעזערינען, וועלען דער בייא ניט וועניג ליידען. איך וועל דא נור איין עטוואס בעריהרען דער פון, דאס הייסט, וויא וייט איהר האט עס נייטיג צו וויססען אום צו פערשטיין דיזע געשיכטע, געשווייגע (בפרט) דאס איך האב שוין איין לאנגעס און ברייטעס געשריבען דער פון אין מיינער געשיכטע „דיא סקלאווען“ וואס וואר געדרוקט פאר איינינגען יאהרען צוריק אין צוויי טהיילען און דערצו נאך מיט איינער גרויסען פאררעדע וואס איזט זא צו זאגען, איין גוטער קאמענטאר (מפורש) אויף דעם פסוק „כי יצר לב האדם רע מנעוריו“ און צו גלייך איין גרויסעס פאסקוויל איבער דיא מענשהייט (מין האנושי) בכלל, וואס עס שטייט אויף איהם געשריבען אין אונזער תורה דאס ער איזט איין נאכשלעקעל (קאפיע) פון בורא ברוך הוא: „כי בדמות אלקים עשה את האדם“ און דאך ביי אלעם דעם, טראטץ (פראטיוו) זיינער גאטטליכען זעעלע איזט ער פיל מעהר גענייגט (סקלאנני) צום בייזען אלס צום גוטען און איזט אלזא געמייניגליך (על פי רוב) פיל מעהר אהנליך (פאדאבנע) צוא איינעם בייזען דעמאן (טייוועל) אלס צו איינעם ענגעל גאטטעס און צייגט זיך זייער אפט פיל מעהר געזונקען (נידעריג) אלס איין רייסענדעס טהיר

(חיה רעה*), וויא עס איז צו לעזען איבער דעם אין "דער גלאקקע" פון שיללער, וועלכע איך ציטירע (איך פיהר אן) דא אונטען. —

## 2.

## דער צושטאנד פון דיא שקלאווען דאן אויף דער אינזעל גוואדעלופע.

דיא צוואנציג טויזענד שקלאווען וואס ווארען דארט אין יענער צייט וואס אונזערע געשיכטע איז דארט געשעהען, דאס הייסט אין דעם יאהר טויזענד זיבען הונדערט אכט אונ צוואנציג, ווארען איין געמיש (פערמישונג) פון נעגער, פון מולאטען, פון מעסטיצען, פון אינדיאנער**), אונ ווארען דארט בעהאנדעלט מיט איינער גרויסען הארטע (הארטקייט) פיל שלימער אלם

---

*) געפאהרליך איזט עס דען ליי (לייב) צו וועקקען, פערדערבליך איזט דעם טיגערס צאהן, יעדאך דער שרעקליכסטע דער שרעקקען, דאס איזט דער מענש אין זיינעם וואהן (אין זיינער איינבילדונג), וועהע דענען, דיא דעם עווינבלינדען דעם ליכטעס הימעלספאקקעל לייהן! (דאס איזט געמיינט דיא בילדונג) זיא שטראהלט איהם ניכט, זיא קאן נור צינדען אונ אשערט (זיא פערברענט אונ מאכט צו אש) שטאדט אונ לאנדער איין! (המשכיל יבין וירד לעומק דעתו של המשורר הנשגב הזה).

**) נעגער זייען אפריקאנישע מורינען וואס ווערען נאך איצונד דארט אין אפריקא פערקויפט אויף דיא מערק העררענוויים (סטאדעןווייז) וויא דיא צונפיהע (פערד אונ אקסען), מאנגער, פרויען אונ קינדער, אונ מיט אצאהר צוואנציג צוריק וואר דער האנדעל מיט זיי נאך הונדערט מאל גרעססער געטריבען אלם איצונד, וויל דיא סקלאווענהענדלער פלעגען דארט צו מאכען גרויסע איינקויפע (קניות) פיר דיא אמעריקאנישע קאלאניסטען פון דעם זידען (דרום), מעהר אלם הונדערט טויזענד, יאהר פיר יאהר, איצונד אבער שוין ניט מעהר, דען עס איז דארט גאנץ אונ גאר פערבאטען צוא האבען מעהר איינענע סקלאווען, דיא אלע וואס האבען גילעבט דארט פון פריהער ווארען בעפרייט, אונ מעהרערע טארען שוין ניט צו געפיהרט ווערען אין דיזע קאלאניען. דיזע נעגער ווארען דיא בעסטען שקלאווען. דיא מולאטען זייען אזעלכע שקלאווען וואס ווארען פון געמישטע עלטערן, דאס הייסט, דאס דיא מוטטער צום ביישפיל וואר איינע נעגערין אונ דער פאטער איין עאוראפייער, אדער אומגעקעהרט, דער פאטער איין נעגער אונ דיא מוטטער איינע עאוראפייערין, דיזע זייען דונקעל-

(אמער. געש.)

געלב

אלס עס ווארען בעהאנדעלט אמאל דיא לייבאייגענען אין פוילין. ניט איינער
פון זייא האט זיך געטארט ענטפערען (אטלוצען) פון זיינעם ארט אן איינע
שריפטליכע ערלויבניס פון זיינעם הערען, ווען אזוי איינער וואר ערטאפפט
(אנגעהאפט) וואר ער פיל שלימער בעהאנדעלט אלס איין מאל איין דיזערטיר
(איין בייעגלער סאלדאט). נאך הארטער ווארען זייא בעשטראפט אלס מע האט
זייא אנגעטראפען אין איינער גרויסען פערזאממלונג. ווען איינער פון זייא האט
זיך געוואגט אויפצוהייבען איינע האנד געגען איינעם ווייסען, וואר ער געהאנגען,
עס האט ניט איינער פון זייא געטארט זיך לערנען לעזען אדער שרייבען, ניט
איינער פון זייא האט גיטארט שטיין אין דער קירכע מיט איינעם ווייסען
צוזאממען, האט זיך ניט גיטארט אנרופען אויף זיין פאטערס נאמען, נור
אויף דעם נאמען פון איינעם ווילדפרעמדען אדער וויא עס איזט איינגעפאללען
דעם פריסטער בייא דער טויפע, דאס הייסט אויף אזוי א נאמען וואס געפינט
זיך גאר ניט אין דער וועלט, אום עס זאל קיין פאמיליענפערבונד זיין אונטער
זייא. עס וואר מיט זייא געארבייטעט וויא מיט אקסען אונ פערד, דען זיי
ווארען געשפאנט פאר דעם אקער אונ פאר דעם וואגען וויא דיא פערד,
זעלבסט פאר דיא פאעטאנען (קארעטעס) אונ אנגעטריבען מיט לאנגע
בייצען איבער זייערע הויט לייבער, אין דיא גרעסטע היצען אונ אין דיא
גרעסטע זעמד, דאס זיי פלעגען זיך (וויא צו זאגען) באדען אין זייער
איינענעם בלוט, דען זייערע לייבער פלעגען צו ווערען אויפגעריסען דורך
דיא גוואלדיגע היבע (אודארעס) פון דיא קוטשארעס מיט זייערע לאנגע אונ
קאנטיגע

---

געלב, אונ עס גיט אונטער זיי גרויסע שיינהייטען. — דיא מעסטיצען זייען
קינדער וואס ווערען אויך געבארען פון איינער אנדערן זארטע פערמישונג,
דאס הייסט פון אזעלבע עלטערן וואס דיא מוטטער איזט צום ביישפיל איינע
אינדיאנערן, אונ דער פאטער איין עאוראפייער אדער אומגעקעהרט, דאס
הייסט דער פאטער איזט איין אינדיאנער אונ דיא מוטטער איזט איינע
עאוראפייערין. אונ אונטער דיזע קלאססע גיבט עס דיא גרעסטע שיינהייטען.
בייא דיזער פערמישונג קומט עס הויפטזאכליך אן אויף דיא פארבונג פון דיא
פאטער (פאטערס). איזט נור דער פאטער איין ווייסער זייען שוין דיא קינדער
פיל שענער אונ קלארער. דיזע אלע האבען דארט קיינע מענשענרעכטע
דאן־געהאט, ווארען בעטראכטעט נור וויא צוגפיהע אונ ווארען אויסגעמידען
פון דער מענשליכען געזעללשאפט, אויסגענאממען דיא בעפרייטע סקלאווען,
דאס הייסט דיא יעניגע וואס זייערע הערען האבען זיי בעפרייט, האבען
געהאט דאס רעכט צו קויפען גרונדשטיקע (קרקע) אונ דאס גלייכען צו האבען
איינע אייגענע העערדע (סטאדע) סקלאווען, דאך קיין אמט (ציון) האבען אונ
ניט אויפגענומען צו ווערין אין איינער עאוראפייאישען סאבראניע, אין וועלבער
זייא ווארען אויסגעמידען וויא דיא פעסט.

(אמער. געש.)

קאנטינע ראפניקעס. דיזע וואונדען פלעגע מוזען אלע אווענד געוואשען ווערען מיט ווייגעססיג אונ מיט ציטראנענזאפט, אונ ווארען דערצו נאך פיל שלימער געגאהרט אלס דיא פערד אונ געהאלטען אין וואוינונגען וואס ווארען פיל שלימער אלס דיא שטאלען, דען זייערע הייזעלאך ווארען זייער קליין אונ נידעריג, געמאכט פון שילף (קאמיש) אונ ליים, אונ אזוי אויך ווארען זיי זייער שלעכט געקליידעט. זיי פלעגען צו גיין האלבנאקעט, אויסגענומען דיא יעניגע וואס ווארען בעשטימט פיר דיא הויזבעדינונג.

דיזע אלע נעגער ווארען געטויפט מיט געוואלט אונ צו קריסטען געמאכט, ניט וויסענדיג איין עטוואס פון דער קריסטליכען רעליגיאן וואס איזט געגרינדעט אויף נאכסטענליבע (אהבת רעים). דאס איינציגע גוטע וואס זיי האבען פון איהר געגאססען וואר נור דיא רוהע וואס זיי האבען גיהאט אלע זונטאג, איינע רוהע וואס איזט בעשטאנען נור אין דעם, דאס זיי ווארען ניט געטריבען אין איהם צו פאנשצינע, אבער ניט איינע פאלקאמענע רוהע וואס דיא לייבאיינענע (פאדאנעס) פלעגען צו געניססען אלע זונטאג אין אונזערע עאוראפייאישע לענדער. ניין, אין דיא אלע זונטאגס טאגע פלעגען זייא מוזען בעשטעלען (צורעכט מאכען) זייערע אוצאסטקעס ערד וואס וואר זיי צוגעטהיילט צו פערזייען אין זיי גארטענ־פריכטע, (קארטאפעל, מאהרען, צוויבעל, ריבען, רעטאך) צוא זייער אייגענעם געברויך, דען קיינע אנדערע צייט וואר זייא ניט פערגעגט (פערגונען) צו טאהן וואס ארום דעם. דיא סקלאווען וואס האבען געהערט צו דיא אידישע קאלאניסטען האבען געהאט רוהע צווייא טעג זונטאג אונ שבת, אונ האבען געהאט איינע פיל בעססערע בעהאנדלונג ביי זיי אלס ביי דיא קאטולישע קאלאניסטען.

אלע זעקס טעג אין וואך פלעגען זייא געוועקט ווערען דורך איינע טרומע ביי קליין בעגינען צו דער ארבייט אינס פעלד אונ אין דיא פאבריקען אונ ווארען אנגעהאלטען (צוגעטריבען) זייער שטרייג ביי דיא אלע שווערע בעשאפטיגונגען ביז צוועלף דעם זייגער אונ דאן אלס זייא ווארען אבגעלאזען פון דער ארבייט, האבען זיי זיך בעשעפטיגט מיט דעם צובערייטען פון זייער מיטטאג, וואס וואר געקאכט פון גארטענפריכטע מיט דיא קנאכען (ביינער) וואס זייערע קליינע קינדער פלעגען עס צוזאמענקלייבען אין דיא קיכען פון זייערע הערען, אונ פון צווייא אוהר ווארען זייא ווידער אנגעהאלטען בייא זייערע שווערע ארבייט ביז רעכט נאכט. פיר זייערע קליידונג האבען זיי בעקומען אלע יאר איין גראבעס העמד אונ אלע מאנאט איין האלבע טאפ זאלץ, אונ דיא איבעריגע לעבענסבעדירפניססע האבען זיי געמוזט שוין אליין בעזארגען פיר דען קנאפען גראשען וואס זיי פלעגען צו בעקומען פיר דיא פיש אונ פייגלאך וואס זייא פלעגען צו פאנגען אין מאנכע זונטאגען

וואס זיי פלעגען צו גיין אפט ליידיג פון זייערע היזליכע ארבייט אונ פלעגען עס טראגען צום מארק, אונ ווען דיזעס וואר זיי נאך צו ווייניג, פלעגען זייא שטעהלען (גנבענען) אין דיא פינסטערע נעכט, אונ האבען דיזע פראפעססיאן פיל געשיקטער געטריבען (פראאיזוואדעט) אלס אונזערע עאוראפייאישע דיבע (גנבים), ערשטענס ווייל זיי זייען העכסט געשיקט אין קלעטטערן אונ אין שפרינגען ניט ווייניגער אלס דיא אפען (אבעזיאנעס) אונ צווייטענס ווייל זיי זייען שווארץ אונ פינסטער וויא דיא נאכט, נון וואר שוין גאנץ שווער צו בעקומען זיי אין דער דונקעלהייט דער נאכטע. דריטטענס וואר זייער שווער אנצוגרייפען זיי, ווייל זייא ווארען אימער נאקעט, אונ ווען מען האט זייא שוין יוא אפט ערגריפען האבען זייא זיך זייער שנעל ארויס געגליטשט ווייל זייערע לייבער וואר געשמירט אימער מיט איינעם פעטס אלס איין געוויססער שוצמיטטעל געגען דיא זאנגענהיטצע אונ אללעם וואס זיי האבען נור געשטוילען וואר עס פערקויפט אן דיא שאחערער (חויחעם) אדער מאטראזען פיר איין פירטעל געלט. —

עס ווארען געטריבען צו דער ארבייט מאנגער פרויען אונ קינדער צוועלף יאריגע, אונ עס פלעגען ווערען פערשוינט נור גאנץ אלטע, שוואכע אונ קראנקע, אונ וויא אויך עס וואר מיט זייא געארבייט זייער שווער אין דיא פעלדער אונ אין דיא פאבריקען, בייא אלעם דעם וואר דיא יעניגען, וואס ווארען אנגיהאלטען (פרינודעט) צו דיזע זויערע ארבייט, פיל בעססער אלס דיא יעניגען נעגער וואס ווארען אנגעהאלטען בייא דעם הויזדינסט אלס קוטשערעס, קוכארקעס, לאקייען, קאמערמאדכען אונ קאמערדינער. זייא ווארען צוואר גוט בעקעסטיגט, גוט געקליידעט, אונ שוין ניט ווילענדיג (דאס הייסט ממילא) איין עטוואס אויסגעבילדעט. זיי ווארען אבער אימער מיסהאנדעלט (שלעכט בעהאנדעלט), דען זייא פלעגען ווערען זייער הארט בעשטראפט פיר דעם מינדעסטען פערזעהען. אזוי צום בייאשפיל ווארען דיא קוכארעס אונ דיא קוכארקעס געציכטיגט (געשמיסען) ווען דאס עססען האט ניט אזוי גוט געשמעקט וויא עס וואר געוואונשען, אונ אזוי ווארען דיא וועשערינס געפייטשט (געקאטעוועט) ווען דיא וועש וואר ניט אזוי געוואשען וויא עס וואר פערלאנגט. דאס גלייכען ווארען דיא קוטשארעס געפריגעלט ווען א פערד האט זיך פערדראטעוועט, אדער ווען דער פאיאזד האט געבראכען, נאך מעהר האבען דיא קאמערמאדכען געליטען פיר דעם מינדעסטען פערזעהען דאס עס פלעגען זיך זייער פיל פון זייא ערטרינקען אונ אויפהיינגען.

מאנכע קאלאניסטען פלעגען צו פערבלייבען זיצען אן ווייבער אום צו קענען לעבען נאך זייער בעליבען מיט דיא שיינע מולאטקעס אונ מעסטיצקעס. אלע נאכט וואר צוגעפיהרט איין אנדער מאדכען פון זייא

אדער איינע פרויא, אונ דיא קינדער וואס זייא פלעגען צו האבען פון זייא וואָרען צו שקלאווען אדער שקלאווינען געמאכט. אונ אזוי וואר אויך אומגעקעהרט, דאס הייסט דאס מאנכע קאלאניסטין (דאס הייסט איינע דאמע וואס וואר איינע בעזיצערין פון איינער קאלאניע) פלעגט בלייבען זיצען אן א מאן אום צו לעבען מיט איהרע שיינע שקלאווען. פילע פון דיא קאלאניסטען פלעגען אבצוגעבען פיר איינען גוטען פרייז זייערע שיינע מולאטקעט אונ מעסטיצקעס אין דיא פריידענהייזער (פובליצני דאם) אין דיא האטעלען, אונ זייערע קראנקע אונ אלטע שקלאווען פלעגען זייא פערקויפען צו דיא ארצטע (דאקטוירים) דאס זייא זאלען אויף זייא פראקטיצירען אונ זיך איבען (אופּראזנאיען אדער לערנען) וויא צו מאכען אפעראציאנען, אדער זייא פלעגען זייא פערקויפען צו דער דארטיגען רעגירונג וואס האט זייא געברויכט אלס קאדער (פרימאנקא לאקשפייזע*) פיר דיא קראקאדילען וואס זייען

*) דער קראקאדיל איזט איינע איידעקסע (יאשצערקע). ער געפינט זיך אין דיא גרויסע פליססע (טייכען) ד. ה. אין געהעדיגע וואססערן אונ אין אזערעס אונ איזט לאנג זייער אפט פונפציג טריט. זיין שופיגע הויט איזט אזוי הארט דאס קיין קויל קען איהר ניט דורך שיססען. זיין בויך אבער איזט וייך, זיין מויל איזט געשטאלטעט (געפארמט) וויא דאס מויל פון איינעם העכט, אונ ער האט אין זיך צו פונפציג שארפע אונ גרויסע ציינער אין יעדער קינלאדע (דאס הייסט אזוי אין דיא אויבערשטע יאסלעס זיינע אונ אזוי אויך אין זיינע אונטערשטע יאסלעס). ער האט קיין צונג. זיינע פאדערמטע פיס האבען צו פינף פינגער וואס זייען מיט גרויסע נעגעל, אונ דאס גלייבען האט ער צו פינף פינגער אין זיינע הינטערסטע פיסע וואס זייען פערבונדען מיט איינער שוימהויט וויא דיא פינגער פון א גאנז. זיין עק איזט אזוי לאנג וויא זיין גאנצער קארפער אונ עס איזט אזוי פיל קראפט אין איהם דאס ער קען מיט איהם אומקעהרען א גרויסע צינקע (לאדקע) אונ טייטען א מענשען מיט איינעם שלאג אונ איזט אלזוי איין גרויסער מזיק. זיינע נאהרונג (עססען) איזט פיש, טהירע אונ מענשען אונ פערצעהרט עס נור אויף דער יבשה אבער ניט אין וואססער, אזוי דיא פיש אויך ניט. ער לויפט זייער שנעל וויא איין פייל פון בויגען אונ פאלט אלזוי איבער זיין רויב אונגעריבטערהייט. אונ וייל ער קען זיך ניט אומווענדען (דאס הייסט ניט ביינען זיין נאקען וויא א וואלף) אונ אומקערען זיך קומט איהם אן שווער וויא א בערוועגע*) דאהער איזט זייער לייכט צו רעטטען זיך פון איהם דורך איינען זייטענשפרונג. זיינע שטיממע איזט איין בריללען וויא פון איינעם

*) ולפי זה נקרא הוא גם נחש בריח שמה בספר ישעי' כ"ז מפני היותו בלא פרקים וארוך כבריח ארמון.

(אמער. נעש.)

זייען דארט דא זייער הייפיג אין יענע וואסערן, דאס הייסט, זיא (דיא רעגירונג פון דארטען) האט זייא געלאזט אנבינדען אן סלופקעס לעבען יענע ערטער פון דיא וואסערן וואס געפינען זיך דארט דיא קראקאדילען אום ארוים צו באוואונען זייא דורך דעם פון דיא טיפע אונ פערשטעקטע ערטער זייערע (דען זייא ליבען מענשענפלייש פיל מעהר אלס אלע אנדערע שפייזען), אונ טייטען זייא בייא זייער איבערפאללען איבער דיא אלטע אונ שוואכע שקלאווען, אויך אבט יאריגע קינדער ווארען דארט דאן ניט פערשוינט. זייא ווארען געברויכט צו פאנגען דיא קאליבערעס, צו בעדינען אונ צו בעלוסטיגען דיא בארסקע קינדער, צו פירען זייא, אדער בעססער

צו

---

לייב. — זיין ווייבכען לייגט הונדערט אייער אלע יאהר אונ פערשארט זייא אין זאמד, זייא ווערען אזוי אויסגעבריטעט פון דער זון אונ אלס זייא קריכען ארוים פון דיא אייער קומט דיא מוטטער צו זייא, לייגט זייא ארויף אויף איהרעם רוקען אונ טראגט זייא אריין אינס וואססער אונ דאן עסט זיא אויף דיא יעניגען פון זייא וואס קענען ניט שווימען, אונ אום דאס דיזע מזיקים זאללען זיך ניט פערמעהרען האט דיא גאטטליכע השגחה באשאפען אזוי א מין מויז וואס איזט גרוים וויא א וועווערקע וואס זוכט אויף דיזע אייער אונ זופט זייא אוים. דיזע מויז הייסט: דיא אייכנאמע. אויך ווערען דיזע אייער אויפגעזוכט פון דיא מענשען צום עססען. זעלבסט דיא קראקאדילען ווערען געפאנגען אונ געגעססען. אין דער ביבעל (תנ״ך) ווערט ער אנגערופען לויתן, אזוי זאגט פונקע אין זיינער נאטורגעשיכטע. ער געפינט זיך איבערהויפט אין דעם נילשטראם, אין אסטאינדיען אונ אין וועסטאינדיען (אין זידליכעם אמעריקא) וואס ער הייסט דארט מיט דעם נאמען קיימאן אונ איז דארט איין האכסט געפעהרליכעס טהיר פיר דיא פיהע אונ פיר דיא מענשען. —

נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט וויא עס איז צו מוטה דיזע ארעמע שקלאווען וואס ווערען בעשטימט צו דיזעם טיראנישען געברויך. עס ציטערט אין זייא דאן יעדער געדער (אדעריל), זייא וויינען אונ קלאגען אונ שילטען דעם טאג וואס זייא זייען אין איהם געבארען געווארען. דען בעפאר נאך דיא יאגער פאססייען צו טייטען זייא (דיא קראקאדילען) ווערען זייא (דיא שקלאווען) איבער געפאללען פון דיזע אונגעהייער (מזיקים) אונ ווערען פון זייא פערקריפעלט (צו קאליקעס געמאכט) אדער אין גאנצען צערריסען. ובזאת יבואר לנו הקרא (איוב ג׳) יקבהו אוררי יום העתידים עורר לויתן, פי׳ יקללו יום הולדו העבדים הנחרצים לעורר את הלויתן (אויפצורייצען דעם קראקאדיל) כי כן נקרא בלשון ערבית כל בריה משונה בגדלה ובכחה (יעדעס אונגעהייער) מהיותם מהירים ומלומדים לאור ולקלל רב יתר מכל קשי ימים אחרים.

(אמער. געש.)

צו זאגען איין צו שפאנען זיך אין דיא קליינע קארעטקעס אלס פערדלאך, צו פערשטעללען זיך אונ מאכען קונצען פאר זייא, אונ ווארען גענאהרט (געקארמעט) וויא קליינע הינטלאך.

אונ דאך בייא אלע דיזע אונטערדריקונגען אונ פייניגונגען האבען דארט דיא שקלאווען געלעבט פיל לייגער אלס זייערע העררען (דיא קאלאניסטען) דען זייא האבען דארט ניט מאריך ימים געוועזען וועגען זייערע גרויסע אויסגעלאססענהייט אונ וועגען זייער פיהרען איין האכסט אונמאססיגעס לעבען. דען פון זייער אויפשטיין ביז זייער לייגען זיך ווארען זייא ערגעבען דעם זויפען, דעם פרעססען, דעם קארטענשפיל, אין דיא אבענדע האבען זייא פערברבראכט אין באלע (באליקעס) אונ אין פערבאטענע ליבשאפטען, אונ האבען אלזוי געאלטערט פאר דער צייט, אונ איין גרויסער טהייל פון זייא פלעגען צו שטארבען איין אוננאטירליכען טויט. דען מאנכע פון זייא פלעגען זיך זעלבסט פערגיפטען אויס אייפערזיכט, דאס הייסט אויס פערדרוס דאס זייערע פרויען זייען געוועזען ערגעבען אנדערע מאנגער, אויס זייער פערשפילען גרויסע קאפיטאלען אין קארטען, אונ מאנכע ווארען פערגיפטעט דורך זייערע שקלאווען אונ אנדערע פלעגען אומצוקומען דורך צווייקאמפפע (פאיעדינקעס) אונ איין גרויסער טהייל דורך דיא אויפשטאנדע (מריבות) פון זייערע שקלאווען וויא מיר וועלען דא באלד איין עטוואס שרייבען דער פון.

---

# 3.

## איין עטוואס איבער דעם כאראקטער פון דיא שקלאווען.

דיא נעגער שקלאווען זייען פון נאטור געדולדיג (צערפליווע), פערשוויגען, ארבייטזאם (ראבאטליווע), אונ בייא איינער גוטען בעהאנדלונג זייען זייא אויך האכסט טריי אונ ערגעבען זייערע העררען. אין פערקעהרטען פאלל אבער, דאס הייסט, ווען מען בעגייט זיך מיט זייא הארט אונ רויה אונ מען לאדעט זייא איבער טיט צו שווערע ארבייט, ווערען זייא האכסט היטרע אונ האכסט ראכזיכטיג (מסטיטעלנא) אונ רעכנען זיך אב מיט זייערע בעדריקער בייא דער ערשטען אונ בעסטען געלעגענהייט האכסט בלוטיג אונ האכסט טיראניש, מאכען דאן איינע פערשווערונג (זאגאוואר אדער קשר) אונ דערצו איינען געהיימען הויפט מאן איבער זיך וואס זייא געבען זיך איהם אונטער מיט לייב אונ לעבען אום צו טאן אלעס וואס ער וועט זייא בעפעהלען צו טאן אין דער צייט וואס ער וועט בעשטימען צו זייער אויפשטיין געגען זייערע טיראנען. דיזע פערשווערונגען

(אמער. געש.) זאגאווארע

(זאנאזוואָרען) וואָרען געהאַלטען בְּסוֹד זייער אָפְּט מעהרערע יאָרען, דאס עס וואר ניט אם מינדעסטען צו שפּירען דער פון ביז דיא לעצטע מינוט פון זייער אויפבּרעכען. דען זייא זייען האבּען פערשווינען (מאַלצאַליווי).

איין האבּכט טרויעריגער ביישפּיל דער פון וואר דער גרויסער אויפשטאַנד (מיאַטעז) וואס וואר אויף דער גרויסען אינזעל סאנקט דאמינגא אין דעם יאהר טויזענד זיבּען הונדערט דריי און ניינציג, דאס דיא געגערסקלאַווען וואס ווארען דאן אנגעפיהרט פון זייערן בּיזהער געהיימען אנפיהרער (הויפּט מאן) טאאוסיינט לובערטורע איין געקנעכטעטער נעגער, זייא האבּען דאן ערמאָרדעט דאָרט מעהר אלס צוואנציג טויזענד קאָלאָניסטען מיט מיתות משונות, האבּען זייא איינגעבונדען צווישען צוויי ברעטער און איבּערגעזעגט, ארויסגעצויגען זייערע אויגען מיט אנגעבּרענטע פּראָפּענציהער, האבּען פערבּרענט זייערע פּלאַנטאַציען און האבּען אנגעמאַכט שאדען מעהר אלס פינף הונדערט מיליאָן פראַנק און האבּען זיך אליין דאן בּעפרייט אויף אימער פון דער פראנצויזישען רעגירונג. און אזעלכע אויפשטאַנדע (מיאַטעזען) פון דיא שקלאַווען אנטקעגען זייערע טיראַנישע הערען ווארען הונדערטע, נור אין איינעם קלענערען מאָסשטאַב (גראַד) און זייער אָפּט האט געטראָפען דאס אלע שקלאַווען פון איינער קאָלאָניע, דאס הייסט דיא גאנצע סעלעניע זייערע, זייען אין איינער נאכט אנטלאָפען געוואָרען מיט וויב און קינדער, ביז איינעם וויא איין שוואָרעם (רויא) בינען פון איינעם בּינשטאָק, און זייען אוועק אין דיא געדיכטע וואַלדינגען (וועלדער), וואס ציהען זיך איבּער דיא דאָרטיגע געוואַלטיגע און סקאַליסטע געבּירגע, וואס עס איזט אונמעגליך צוצוקומען צו זייא און פערבּלייבען דאָרט פיר אימער. זייא לעבּען דאָרט פון יאגד, פון פיש פאנג, פון וואָרצעלן, פון קרייטער, פון שוואָמען און ווילדע פריכטע און פון רויב, דען זייא פאלען איבּער אין פינסטערע געגענט איבּער דיא נאהנטע קאָלאָניען, און טרייבּען אויך איין האנדעל מיט דיא זעערויבּער, דאס הייסט איין טויש האַנדעל (מעניאַוואי טאָרג) דאס הייסט זייא בייטען איין זייערע פעל און געטרוקענטע פיש און אלעס וואס זייא רויבּען אוועק פון דיא קאָלאָניען, בּייטען זייא אוים מיט זייא אויף געוועהר, פולווער און קוילען און שטייען אין בּונד מיט דיא בּוקאַנער *).

דיזע אנטלאָפענע שקלאַווען ווערען אנגירופען בּושמאַנער און דיא קאָלאָניסטען פלעגען צו פיהרען אימערוועהרענד (שטענדיג) קריג **) וואס ווארען

*) בּוקאַנער הייסען פּרייבּייטער דאס ווארען ענגלאַנדער וואס ווארען מיליטערישע (וואָיענע) רויבּער, וואס פלעגען איבּער צו פאלען נור דיא שפּאנישע קאָלאָניען, ווייל ענגלאנד וואר פילע יאהרע אין קריג מיט שפּאניען.

**) דיזע בּושמאַנער הייסען אים העבּרעאישען שוכני סנה עיין אבן עזרא על הקרא הזה וגם עליהם נאמר תחת חרול יספחו.

(אמער. געש.)

וארען האכסט בלוטיג אונ טיראניש. דיא גרעסטע ראבע (נקמה) פון דיא בושמאנער איזט בעשטאנען אין דעם קינדערראוב. דען זייא פלעגען וועג־צורויבען דיא קליינע קינדער פון דיא קאלאניסטען, פלעגען זייא צו מאכען פיר קאליקעס אונ אבשיקען זייא צו זייערע עלטערן.

אבער נון פעהלט אונז ניט אויך אן שיינע ביישפילע פון זייערע גרויסע טרייע אונ ערגעבענהייט צו זייערע העררען וואס האבען זייא נור גוט בעהאנדעלט אונ דאס גלייכען פון זייער גרויסע פערשוויגענהייט אונ מיר וועלען דא איינינע בעגעבענהייטען דער פון מיט טהיילען אייך, מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען, אלס פראבעשטיק פון דיזעביידע טוגענדען (מדות טובות) זייערע.

אין דעם יאהר טויזענד זיבען הונדערט איין אונ נייצינ וואס פראנקרייך וואר אין איהם געווארען דורך איינע האכסט בלוטיגע רעוואלוציאן איינע רעפובליק, אונ האט אלזוי דאן פובליצירט גלייכהייט אונ פרייהייט אין איהרעם גאנצען רייך (אימפעריא, מדינה) דאס הייסט, דאס עס זאל אין גאנץ פראנקרייך שוין ניט מעהר זיין קיין אדעלשטאנד אונ קיין סקלאווענשטאנד, האבען דאן פילע פארזיכטיגע קאלאניסטען, אוים בע־זארגניס דאס דיזער בעפעהל פון גלייכהייט אונ פרייהייט זאל זיך ניט בעציהען אויך אויף דיא אלע אינזעלן וואס געהערען צו פראנקרייך אונ עס וועלען אלזוי בעפרייט ווערען אויך דיא נעגערסקלאווען, וואס דאן וועלען זייערע פלאנטאציען קיין געהאלט (סטאאימאסט, זנאצעניע) האבען וויא איין נול אן איינעם ציפער, — האבען זיך בעאיילט צוא פערקויפען זייערע קאלאניען, אונ האבען אויסגעוואנדערט נאך עאוראפא. אם מעהרסטען וואר מען בעזארגט דאריבער אין סאנקט דאמינגא, דען עס וואר דארט איינע גרויסע מענגע סקלאווען, איין האלבע מיליאן ביינאהע (כמעט) אונ דער צו נאך וארען זייא געניינט פון אימער צו עמפארונגען (מרידות) אונ וועלען אלזוי פירגעוויס ביא זייער דערשמעקען נור דעם גערוך פון דיזעם בעפעהל, וועלען זייא זיך שוין פון זעלבסט בעפרייען אונ וועלען זיך בלוטיג ראבען (נוקם זיין) אן זייערע טיראנען (דאס הייסט אן זייערע קאלאניסטען), אונ דאהער וואר דאן דיא אויסוואנדערונג פון סאנקט דאמינגא פיל מעהר אלס פון אנדערע פראנצויזישע קאלאניען, דאך האבען עס געטאן נור דיא רייכסטע אונ דיא געבילדעטסטע וואס וואר זייא זייער לעבען פיל טייערער אלס זייער פערמעגען.

אונטער דיזע פארזיכטיגע אויסוואנדערער וואר אויך איין געוויסער פראנצויזישער יודע וואס האט געהייסען יאקאב אלטארום. ער האט דארט געהאט א גרויסע פלאנטאזע אונ האט זיך דארט געלעבט איין האכסט פערגניגטעס לעבען וויא איין קליינער פירסט אין זיינער רעזידענץ דען ער האט געהאט אלעס פאללאויף (ודאוואל). מעהר אלס פיר הונדערט

סקלאווען אונ סקלאווינען וואַרען אין זיינער פלאנטאזע , אונ ער וואר האכסט געליבט אונ געאַכטעט פון זייא אַלע, דען זייא האבען געהאט איינע פעטערליכע אונ פריינדליכע בעהאנדלונג פון איהם אונ ווארען איהם צוגעטאהן מיט לייב אונ לעבען, אונ ביא אלעם דעם האט ער בייא זיינעם וויטטערן (שפירען) אונ פאראוים דאס גרויסע בלוטבאד וואס עס איז געשעהען דארט ערשט אין אפאר יאהר ארום, פערקויפט דיזע פלאנטאזע מיט דיא סקלאווען צוזאממען פיר איינען גוטען פרייז נאך, פיר פיר מיליאן פראנק, אלע זיינע הויזבעדינטע בעפרייט, נור איינעם פון זייא מיט גענומען, יואן פאל, וואס וואר זיין לייבדינער אונ איהם האכסט טרייא אונ זייער קלוג, אונ האט גענומען איינען ווארעמען אבשיד פון זיינע סקלאווען וואס ווארען בעשענקט פון איהם מיט קליידונגס שטיקקען, מיט פפייפען (טרובקעס) צום אייביגען אנדיינקען אונ האבען איהם ענטלאססען פון זיך מיט נאססען אויגען. איינען נאך ריהרענדערן אבשיד האט ער גענומען פון דעם גראב זיינער ליבען פרויא וואס זיא איזט איהם אבגעשטארבען אין דיזעם יאהר אונ האט אלזא פערלייטעט (פעראומערט) זיין פערבלייבען דארט אין דער קאלאניע נאך איהר טויט. ער האט זיינע אויגען אויסגעוויינט אויף איהר גראב אונ האט זיך באלד דארויף, ער אונ זיין טרייער בעדינטער יואן פאל, איינגעשיפט אין איין שיף וואס וואר דאן זעגעלפערטיג נאך שפאניען אום צו פערזיכערן דארט זיין קאפיטאל בייא איינעם פראנצויזישען מיליאנאנוען באנקיר וואס האט זיך דאן אונלייגנסט בעזעצט אין מאדדיר אום צו פערבלייבען דארט אים זיכערן מיט זיינעם גרויסען פערמעגען אונ געשעפט איבער דיא אונרוהיגע צייט וואס וואר דאן אין גאנץ פראנקרייך אונ נאך מעהר אין פאריז. לייהער האט דיזער יאקאב זייער פיל געליטטען פון זיינער לאנגען זעערייזע דען עס וואר שטורעם איבער שטורעם אונ האט אלזוי פיל מעהר געדויערט אלס געוועהנליך, אונ ער וואר אזוי ווייט אנ־געגריפען פון איהר דאס וויא נור ער האט זיין פערמעגען איבערגעגעבען אין דעם באנקירס האנד האט ער זיך מיט זיינעם בעדינטען בעגעבען אין איינעם פון דיא בעסטען גאסטהייזער אום אויס צו רוהען דארט איינע וואכע, דען ער וואר גאנץ צערבראכען אונ דער צו נאך ליידענד אויף דעם מאגען וואס ער האט איהם פערדארבען דורך דיא פערדארבענע שפייזען וואס ער האט געגאססען אויף דעם שיף, דאס ער וואר אלזוי געצוואונגען צו רופען צו זיך איינען ארצט (דאקטאר). צום אונגליק וואר דיזער ארצט איין גע־היימער אגענט (פיסקאל) פון דער אינקוויזיציע, אונ דער צו נאך איין געטויפטער יודע, אונ האט אלזא אויף דער שטעללע דערקענט אין דעם אלטארום איינען יודען *) אונ דער צו נאך איינען האכסט רייכען יודען וואס

דיזעם

*) מדרש שיר השירים ו׳ (סוף סימן י״א) מה אגוז אינו יכול לגנוב
(אמער. געש.)

דיזעס וואר דאן איין גוטער בראטען פיר דיא אינקוויזיציע אין יענער צייט וואס עס וואר איינעם יעדען יודען פערבאטען מיט לעבענסגעפאהר צו בעטרעטען שפאנישען באדען (גרונט), דען אזוי איינער וואר דאן דארט פערברענט אויף דיא שייטערהויפענס (קאסטיארען) וואס זייערע רויכזיילען האבען נאך דאן אויפגעשטיגען אין אלע שפאנישע שטעדט אונ וואס זייען אויסגעלאשען געווארען ערשט אין דעם יאהר טויזענד אכט הונדערט זיבען דורך דעם גרויסען געוויסער פון שפאנישע בלוט וואס וואר דאן דארט געשעהען דורך נאפאלעאן דעם ערשטען *).

נון אזוי לאנג דער אלטארום וואו קראנק אונ דער ארצט וואס וואר איין גרויסער געלדגייץ פלעגט צו בעקומען פון איהם פיר יעדען בעזוך זיינעם איין גראססעם האנאראריום (בעלוינונג) דאט ער געהאלטען מויל, וויא נור אבער ער האט שוין אויפגעהערט צו קומען צו איהם האט ער איהם דאנאצירט (דאנאסעוועט) פאר דעם אבעואינקוויזיטאר אונ ער וואר אויף דער שטעללע ארעסטירט אונ אבגעפיהרט אין דעם געפיינגנים פון דער אינקוויזיציע, אין איינער קליינען צעללע וואס וואר אויף דעם דריטען שטאק (גארען) מיט איינעם קליינען פענסטער וואס וואר פערזעהען (סנאבזאן אדער אבעזפעצעט) מיט איינער אייזערנען גראטע אונ צוגעווענדעט צו דעם קליינען פלוס (טייך) מאנצאנארעס. אללעס וואס עס וואר דערוויסט פון

זיינע

---

מן המכס שהוא נשמע ונכר, כך ישראל כל מקום שאחד מהם הולך אינו יכול לומר שאינו יהודי למה שהוא נכר, שנאמר כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ד'.

*) קיינע נאציאן פון גאנץ עאוראפא האט אזוי פיל ניט געליטען פון דיא פראנצויזען זייענד נאך איינע רעפובליק אונ נאכהער פון נאפאלעאן דעם ערשטען אלס פראנקרייך איזט געווארען איין קייזערטהום אלס דיא שפאנישע נאציאן. דיא פארזעהונג (השגחה אלקות) האט זיך אבגערעכענט מיט דיא שפאניער דורך דיא פראנצויזען פיל שלימער אלס מיט אלע אנדערע לאסטערהאפטע נאציאנען, מעהר אלס צעהען יאהר האט שפאניען געבלוטעט אונטער דיא הענט פון דיא פראנצויזען, עס זייען דאן הונדערט טויזענד מענשען אומגעקומען דורך שווערד אונ פייער, הונדערטע דערפער אונ שטעדט אבגעברענט, דער קעניג געפאנגען גענומען, דיא אינקוויזיטארען ערמארדעט, דיא קירכען פערוויסט, אונ פון יענער צייט אן קען שפאניען נאך ניט צו זיך קומען. זיא איזט געבליבען ארעם, שוואך אונ האכסט עלענד, זעהט אוים וויא איין אויסגעברענטער באקעט אונ ווייס פון קיינע רוהע, דען אימער זייען דארט בלוטיגע בירגערקריגע. זייא האבען קיינע פעסטע רעגירונג, קורץ געזאגט עס ליגט אויף שפאניען איין פלוך גאטטעס וואס פארשט דאס אונשולדיגע בלוט וואס וואר פערגאססען אין איהר.

(אמער. געש.)

זיינע זאכען אונ פאפירען אין זיינעם נומער ווער אין בעשלאג גענומען , דער ווירטה זיינער ווער צוואר האכסט אונצופרידען מיט דיזער געשיכטע אוים בעזארגניס דאס מען וועט מיינען דאס ער ווער דער אנגעבער (דאנאסציק) פון דיזעם רייכען אלטארוס וואס האט לאזירט ביי איהם. אלזא וועלען שוין אלע רייזענדע אוים ווייכען זיין גאסטהויז וויא דיא פעסט אונ האט אבער אם מינדעסטען ניט געקענט טאהן צום וואהל פון דיזעם אלטארוס אונ האט איהם אלזא אויך ניט געטארט בעדויערן , דען דיזעם ווער אויך איינע גרויסע זינדע דארט , וויל שוין מעהר אלס איינער ווער דארט בעשטראפט פיר דאס צייגען פון מיטלייד מיט אזוי איינעם וואס ווער געפיהרט צום פערברענען . דאס איינציגע וואס ער האט געטאן ווער, דאס ער האט זיך אנגעבאטען דעם יואן פאל צו האלטען איהם ביי זיך אלס קעלנער (האטעל בעדינער) ביי זיינעם מיינען דאס ער איזט בלוטארם . דער יואן פאל אבער האט זיך ביי איהם בעדאנקט דערפאר , איזט באלד אוועק פון איהם צו דעם פראנצויזישען באנקיר וואס זיין העררן האט איהם אנגיטרויט זיינע קאפיטאליען אונ וואס ער האט שוין גיוואוסט וואס פיר איין גרויסע צוטרויען זיין העררן האט צו איהם ביזהער געהאט , האט איהם מיטגעטהיילט אלעס וואס עס איזט מיט זיינעם העררען געשעהען , אונ זו גלייך פערטרויט דאס ער האט ביי זיך בעשלאססען ניט אבצוציהען פון מאדריד ביז ער וועט ניט זיינען העררן בעפרייען , אונ פערלאנגט פון איהם דאס ער זאל איהם דערביי בעהילפליך זיין אין דיא קליינע זומען אונ קאסטען וואס ער וועט דערצו ברויכען , ער זאל עס איהם געבען אויף דיא רעכנונג פון זיינעם העררן , אונ ער (דער קאנטאריסט) האט עס איהם פערשפראכען מיט פריידען , אונ האט איהם דער צו נאך אנגעבאטען פרייע קאסט אונ קווארטיר אונ האט איהם שוין אין פאראוים געגעבען טויזענד פראנק דאס ער זאל שוין וואס אנהייבען צו טאהן פיר דיא בעפרייאונג פון זיינעם העררן אונ צו געוואונשען איהם נאך דער צו דאס עס זאל איהם געלינגען (גליקען) אין זיינעם אונטערנעהמען .

נון ווער זיין ערשטער גאנג צו איינעם פון דיא אינקוויזיטארען , ער האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס סקלאווע פון דעם אקארסט איינגעצאגענען (ארעסטירטען) יאקאב אלטאוס אונ האט פון איהם פערלאנגט דאס ער זאל איהם מאכען פיר איין קאטויל , "דען ביזהער" האט ער זיך אבגערופען צו איהם , ווער איך נור איין היידע (יאזיצניק אדער פאגאניק) דען איך בין איין געבארענער אפריקאנער אונ ווער אלזוי פון געבורט איין נאצענדינגער . איך וואלט שוין לאנג איין קאטאליק געווארען , נור זאלאנג איך ווער אונטערווארפען אונטער מיינעם העררן האב איך עס ניט געקאנט ווערען , דען ער האט עס ניט צו געלאזען זאגענד דאס עס איזט פיל בעססער איין

הײדע צו זײן אַלס אײן פַאנאַטישער קַאטָאליק. דען עֶר אַלײן װיא עֶס שײנט איזט אײן מֶענש אן אַ גְלױבֶּען. דען עֶס װאר אין זײנֶעם הױזֶע קײן קְרײץ אונ קײן הײליגֶעם בּילד גֶעװעזֶען צו זֶעהֶען, אונ הָאטטֶע איך גֶעװאוסט דָאס אַזױ אײן אַנטִיקְרִיסט (אײן קְרִיסטֶענפֵײנד) װֶערט הִיר אין שפאניען ניט גֶעלִיטֶען װָאלְט איך איהם זֶעלְבּסט אױסגֶעגֶעבֶּען פַאר אײעֶרע הײליגקַײט, אונ גְרַאדֶע אַזױ אײנֶער איזט אײן גְרױסֶער מִילְיָאנֶער״.

„דיזֶע גְנַאדֶע זָאל דיר זײן פֶערגֶענט (פֶערגונֶען), מײן זון״ הָאט זיך דֶער אינקְװיזיטָאר אָבּגֶערוּפֶען צו איהם מִיט אײנֶעם װײכֶען מוּנד, עֶס איזט קײנְמָאל צו שְׁפֶּעט צו װֶערֶען רֶעכט גלױבּיג אונ דָאס גְלײכֶען איזט נָאך דָא גֶענוג רוּים (פְּלַאץ) אין אוּנזֶער זֶעלִיגְמַאכֶענדֶע קִירְכֶע זֶעלְבּסט פִיר יֶעדֶען פֶערְדַאמֶענדֶען הײדֶע (גַאצֶענדִינֶער) דײנֶעם גְלײכֶען, דען דוא בִּיסט דָאך שױן נִיט מֶעהר יונג, דָאך אָבֶּער נָאך גֶענוּג צײט צוא װֶערֶען אײן פְרוּמֶער קַאטָאלִיק, דָאך מוּסט דוא פְרִיהֶער װָאס לֶערנֶען פון אונזֶער רֶעלִיגְיָאן בֶּעפָאר דוא װֶעסט דיא װײהֶע עֶמְפְּפַאנגֶען (פַּאסְװֶענצֶעט װֶערֶען) אונ דיזֶעס זָאל דיר אונטֶערריכְטֶעס (גֶעלֶערנְט) װֶערֶען אין אונזֶער אינקְ-װיזִיטָארִישֶׁען סֶעמִינַארְיוּם.

אונ מֶעהר װיא דיזֶעס הָאט דֶער יוֹאַן פַאל ניט גֶעװאוּנְשֶׁען, דָאס הײסט דָאס עֶר זָאל פֶערְבְּלײבֶּען אין דֶער אינקְװיזיצְיֶע אום צו הָאבֶּען מִיט דֶער צײט אײנֶע גוּטֶע גֶעלֶעגֶענְהײט צו בֶּעפְרײעֶן זײנֶעם הֶערְצֶן, דען גֶעטױפְט װאר עֶר פון זײנֶער קִינְדְהײט אָן, אונ װאר אײן גַאנְץ טָאלֶערַאנְטֶער (צֶערְפְלײוֶוער *) קַאטָאלִיק, אונ דָאס גְלײכֶען הָאט דֶער אינקְװיזִיטָאר אַזױ פְרײנדְלִיך אױפְגֶענָאמֶען איהם אונ דֶערְהַאלְטֶען אין דֶער אינקְװיזיצְיֶע פִּיל מֶעהר אום צו הָאבֶּען איהם אימֶער בֵּײא דֶער הַאנְד אום צו עֶרְפָארְשֶׁען פון איהם װָאס פִיר אײן מֶענש זײן הֶערְץ איזט אונ װאו שְׁטֶעקֶען זײנֶע גְרױסֶע קַאפִּיטַאלְיֶען אַלס אַרײן צו בְּרײנְגֶען איהם אונְטֶער דיא פְלִיגֶעלֶען פון דֶעם קַאטױלִישֶׁען גְלױבֶּען. קוּרְץ גֶעזָאגְט, דֶער יוֹאַן פַאל איזט פֶערְבְּלִיבֶּען אין דֶער אינקְװיזִיצְיֶע, אונ הָאט דָארְט גֶעשְׁפִּילְט דיא רָאלֶע פון אײנֶעם אײפֶערִינֶען

*) אײן טָאלֶערַאנְטֶער מֶענש הײסט אַזױ אײנֶער װָאס הָאסט ניט קײן אַנדֶערְס גְלױבִּיגֶען, דָאס הײסט צום בּײשְׁפִּיל עֶר איזט אײן יודֶע װָאס הָאסט ניט קײן קְרִיסט װײל עֶר הָאט אײן אַנדֶער גְלױבֶּען אַלס זײנֶער איזט, אונ דָאס גְלײכֶען אײן קְרִיסט װָאס עֶר הָאסט ניט דֶעם יודֶען װײל עֶר הָאט אײנֶע אַנדֶערֶע אֱמוּנָה אַלס זײנֶע איזט. — אינְטָאלֶערַאנְט הײסט אַזױ אײנֶער װָאס לײדֶעט קײנֶען אַנדֶערֶען װָאס איזט ניט פון זײנֶעם גְלױבֶּען. אין קוּרְצֶען גֶעזָאגְט: טָאלֶערַאנְץ הײסט דולדונג (טֶערְפֶּענִיֶע) אין עִנְיְנֵי אֱמוּנָה, אינְטָא-לֶערַאנְץ הײסט אונדולדונג (נִיטֶערְפֶּענִיֶע) אין עִנְיְנֵי אֱמוּנָה.

(אבער. געש.)

איבעריגען פליסיגען גאוויצע (גיילינג, דאס הייסט אזוי איינער וואס וויל ערשט ווערען איין קאטאליק), האט געלערנט זייער פלייסיג, אונ האט אלזוי איבער געשטיגען אלע אנדערע גאוויצען (נייגעוואָרענע קאטאליקען) וואס וואַרען אין דעם דארטיגען כעמינאריום, אזוי אין ערלערנען זיך דיא גרונדזאטצע (יסודי הדת) פון דער קאטוילישען רעליגיאן, אונ אזוי אין זיינער רעליגיאזיטעט (פרומקייט) דען ער האט אבגעהיט איהר יעדעם געבאט אונ יעדען מנהג איהרען נאך פיל מעהר אלס מאנכע גייסטליכער (דוכאוונער) אונ האט דיזע פערשטעללונג (פריטווארסטווא, אדער צבויאטסטווא) אזוי ווייט געטריבען דארט, דאס ער איזט געוואָרען בעוואונדערט פון זיינע לעהרער אונ דאס גלייכען פון דיא אינקוויזיטארען זעלבסט אונ וואר אלזוי האכסט געאכטעט פון זייא, דער צו נאך האט ער געזעהען צו מאכען זיך בעליבט ביי דיא דארטיגען איבעריגען לייטען, דאס הייסט ביי דיא דארטיגען אפיצילסטען (דיגערשאפט, שרייבער, שאפנערעס, עקאנאמען) ביי מאנכען דורך איינע שמייכעליי (חניפה) אונ ביי מאנכען דורך הייפיגע טראקטאמענטען, דורך פערלייהען זייא קליינע געלדסוממען אונ האט אלזוי דורך דיזע אלע מיטעלן אויסגעווירקט אין איין פערלויף פון צוויא מאנאטע צו ווערען דארט איין שאפנער עקאנאם איבער דיא פארציאנען וואס וואַרען דארט טעגליך אויסגעטהיילט אונטער דיא הונדערטע געפאנגענע וואס האבען געשמאכטעט דארט אין דיא צעללען (צעלעס) אונ אין דיא סקלעפעס פון דער אינקוויזיציע. נאך דיזעם האט ער געשטרעבט (געצילט) פון פארנע העריין, דאס הייסט נאך ביי דעם אנפאנג אריין טרעטען אין דיזער בלוטיגען אנשטאלט (זאוועדעניע) וויא דיא אינקוויזיציע איזט, אונ נון האט ער עם ערגרייכט (דער גרייכט) אונ האט עם זייער קלוג אונ געשיקט אנגעווענדעט צו דער בעפרייאונג זיינעם העררן אונ עס האט איהם מיט גאטעס הילפע געלונגען (געגליקט), אונ דיזעס איזט געשעהען וויא מיר וועלען עס דא בעשרייבען אין קורצען.

ביי זיינעם וויסען שוין, לויט (וועדליג) זיינעם נייען אמט (סלוזבע) דעם נאמען פון יעדען געפאנגענען, אונ דאס גלייכען אין וועלכען נומער יעדער פון זייא זיצט, ביי זיינעם וויסען שוין אויף קלאר וואו זיין העררר געפינט זיך, האט ער אנגעהייבען צו פיהרען מיט איהם איינע געהיימע קארעספאנדענץ (בריפוועקסעל), ער (דער יואן פאל) האט איהם (זיינעם העררן) צו געזענדעט זיינע צעטלאך איינגעקנאטענעטהייט אין דיא לעבלאך ברויט וואס ער פלעגט איהם צו שיקען א טאג איבער א טאג צו זיינע פארציאנען וויא צו אלע אנדערע געפאנגענע, אונ ער (זיין העררר, דער אלטארום) וואס וואר נאך אלץ ניט געזונד אונ וואר דארט קורירט פון דעם דארטיגען דאקטאר פלעגט צו זענדען (צו שיקען) זיינע צעטעלאך צו דעם יואן פאל דורך דעם דארטיגען בעדינער אלס רעצעפטען פון דאקטאר

אום עם צו לאזען מאכען אין דעם דארטיגען אפטייק , אונ דיזער געהיימען קארעספאנדענץ וואס וואר צווישען זייא ביידען , וואר (וויא עם פערשטייט זיך) פערהאנדעלט ניט איבער דעם שטיין דער ווייזען *) אונ ניט איבער דאס פערפעטואום מאבילע **) נור איבער דעם פלאן פון איינער פליכטונג (אנטלייפונג) , אונ אם ענדע אלס מען וואר שוין פערטיג דאמיט האט איהם יואן פאל צוגעשיקט אויף דעם זעלבען וועג וואס ער פלעגט איהם צו זענדען דיא צעטעלאך איינע קליינע אבער האכסט שארפע פיילע, אום איבער צו פיילען דיא אייזערנע גראטע פון דעם פענסטערל וואס וואר אין זיינער צעללע , אונ דער צו נאך איינע זיידענע שנור מיט קניפלאך אום ארונטער־צולאזען זיך אויף איהם דורך דאס פענסטער אין פרייען , דאס הייסט צו דעם ברעג פון דעם קליינעם שטראם מאנצאנארעס , אונ יעדעם פון דיזע צווייא הילפסמיטעלן וואר איינגעקנאטען אין איינעם בעזונדערן לעביל ברויט , דער צו נאך איין שרייבען וויא ער זאל זיך דער מיט בעגיין , אונ צו גלייך בעשטימט דיא צייט אונ דיא שטונדע ווען זיין פלוכט (אנטלייפונג) זאל געשעהען , אונ דער צו נאך האך אונ טהייער פערשפראכען דאס ער וועט איהם שוין דארט ערווארטען מיט איינעם געזאטעלטען פערד אונ מיט איינעם וואגענעם אוניפארעם (מונדיראוקע) דאמיט ער זאל זיך אומקליידען , דען ער וואר דארט אנגיטאן אין איינעם ארעסטאנסקען אוביאר . אונ וויא אויסגעדאכט , אזוי וואר עם אין דער ווירקליכקייט הערפארגעבראכט (אויס־געפיהרט), דען אין דער אבגערעדעטען שטונדע וואר שוין דער אלטארום אויף דעם בעשטימטען ארט דאס הייסט ביי דעם ברעג פון דעם פלוס וואס דארט האט איהם שוין ערווארטעט דער יואן פאל מיט איינעם געזאטעלטען פערד , אונ ער דאס גלייכען וואר אויך רייטענד , אונ זייא זיינען פון דארט אוועק רייענד געשיצט דורך דיא נעכטליכע פינסטערניס אונ זייען צו זאמען אוועק צו דעם פראנצויזישען באנקיר , האבען זיך ביי איהם פערשטעקט (בעהאלטען) אייניגע טעג , אום מען זאל זייא ניט באלד נאכיאגען , אונ נאכהער האבען זייא ביי איהם גענומען איינינע טויזענד פראנק אונ האבען זיך גליקליך געפליכטעט (אנטלאפען) איבער דיא שפאנישע גרענצע נאך פראנקרייך .

איין נאך פיל שענערער ביישפיל פון טרייע אונ פערשוויגענהייט האט אונז געליפערט (געגעבען) איינע יונגע מעסטיצקע וואס וואר איינע סקלאווין

פון

*) שטיין דער ווייזען הייסט אבן הפילוסופיא , אדער בעססער צוזאגען דיא געהיימע קונסט וואס מען קען דער מיט פערוואנדלען קופער אין גאלד אונ נייע וועלטען שאפען .

**) פערפעטואום מאבילע הייסט דיא חכמה ממציא צו זיין אזוי א רעדעל וואס זאל זיך אימער אונ אייביג אליין בעוועגען .

(אמער. געש.)

פון דעם וויצעקעניג (נאמיעסטניק) פון פערו, אונ וואר אלזוי איין קאמער־מאדכען בייא זיינער פרויא דער גרעפין כינכאן. דיזעס מאדכען וואר זייער שיין פון געשטאלט אונ פון בעסטען כאראקטער, אונ וואר ערגעבען דעם דינסט (סלוזבא) פון איהר דאמע מיט לייב אונ לעבען, אונ וואר דאהער געליבט פון איהר וויא איין אייגענעס קינד, אונ זיא וואר אלזוי בייא איהרער זייטע טאג אונ נאכט אונ צו גלייך איינגעטרויט אין אלע איהרע הויזליכע געהיימניססע. זיא (דיא גראפין) וואר איהר אזוי גוט דאס וויא אויך זיא וואר האכסט ביגאט (דוממפרום), איינע געברענטע קאטאליקין, בייא אלעם דעם האט זיא איהר פערשווינט מיט דעם אויפדרינגען דיא קאטוילישע רעליגיאן, בייא איהר איינזעהען דאס זיא איזט גאנץ ערגעבען דעם גלויבען פון איהרע עלטערן.

דיא גראפין וואר דאן אלט דרייסיג יאהר, בליהענד שיין אונ איין האכסט זאנפטעס וועזען וויא מען קען זיך נור פארשטעלען, אונ דער צו נאך וואר זיא אויסגעריכטעט (בעגאבט) מיט דען גרעסטען טוגענדען (מדות טובות). אלזוי קיין וואונדער דאס זיא וואר האכסט בעליבט פון איהרען מאן, אונ הויך אונ טייער געשאצט פון דיא דארטיגען נעגער, מולאטען אונ מעסטיצען וואס ווארען דאן אלע צו סקלאווען געמאכט, אונ ווארען בעהאנדעלט פון דיא שפאניער וויא דיא צונפיהע, דען פערו געהערט נאך איצונד אויך צו שפאניען, אונ עס וואר אלזוי דארט אויך איינגעפיהרט דיא בלוטיגע אינקוויזיציע וואס האט אנגעצונדען איהרע שייטער־הויפען (קאסטיארען) אין אלע דערפער אום צו בראטען אויף זייא אלע דיא יעניגען פון דיא פארביגען *) וואס ווארען אין פערדאכט (חשד) דאס זייא זייען קיינע רעכטגלויביגע קאטאליקען, אונ נאך מעהר דיא יעניגען וואס ווארען אין פערדאכט דאס זייא פערגיפטען דיא פארנעהמסטען שפאניער, אונ איבערהויפט דיא שפאנישען בעהארדע (נאצאלסטווא), אונ דיא וויצעקעניגע וואס ווארען אהין געשיקט פון שפאניען, פערגיפטען זייא מיט אזעלכע גיפטיגע פולווערלאך וואס עס וואר ניט אם מינדעסטען אנצושפירען

געוועזן

*) נאר דיא ערשטע מענשען וואס דיא שפאניער האבען דערוויסט אין אמעריקא וואס ווארען זייערע מיליאנען אונ וואס האבען דארט געוואוינט פון אונדענקליכע צייטען, ווארען האלבווילד אונ האכסט רויה, דער קאלאר פון זייער לייב איזט נאך ביז איצונד רויט וויא קופער אונ ווערען דאהער אנגירופען „רויטהייטער". דיא נעגער, דיא מעסטיצען, דיא מולאטען אבער ווערען אנגערופען „דיא פארביגע" ווייל זייא האבען פערשידענע קאלארען אונ זייען ניט וויים וויא דיא עאוראפייער, אונ אלע וועלכע עס ווארען ניט וויים ווארען זייא צו סקלאווען געמאכט געווארען אונ ווארען אלזוי אלע צו זאמען גרויסע פיינדע פון דיא שפאניער.

(אמער. געש.)

גענוען אן זייא דאס זייא זייען גיפטיג אונ וואהרען נאך דער צו אזוי צוגעריכטעט דאס דער פערגיפטעטער איזט ניט באלד געשטארבען דער פון, נאר ער האט אנגעהויבען צו זיכען (ניכטווען, הוואריען אדער קריינקעלען) עפעס וויא פון איינעם שלייכענדען פיבער (צעהרענדען קדחת) וואס ענדעט זיך מיט איינעם שמאהליכען טויט, דען אין יענע צייטען פלעגען דיא דארטיגען וויצעקעניגע, אינקוויזיטארען, גובערנאטארען וואס פלעגען צוגעשיקט ווערען פון שפאניען ניט מאריך ימים זיין, פלעגען זיך דערהאלטען קוים א יאהר ביי דער נארמאלען (געהעריגען) געזונדהייט, אונ נאכהער פלעגען זייא אנהייבען צו קריינקעלן אונ אם ענדע אוועק צו שטארבען.

און וויא דיא וואהרהייט צו זאגען וואר עס ניט איינע בלויזע ערדיכטונג (ווידומקא) דאס הייסט קיינע אויסגעטראכטע זאכען, דען דיא שקלאווען וואס זייען פון גרונד אויס האכסט ראכזיכטיגע לייטע (גרויסע בעלי נקמות), פלעגען זיך זייער אפט בעדינען מיט דיזער גיפטמישעריי אן זייערע טיראנען אונ פלעגען זייא פערגיפטען מיט זייערע געקינסטעלטע גיפטען וויא דיא ראטטען (מייז), דאך אבער פלעגט דער גרעסטער טהייל פון זייא, פון דיא שפאנישע גרויסע לייט אונ פון דיא פארנעהמסטע קאלאניסטען שטארבען פון דעם שלייכענדען פיבער (צעהרענדען פאטאיעמנעם קדחת) וואס איזט דארט צו הויזע אונ וואס האבען פון איהם געליטען נור דיא עוראפייער, אבער ניט דיא אורא‌יינוואויגער (קארעננע זיטעלי) פון אמעריקא. דיא ראטהויטער אונ אזוי אויך אלע דיא אנדערן פארביגען וואס ווארען אלעם פיר סקלאווען געמאכט, דיזע אלע האבען גאנץ אונ גאר ניכט געליטען פון איהם (פון דעם שלייכענדען פיבער). צוואר ווארען זייא אויך זייער אפט אנגעגריפען, האבען זיך אבער באלד בעפרייט פון איהם דורך איינעם געוויסען מיטעל וואס זייא האבען געהאט דער צו אזוי שנעל (געשווינט) וויא איין רייזענדער (פאדאראזנער) בעפרייט זיך פון דעם גאראדאוואי וואס האט איהם ערגריפען אלס וואנעבונד (בראדיאגא) ביי זיינעם צייגען איהם איינען געזעטצליכען פאס, אונ דיזער מיטעל איז בעשטאנען אונ בעשטייט נאך איצונד אויך, אין דעם פראשיק פון כינא רינדע*) וואס אלע דארטיגע



*) דער כינא פראשיק ווערט געמאכט פון דיא קארע איינעם בוימעס וואס הייסט כינע אויף דעם נאמען פון דער גראפין כינכאן, ווייל דורך איהר איזט דיזער פראשיק געווארען בעקאנט אין דער גאנצער וועלט, וויא מיר וועלען דא ווייטער ערציילען. דיזער בוים וואקסט בעזאנדערס אין פערו, ער איזט זייער הויך אונ דיקער אלס איין מאן. אלס ער נאך יונג איזט ווערט איהם אבגעשיילט זיינע קארע וואס וואקסט איהם אלע צוויא יאהר ווידער אב, אונ דיזעס קען געשעהען נור ביז זיינעם צוואנציגסטען יאהר. דער ערשטער וואס האט זיך דערוואוסט פון דיזעם היילמיטעל, דאס הייסט

(אמער. געש.)

פארביגען האבען געמאכט איין גראססעס געהיימניס דער פון פאר זייערע שפאנישע פיינדער אום זיא זאלען זיך ניט קענען אויסקורירען פון דיזעם שלייכענדען אונ צו גלייך טייטענדען פיבער, — איין געהיימניס וואס וואר בעליינט מיט איינעם האכסט היילינגען שוואור (שבועה) אונ מיט איינעם שרעקליכען פלוך (קללה), אונ דער צו נאך מיט איינער האכסט גרויזאמען שטראפע פיר דאס פערראטהען (אויסגעבען) פאר איינעם שפאניער, אונ נאך איזט קיין געהיימניס אזוי טריי אונ ריכטיג בעוואהרט (איינגעהיט) געווארען מעהרערע צעהנדליג יאהרען אלס דיזעס, אונ אויך דורך איינען זעלטענען צופאל נור איזט דיזעס געהיימניס ענטדעקט געווארען, זאנסט וואלט מען ניט וויססען דער פון נאך ביז איצונד, וויא מיר וועלען עס באלד ערצייהלען, דען דיזע לייטע זייען זייער פערשוויגען אונ לאזען זיך קיין געהיימניס ענטרייססען דורך קיין צוואנג וויא מיר האבען עס פריהער שוין בעשריבען. — נון קעהרען מיר אונז ווידער צוריק צו דעם לויף (גאנג) פון אונזערער ערצייהלונג.

דיזע איידעלע אונ הומאנע (מענשענפריינדליכע) גראפין כינכאן וואס וואר דיא איינציגע דארט אין גאנץ פערו וואס וואר געשאצט אונ געאכט פון אלע פארביגען, ווייל זיא וואר וויא צו זאגען זייער שוצענגעל וואס האט מעהרערע פון זיא גערעטעט פון שייטערהויפען אונ ערלייכטערט אין מאנכע הינזיכטען זייער טרויעריגע לאגע, וואר זיא אים פערלויף פון אפאר יאהר פון איהר זיין דארט אויך איבערפאלען פון דעם שלייכענדען פיבער אונ האט אנגעהייבען צו זיכען (קראנקעלן) אונ מען האט אנגעהייבען צו האבען איינען גרויסען פערדאכט אויף איהר איינגעטרויטע קאמערמיידכען ווייל זיא איזט איינע מעסטיצין, דאס זיא האט איהר בייגעבראכט איינע גיפטיגע פער־מישונג אין טראנק אונ שפייזע פון דער גראפין, נאר זיא (דיא גראפין) וואס וואר בייא זיך איבערצייגט (געוואוסט אויף קלאר) דאס זיא (דיא קאמער־מיידכען

---

דאס מיט דיא קארע פון דיזעם בוים קען געהיילט ווערען דאס געפאהרליכע שלייכענדע פיבער וואס האט ביז יענער צייט, ד. ה. ביז דעם יאהר 1640 געמאכט גרויסע פערוויסטונגען אין פערו אונ אין דיא אלע אנדערע זידליכע לענדער פון אמעריקא, וואר איין ראטהייטער, דאס הייסט איינער פון דיא ווילדע אמעריקאנער, ער האט זיך דערוואוסט דער פון דורך איינען בלויזען צופאל, ער האט זייענדיג בעפאלען פון דיזעם פיבער געטרונקען דיא וואססער פון איינער אזערקע וואס האבען זיך געווייקט דארטען פילע שטיקער קארע פון דיזער ארט בוימער וואס האבען געוואקסען ארום איהם, אונ איזט געווארען באלד געהיילט אונ האט אלזא אנגעהייבען צו קורירען מיט דעם זעלבען וואססער אלע אנדערע רויטהייטער וואס ווארען בעהאפטעט מיט דיזעם פיבער.

(יאמער, געש.)

מיידכען איהרע) איזט איהר ערגעבען מיט לייב אונ לעבען, האט ניט געוואלט וויססען אונ הערען דער פון, האט קיינע ריקשפראכע (פערעגאוואר) גענומען מיט איהר דאריבער אונ איזט איהר געבליבען צוגעטהאן אונ גוט וויא ביז אהער אונ דאס גלייכען זיא (דיא מעסטיצקע, איהר קאמער־מיידכען וואס האט געהייסען ווירגוניע ציפריא) איזט איהר געבליבען טריי, ניט וויא איינע טרייע דינערין, נור וויא איין קינד צוא איינער צארטליכען מוטער, אונ האט איהרע אויגען רויט געוויינט איבער דעם וואס זיא זיכט (חוואָרעט) אונ נאך מעהר האט זיא זיך געקלעמט אונ געגראמט דאס טראץ דעם וואס זיא וויים איין מיטטעל צוא איהרער קראנקהייט וואס וועט איהר היילען אונ אוים קורירען פון גרונדאוים, דאס הייסט דיא כינארינדע, מוז זיא עס גאנץ פערשווייגען ווייל איהר מונד איזט איהר פערשלאסען מיט איינעם שווערען אייד (שבועה) עס ניט צו ענטדעקען. אונ דער צו נאך צוא ווערען שווער בעשטראפט דער פאר, זיא אונ איהר גאנצע בעשאף. אונ עס וואר מעהרערע וואכען איין הייסער קאמפף (שטרייט) אין איהרעם אונשולדיגען הערצען צווישען איהרע ליבע צו איהרער דאמע אונ צווישען איהרעם געוויסען, בייא איהרעם וויססען דאס זיא וועט מיט איהרעם אויסזאגען איהרער דאמע דיזען געהיימען מיטעל וועט זיא זיך פערזינדיגען געגען איהרעם גאט אונ געגען איהרע פאמיליע אונ געגען איהרע נאציאן.

דיזער שטרייט פון איהרעם געמיטה האט זייער שטארק געצעהרט (געגריזעט) אין איהרעם קערפער דאס זיא איזט געווארען איין האלבער מענש, אונ זיא וואלט עס פערגעווים ניט אוים געהאלטען ווען עס וואלט נאך איין עטוואס מעהר געדויערט. צום גליק איזט זיא פערפאלען (ארויף געקומען) אויף איין מיטעלפאל וואס זאל בעפרידיגען איהרע ליבע אונ טרייע צוא איהרע דאמע אונ דאס גלייכען יוצא זיין פאר איהרעם געוויססען. אונ דיזער מיטעלפאל איזט בעשטאנען אין דעם, דאס זיא זאל קיין ווארט מיט איהרער דאמע שפרעכען איבער דיזעם היילמיטעל פון דער כינארינדע נור זיא זאל דיזען פראשיק אריין מישען אין א גלאז קאווע איהרע אן איהר וויסען אום זיא זאל ווערען געזונד ניט מערקענדיג פון וואנען אונ פון וואס אלזוי וועט זיא ווערען געזונד אונ בלייבען לעבען אונ דאס געהיימנים וועט בלייבען איין געהיימנים. צוואר וואר עס זייער גוט אוים געדיינקט דאך אבער האט זיא עס ניט געדארפט טאן בייא איהרעם וויסען דאס דיא אלע פארבינגען זייען אין א גרויסען פערדאכט (חשד) בייא דיא שפאניער דאס זייא זייען גיפט־מישער אונ דיזעם פערעכנען זיך (פערזעהען) האט איהר פערפיהרט אין דער גרויסען געפאהר פערברענט צוא ווערען, וויא מיר וועלען עס

דא באלד ערצייליען. אונ דיזעס קען איך, מיינע טהייערע לעזער אונ לעזעריגען, דינען פאר איין בעוויז דאס מען מוז האכסט אומזיכטיג זיין זעלבסט ביא דעם טאהן דעם צווייטען א טובה אהן יענעמס וויססען דער פון *).

זיא האט דיזען פראשיק אריין געשאטען אין א גלאז קאווע וואס זיא האט עס אויפגעטישט (וואס זיא האט דערלאנגט צום טיש) דער גראפין גאנץ בעהוטזאם, דאס הייסט (דאס נימאנד האט געזעהען), דאך אבער וויא נור דיא גראפין האט א פאר שלוקען (א פאר זופען) געטאן דער פון אונ האט פערשפירט איינע ביטערקייט אין דעם, אונ דער צו נאך איין עטוואס שטויביגעס אויף איהר צונגע אונ האט עס באלד אויף דער שטעלע מיט געטהיילט איהרעם מאן וואס וואר דאן לעבען איהר, האט ער באלד געפאססט (בעקומען) איין פערדאכט (חשד) דאס דיזעס גלאז קאווע איזט פערגיפטעט, אונ דיזעס האט קיין אנדערער געטאהן וויא דיא ווירגיניא ציפריא איהר קאמערמיידכען. זיא איזט געווארען באלד ערגריפען, איינגעזעצט אונ זייער שטרייננ עקזאמינירט, מיט גוטען אונ מיט בייזען, מיט שלאג אונ מיט גרויסע מארטער (יסורים), עס וואר אבער קיין געשטאנדניס (פריזנאניע) פון איהר ארויס צו ברייננען. איהר איינציגער אנטוואורט דארויף וואר נור „איך ווייס ניט פון וואס צו זאגען" אונ איזט דער ביי געבליבען.

מען האט געוואלט מאכען מיט דיזע קאווע איינע פראבע אויף איינעם הונד, ליידער אבער האט קיין הונד געוואלט עס טרינקען וייל עס האט געהאט איינען ווידערליכען געשמאק. דער גראף אונ דיא גראפין וואָרען דאפעלט געקרייננקט פון דיזער געשיכטע, ערשטענס ווען זיא איזט עס דיא גיפטמישערין אין דיזעם טראנק, אלזוי איזט שוין מעהר נימאנדען צו טרויען אין דיזעם לאנדע, דען ווען זיא, דיא ציפריא וואס האט געשיינט צו זיין איין אונשולדיגער איינגעל גאטעס וואס האט זיך פער־אירט (פערבלאנדזעט) אויף דיזעם וועלטטהייל, וואס זאל מען שוין דענקען פון איינעם אנדערן. אונ צווייטענס, איזט זיא אנדערס ווירקליך אונשולדיג וויא זיא זאגט, טהוט זייא האכסט לייד דאס זייא בעהאנדלען איהר

איצונד

---

*) (שבת י׳) אמר רב הנותן מתנה לחברו צריך להודיעו, שנאמר לדעת כי אני ה׳ מקדישכם. ופירש רש״י קודם שנותן המתנה צריך לומר לו מתנה פלוני אני נותן לך. וכן אמרו הנותן מתנה לתינוק צריך להודיע לאמו ומכל שכן שצריכין להזהר לעשות טובה לחברו שלא מדעתו, שמא טובתו רעה היא לו, וכבר נתנו ונשאו חז״ל בהנידון הזה אם זכין לאדם שלא בפניו או לא זכין לאדם שלא לפניו או לא מדעתו.

(אמער. נעש.)

איצונד אזוי טיראניש. דען זייא האבען איהר איבער געגעבען אין דיא הענד פון דער אינקוויזיציע, וואס זייען גרויסע קינסטלער אין פייניגען. זייא פערשטייען אנצוטאן אלע ענוים זייערע געפאנגענע אונ דאך צו דער־האלטען זייא בייא דעם לעבען, וויא אמאל דער שטן איזט זיך בעגאנגען מיט דעם איוב, וויא דער פסוק זאגט, „הנו בידך אך נפשו שמור", דאס הייסט, טהו איהם אן אלערהאנד שמערצען נור דערהאלט איהם בייא דעם לעבען, נור מיט דעם אונטערשייד: דארט וואר דער מיין פון גאט דאס דער שטן זאל איהם דערהאלטען בייא דעם לעבען אום ער זאל בלייבען לעבען אום נוטעס צו ערלעבען, אונ דיזע פלעגען דערהאלטען זייערע געפאנגענע בייא דעם לעבען אום צו פיהרען זייא נאכהער לעבענדיגערהייט צו דעם שייטערהויפען מיט איינער גרויסען פראצעסיאן (טארזעסטווא) אום איינצוסטראשען מיט זייער דעקרעט אלע אנדערע קעצער (אפיקורסים).

א גאנצען מאנאט וואר זיא געפאלטערט (געמאטערט) אונ מען איזט מיט איהר ניט ווייטער געקומען אלס אין דעם ערשטען טאג, דען זיא איזט געבליבען בייא איהרעם „איך ווייס ניט פון וואס צו זאגען" אונ זיא וואר אלזא פעראורטהיילט (פערמשפט) געווארען פון דער אינקוויזיציע צום פערברענען. דאך אבער וואס אלע גרויסע מארטער (ענוים) וואס וואָרען איהר אנגעטאן, אונ דאס גלייכען דער טוידעס אורטהייל (דעקרעט פריגאוואר) וואס וואר פערהאנגט (נגזר געווארען) אויף איהר האבען ניט געקענט אבצווינגען פון איהרער פערשוויגענהייט, האט עס אבגעצוואונגען פון איהר דאס פעראורטהיילען צו דעם שייטערהויפען אנשטאט איהר, איהרען געליבטען וואס וואר אויך איין געוויסער מעסטיצע פון א יאהר צוויא אונ צוואנציג אונ וואס וואר ניט וויניגער שיין, ליבליך אונ בראוו אלס זיא. ער וואר איין לייב דינער בייא דעם דארטיגען גובערנאטאר, אונ געליבט פון זיינעם הערן וויא זיא פון איהרער דאמע, דיא גראפין. דיזע ליבשאפט וואר קיין געהיימניס פאר זייערע ביידענם הערשאפטען. גראדע נאך גאנץ אומגעקעהרט, זייא האבען עס נאך געבילינגט (זיך סאנגלאסעוועט דאריבער) אונ פלעגען אלזוי גאנץ געמיטהליך דולדען (וועלען ליידען) זייער בעזוכען זיך זייער אפט איינאנדער אין זייערע פאלאצען. דער פאמעגוסטע (אזוי האט געהייסען איהר געליבטער) פלעגט צו קומען צו זיינער געליבטער ווירגוניע ציפריא אפאר מאל אין וואך דעם מארגענם אונ פלעגט צו פערברייגען בייא איהר אין דער גארדאראבע מאנכע שטונדע אונ דאס גלייכען זיא צו איהם אפאר מאל אין וואך אבענדס דארט אין דעם טאאלעטענצימער פון זיינעם הערן, אונ ווארען אלזוי שוין ניט ווייט פון דער צייט פון זייער פערהייראטהען זיך, וואס דאן האבען זייא געדארפט בעשאנקען ווערען פון זייערע הערשאפט גאנץ רייכליך אונ דער צו נאך

מיט זייערער פרייהייט, דען זייא ביידע ווארען דאך לייבאייגענע, וויא מיר האבען שוין איינמאל געזאגט דאס אלע דארטיגע פארביגע זייען צוא סקלאווען געמאכט געווארען. אלזוי איזט אונז שוין זייער לייכט צו פערשטיין פון זעלבסט דאס איהר געליבטער, דער פאמאגוסטע איזט ניט געבליבען גלייכגילטיג בייא דיזער געשיכטע, דאס ער האט דער בייא געליטען פיזיש אונ מאראליש (ד. ה. בגוף ובנפש), דען עס וואר איהם האכסט לייד אום דיא מארטער (ענוים) פון זיינער געליבטען, אונ דער צו נאך האט ער אנגעהייבען צו ווערען בעהאנדעלט פון זיינעם הערין, זינט זיינע געליבטע איזט געווארען פערדאכטיגט אין גיפט מישעריי, זייער שטרייננג (סטראנגע) אונ מיט איינער גרויסען ערנידערונג, זייענד אין דער מיינונג דאס ער וואר בעטהייליגט אין דער גיפט מישעריי פון זיינער געליבטען, אונ ער האט ערדולדעט מיט דער פערשוויגענהייט (מיט שווייגען) וואס עס זייען מיט איהר בעגאנגען (בעשאנקען פון דער נאטור) אלע פארביגע סקלאווען אונ סקלאווינען, ער האט עס ערדולדעט ביז זיינעם דערוויסען זיך דאס זיא (זיינע געליבטע) איזט געווארען פעראורטהיילט צום פערברענען אונ דאן האט ער שוין זיין שווייגען אונטערבראכען (אטסטאוועט), איזט אוועק צו דעם וויצעקעניג אונ האט זיך זעלבסט אנגעקלאגט פאר איהם דאס נור ער איזט דער גיפטמישער פון דער גראפינס גלאז קאווע אונ ניט זיינע געליבטע אונ זיא ווייס ניט דער פון אם מינדעסטען ניט. ער האט עס געטאן בייא זיינעם בעזוכען איהר (זיינע געליבטע) אין דעם זעלבען פריהמארגען וואס זיא האט אויפגעטישט (דערלאנגט) דער גראפין דיזען גיפטיגען טראנק. ער האט עס געטאן (האט ער געזאגט) ווייל ער האט צו הערען בעקומען, דאס דיא גראפין וויל זיינע געליבטע פער-הייראטהען מיט איינעם אנדערן, אונ אלזוי איזט נור ער דער פערברעכער אונ צו איהר האט מען גאר נישט.

נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דיזע בעקענטניסע (פריזנאניע) וואר וויא גערופען (קסטאטי) אדער בעסער צו זאגען האכסט ערווינשט. דען דיא גראפין אונ זעלבסט דער וויצעקעניג וואס ווארען דער ווירגיניע ציפריא זייער גוט ווארען האכסט צופרידען דאס דיזער בלוטיגע פערדאכט איזט שוין ארויף געוועלצט (ארויף געקייקעלט) אויף איינעם אנדערינס הויפט (קאפ) אונ אז זיא איזט געבליבען ריין וויא זיא האט עס געשיינט צו זיין פון פריהער. אונ דער פאמאגוסטע וואר באלד געפעססעלט (געשמידעט אין קייטען) אונ אבגעפיהרט אין געפיינגניסס, וואר שטרייננג עקזאמינירט, אונ אלס ער איזט געבליבען בייא זיינער ערשטען אויסזאגע וואר ער פעראורטהיילט צו דעם שייטערהויפען אונ דיא ווירגיניע ציפריא וואר בעפרייט, אונ צו גלייך האט מען איהר געלאזט אויסקורירען פון איהרע

(אמער. געש.)

וואונדען

וואונדען וואס ווארע איהר געשלאגען דארט אין דער אינקוויזיציע ביי די שטרייגע עקזאמענס וואס מען האט איהר געמאכט.

דאך ווארע דיזער בלוטיגער פראצעס (דועלא) נאך ניט בעענדיגט דער מיט, דען די ווירגיניע ציפריא וואס איהרע ליבע צו דעם פאמאגוסטא וואר נאך פיל וויכטיגער אונד מאכטיגער אלס די אלגעמיינע ליבע (אהבה הכללית) וואס ווערט בעשריבען פון שלמה המלך מיט דיזען ווארטען (ווערטער) „עזה כמות אהבה", דאס הייסט די ליבע איזט מאכטיג וויא דער טויט, דען איהרע ליבע צו איהם וואר פיל שטארקער אלס דער טויט, אונד זיא (דיזע ווירגיניע ציפריא) האט פארגעצאגען (בוחר געוועזען) בעסער צו בעשטייגען דעם שייטערהויפען אלס צו בלייבען טריילאז (אונטריי) איהרעם געליבטען.

זיא האט געלאזען אלזוי רופען צו זיך די ריכטער אונד האט זיך פאר זייא בעקענט (פריזנאיעט) דאס נור זיא האט דיזען פראשיק אריינגעמישט אין די קאווע, אבער ניט דער פאמאגוסטע אונד אלזוי איזט זיא די שולדיגערין אונד ניט ער, אונד וואס ער זאגט דאס ער האט עס געטאן ווייל די גראפין האט איהר געוואלט פערהייראטהען מיט איינעם אנדערן איזט עס נור איינע אויספלוכט (איינע פוסטע ענטשולדיגונג) אום מען זאל האבען אורזאך עס איהם צו גלויבען. אין דער וואהרהייט (באמת) אבער האט ער עס געזאגט אום צו רעטטען איהר לעבען דורך דעם אונד ווייטער ניכט. נון האט זיך דאן דיזער פראצעס אנגעהייבען פון דאס נייע, עס ווארען געמאכט ווידער דאפראסען אונד קאנפראנטאציאנען (אצנע סטאווקי) אונד יעדער פון זייאביידען האט די שולד נור אויף זיך געוועלצט (ארויף געקייקעלט) אום צו ענטשולדיגען דעם אנדערען. אונד אלס עס וואר שוין מעהר קיינע וואהרהייט ארויס צו ברייגען האבען דיזע בלוט דורסטיגע ריכטער, זעלבסט ביי זייערעם בעוואונדערן זייא ביידען, דאס יעדער איינציגער פון זייא וויל דעם שייטערהויפען בעשטייגען אום דער אנדערער זאל לעבען, האבען זייא ביידען פעראורטהיילט (פערמשפט) צום שייטער-הויפען, אונד גראדע דיזער בלוטיגע אורטהייל (דעקרעט) האט זייא ביידען גערעטעט דאס לעבען אונד צו גלייך אויך זייערע עהרע, דען אלס די ווירגיניע ציפריא האט שוין איינגעזעהען דאס מיט איהרעם טויט וועט זיא ניט רעטטען דאס לעבען פון איהרעם געליבטען, האט זיא ארויס-געפלאצט שוין מיט דער וואהרהייט.

„ניין, מיינע שטרענגע ריכטער", האט זיא זיך אבגערופען צו זייא, בעאיילט אייך ניט מיט דער פאלציהונג (איספאלנעניע) פון אייערן בלוטיגען דעקרעט, בעפלעקט ניט אייערן געוויססען מיט אונשולדיגעם בלוט פון צווייא ריינע זעלען. איך געשטעהע צוואר (איך בין מודה) דאס מיר זייען בעטהייליגט (פריצאסטני) אין דעם אריינמישען דיזען פראשיק אין

(אמער. געש.)

דער

דער גראפינס קאווע, ער האט עס מיר פערשאפט אונ איך האב אריינגע־שאטען. דאך האבען מיר עס געטאן ניט אויס איינער בייזען אבזיכט, דאס הייסט, אום צו פערגיפטען איהר דער מיט וויא איהר מיינט, דען דיזער פולווער איזט קיין גיפט. גאנץ אומגעקעהרט, אונזער אבזיכט וואר נור אום צו רעטטען איהר דער מיט פון איהרער געפאהרליכען קראנקהייט, דען דיזער פראשיק איזט איין האכסט בעוואהרטעס (זיכערעס) מיטעל געגען דען שלייכענדען פיבער וואס ענדעט זיך בייא אייך אללען עאוראפייערן מיט דעם געוויססען טויט, וואס דיזער פאל איזט בייא אונז פארביגע ניט, וייל מיר געברויכען דער צו דיזען רעטענדען פראשיק וואס מיר (אלע פארביגע) האבען עס געהאלטען אינסגעהיים פאר אייך, אום דעם גרויסען האס וואס איהר האט איהם אבפערדינט בייא אונז דורך אייערע טיראנישע בעהאנדלונגען געגען אונז אונ מיר האבען אייך געלאזט אלזוי פערעקקען (פייגערען) פון דיזער קראנקהייט וויא דאס צונפיה (בהמות) אהנע מיטלייד צו האבען מיט אייך, דען אזוי האלט איהר דאך אונז אויך, נון הייסט עס געצאהלט מיט דער זעלבען מינצע.

דיזעס מיטעל איזט אונז בעקאנט שוין פון הונדערטע יאהרען, אונ נאך האט זיך ניט איינער פון אונזערע פארביגען געוואגט עס צו ענטדעקען איינעם עאוראפייער, דען אונזערע פראפעטען (נביאים) וואס וואַרען דאן אונטער אונז אונ וואס האבען אונז פראפעצייעט (נביאות געזאגט) דאס עס וועט מיט דער צייט איינוואנדערען אהער איין פרעמדעס פאלק פון מארגענ־זייטע (פון מזרח זייט) אונ וועלען אונז אונטערדריקען אונ וועלען איבער אונז טיראניזירען, האבען דאן בעשווארען אונזערע עלטערן אויף קינדס קינדער דאס ניט איינער פון אונזערע פאקאלעניעס זאל ניט ענטדעקען דיזען רעטטונגס מיטטעל פון דעם שלייכענדען פיבער צו איינעם פון דיא איינגעוואנדערטען בעדריקקער, זאגענד דאס נור ער אליין (דער שלייכענדע פיבער) איזט דער איינציגער מיטטל וואס איזט אים שטאנדע אויס צו ראטטען (אויס צו קארעניען) זייא פון אונזערעם לאנדע. זייא האבען בעשווארען אונ צו גלייך געפלוכט אונ אבגעזאגט דיא אייביגע זעליגקייט (עולם הבא), אלע דיא יעניגע פון אונז וואס וועלען וויססען פון אזוי איין פערראטהער (אויסגעבער) אונ וועלען עס ניט מיטטהיילען אונזערעם פובליקום דאמיט מען זאל זיך בלוטיג רעכנען אן איהם אונ אן זיין גאנצעם בעשאף (פאמיליע) אונ נאך איזט קיין געהיימניסס אזוי טריי בעוואהרט געווארען זעלבסט אונטער אונז פארביגען, וואס זייען שוין פון זייער נאטור האכסט פערשוויגען, וויא דיזעס געהיימניס, אונ איך אונגליקליכע בין אלזוי דיא ערשטע פון אלע פארביגען וואס איך האב געוואלט מיט דיזעס מיטעל רעטטען איינע עאוראפייערין, איך מיין עס מיינע דאמע דיא גראפין וואס איהר לעבען איזט מיר פיל טייערער אונ ליבער אלס מיינע זעליגקייט

(עולם הבא), דאך אבער אינם געהיים, דאס הייסט דאס זיא זעלבסט זאל ניט וויססען דער פון, דאמיט זיא זאל עס ניט ענטדעקען (מגלה זיין) איינעם אנדערן אונ זאל ניט אם ענדע עס באקאנט מאכען אללער וועלט, אונ דאס גלייכען אום עס זאלען זיך ניט דערוויססען דער פון אונזער פארביגעס פובליקום (נאראד) וואס וועט זיך געוויס בלוטיג רעכענען אן מיינער גאנצען בעשאף (משפחה).

נון האב איך מיר צוגעצויגען דורך מיינע אויפריכטיגע ליבע צו מיינער דאמע (אלס איינע גערעכטע אונ פערדינטע שטראפע פון גאט) איינען פערדאכט (חשד) דאס איך האב איהר געוואלט פערגיפטען דער מיט אונ וואר אלזוי פעראורטהיילט דורך דעם צום טויט, צום שייטערהויפען אונ איך וואר אלזוי וויליג אונ בערייט צו ערליידען בעססער גאנץ מוטהיג דיזען שרעקליכען טויט אלס צו רעטטען מיך דורך דיא ענטדעקונג פון דיזעם געהיימניסס, אונ וואלט דיזען ענטשלוס מיינעם געוויס ניט געענדערט ווען עס וואלט ניט דורך מיינע פערשוויגענהייט געליטען דעם זעלביגען שמאהליכען טויט אויך מיין געליבטער, דער איידעלער פאמאגוסטע וואס קיין פרייז (צינא) אין דער וועלט איזט מיר צו טייער אום צו ערהאלטען איהם ביא דעם לעבען, דען ער פערדינט עס ביא מיר וייל אונזערע ליבע צו איינאנדער איזט קיינע פיזישע ליבע, קיינע פליישליכע (פלאטסקאיא) אבער איינע גייסטיגע, איינע פלאטאנישע ליבע (פילאזאפישע ליבע *), עס איז ווערטה צו לעבען פיר איינאנדער אונ דאס גלייכען צו שטארבען פיר איינאנדער, אונ זעלבסט דיא זעליגקייט (עולם הבא) צו פערליערן פיר איינאנדער, אלזוי ענטדעקע איך אייך דיזעם מיטעל, נור אונטער דעם זיגעל דער פערשוויגענהייט, דאס הייסט עס זאל בלייבען איין געהיימניס אונ נימאנד זאל עס וויססען דאס איך בין דיא ענטדעקערין דער פון, אום דיא פארביגען זאלען זיך ניט בלוטיג רעכענען דער פאר אן מיך, אן מיינעם געליבטען אונ אן מיינער פאמיליע".

זייא האבען עס איהר פערשפראכען אונ זיא האט זייא ענטדעקט. אונ אלס זייא האבען געמאכט פראבען דער מיט אויף מאנכע עאוראפייאישע פעראורטהיילטע (פערמשפטע) צום שייטערהויפען וואס ווארען בעהאפטעט (בעפאללען) מיט דעם שלייכענדען פיבער וואס ווארען זייערע געגנוג אין דעם געפיינגנים פון דער אינקוויזיציע אונ עס האט געלונגען (געגליקט), דען

*) פלאטאנישע ליבע הייסט אזוי איינע ארט ליבע וויא אמאל דער פילאזאף פלאטא האט געליבט זיינע געליבטע, ניט אום איהרער קערפערליכען שענהייט נור אום איהרע גייסטיגע (דושעווגע) איינענ־שאפטען (מעלות).

(אמער. געש.)

דען זיא זייען אין איינינע טעג געווארען געזונד , האט זיך שוין בעוויזען דאס דער פראשיק וואס זיא האט אריין געמישט אין דיא קאווע וואר אויך קיין אנדער זאך וויא דיא כינא , אונ מען האט זייא בעפרייט אונ דערהאלטען ביידען אויף זייערע פאריגע שטעלען . דער נאך אלס דיא גראפין זעלבסט איזט געווארען פאלליג געזונד דורך דעם זעלבינען מיטעל , האט זיא זייא ביידען פארגעשטעלט פאר דעם שפאנישען קעניג אלס דיא ענטדעקער פון דיזעם היילמיטעל וואס רעטעט טויזענדע פון דעם שלייב= פיבער . דער קעניג האט זייא ביידען געאדעלט , דאס הייסט בעשאנקען מיט דוואריאנסטווא , אונ מיט א שטיק לאנד . דיא גראפין האט זייא ביידען פערהייראטהעט , רייכליך בעשאנקען אונ דורך איהר (דיא גראפינס) רעקאמענדאציע האט דער וויצעקעניג געמאכט פאמאגוסטען פיר איין אלקאלדא (אסעסאר) , אונ זייא ביידע (דער וויצעקעניג אונ זיינע פרויא דיא גראפין) זייען ביידען געבליבען גוט זייער גאנצען לעבען , דען זייא האבען זיך ניט געקאנט פערגעססען דאס זייא האבען איהר געדעטעט פון דעם שלייכענדען פיבער אונ צו איהר ווארען געדעטעט נאך טויזענדע פון דיזער קראנקהייט אונ דאס דיזער פולווער וועט נאך בלייבען איין רעטונגס מיטעל פון דיזער קראנקהייט פיר אימער , אונ האבען אלזוי נאך דער צו ניט געקענט בערוהיגען זיך איבער דיא מארטער (ענוים) וואס וואר זייא אנגעטאהן צו ליב זייא אין דער אינקוויזיציע , זייא האבען זיך דארום בעמיהעט צו פערגיטען זייא דער פאר מיט אלעם גוטען וואס וואר זייא נור מעגליך געווען צו טאן , אונ ווייל דיזער היילמיטעל צוא דיזעם געפאהרליכען שלייכענדען פיבער אונ פשיטא שוין צוא אלע אנדערע געוואוינליכע פיבערן איזט געווארען בעקאנט אין אלע לאנדער דורך דיזע גראפין וואס האט געהייסען כינכאן , ווערט ער גענאנט אויף איהר נאמען אונ הייסט דאהער כינא ביז דיזען טאג . נון קעהרען מיר איצונד אום , צוא אונזערער הויפט ערציילונג .

## 3.

## אבראם ספאלענטא אוים אמסטערדאם אונ זיין האנדעלס דינער אראן אוים ווילנא .

מיט אאהר זעכציג אדער זיבעציג צוריק וואר אמעריקא פיר אונזערע רוסישע יודען איין אוטאפיען *) , אדער בעססער צו זאגען איינע פאבעלוועלט

דאס

*) אוטאפיען ווערען אנגערופען אזעלכע לענדער וואס ווארען קיין (אמער. געש.)

(דאס הייסט, איינע אויסגעטראכטע זאך נור, וואס געפינט זיך ניט אין דער ווירקליכקייט, איינע ווידומקא) אונ איזט עס נאך איצונד אויך פיר מאנכע קליינע יודישע געמיינדען וואס לעבען אין טיף פאליעסיע אדער אין דער ווייטען אוקראינע, אונ אזוי אויך קען מען זאגען דאס זייא האבען דאן קיין בעססערען בעגריף געהאט פון אלע אונזערע לענדער וויא לוט׳ס טעכטער האבען געהאט פון דער גאנצען וועלט וואס זייא האבען געמיינט דאס מיט דעם אונטערגאנג פון סדום אונ עמורה איזט שוין קיין מאן פיר זייא געבליבען וויא נור זייער פאטער, דאס הייסט זייא האבען געמיינט דאס נור זייערע שטעטלאך זייען געוויס דא, אונ אנדערע שטעט פון אנדערע לענדער זייען מעהר ניט וויא געזאגט אונ ווייטער ניט, נור מיט דעם אויסנאהם דאס עס איזט נאך דא באמת אשטאט ירושלים, חברון, צפת, שכם, ווייל עס פלעגען צו קומען צו זייא שנארער פון דארט, אונ שנארער פון דאנען פלעגען צו קומען אהין, אונ דאס אויך האבען ניט אלע נאך גאנץ אויף ריכטיג געגלויבט, דען זייא האבען ביידען געהאלטען פיר בעטריגער נור, דאס הייסט, דאס ניט יענע קומען אהער פון דארט אונ ניט דיא קומען פון דאנען אהין, דען עס זייען פילע ירושלמים ערגריפען געווארען דאס זייא זייען קיין מאל געוועזען אין ירושלים אונ וואס זייא זייען נור פערשטעלטע ירושלמים *), אונ דאס גלייכען האבען זייא געגלויבט דאס עס איזט דא א שטאט וואס מען רופט פראג אונ א שטאט וואס מען רופט מען נור דארום ווייל זייערע גרויסע רבנים ווארען אנגערופען אויף זייערע נעמען, למשל ר׳ יונתן פראגער אונ דער שאגת ארי׳ דער מעצער רב.

אם

מאל אויף דער וועלט אונ מען האט זייא נור אויסגעדיינקט אום צו מאכען פון זייא פרימערען וויא דיא ווירקליכע לענדער זאלען רעגירט ווערען.

*) דיזער פאל איזט געשעהען מיט איינינע מאנאט צוריק אין פעטערסבורג מיט איינעם ירושלמי וואס האט דארט געקליבען נדבות אויף ארץ ישראל אונ פערקויפט שטיינערנע פינגערלאך וואס זייען (וויא ער האט געזאגט) אויסגעהויען פון דיא דארטיגע סקאלעס אונ נאך אנדערע זעלטענ-הייטען, אונ אזוי האט ער דארט צוזאמענגעשארט געלט גרויסע סומען, ביז מען האט איהם דערקענט אז ער איזט איין שניידער פון דער שטאט באברויסק, אונ וואר געשטעלט פאר דעם פרידענסגעריכט (מיראוואי סוד) וויא עס איזט בעשריבען אין דער צייטונג. אונ דיזער פאל וואר אויך מיט דער „גענע״ דעם שמעי׳ נוט יום טוב ביטערס ווייב, וואס האט געהייסען „גענע דיא ארץ ישראל מיידעל״, ווייל איהר פאטער וואס איזט וועסט אוועק געפארען מיט איהר קיין ארץ ישראל איזט געשטארבען אין אשמענע (אונטער ווענעס) אונ זיא האט זיך אומגעקעהרט מיט איינעם זאק ארץ ישראל ערד. —

(אסער. געש.)

אם זיבערסטען אבער וואר מען געוויס מיט דער שטאט אמסטערדאם (דאס הייסט דאס זיא איזט אם ווירקליכסטען דא אין גאטטעס וועלט, דען עס פלעגען ארונטער צו קומען פון דארט אלע יאהר אידעשע קויפלייטע מיט זייערע סחורות אויף זעלווער יריד וואס וואר דאן דער גרעסטער פון אלע ירידין פון ליטא אונ איזט אונטער געגאנגען ווייל ער פלעגט זיך אנהייבען מיט גרויסע גנבות אונ ענדיגען זיך מיט גרויסע שרפות, אונ אין דיא לעצטע צייטען אויך מיט גרויסע פאימקעס, זאגסט (דאס הייסט ווען ניט דיזע גרויסע בעווייזע) וואלטען זייא גאר ניט געגלויבט דאס עס איזט נאך דא עפעס וועלטען חוץ זייער סקריפשטעטעלע. דען זייער גאנצער האנדעלס פערקעהר מיט דעם אויסלאנד וואר נור דורך איינען איינציגען משולח וואס האט מוציא געווען דעם אידישען פערקעהר מיט לייפציג, וויא דאן דער שתדלן וואס האט מוציא געווען אלע אידעשע קהלות מיט פוילעש ריידען אונ פוילעש שרייבען. אונ דיזע אמסטערדאמער קויפלייטע פלעגען זייער אפט פערשלעפען מיט זיך מאנכען יונגען מאן אדער בחור קיין האלאנד אונ ווייטער האט קיינער פון אונזערע אידען זיך ניט געוואגט אנאז ארויס צו שטעקען זאגראניצע. דורך דיזע אמסטערדאמער קויפלייטע איזט געווארען פערשלעפט נאך האלאנד אויך דער אהרן ספאלענטא. ער וואר דאן אלט אזאהר צוואנציג, נאך אונפערהייראטהעט, אונ איזט געשטאנען גאנץ אליין אויף גאטעס וועלט, דען ער וואר אן עלטערן אונ דער צו נאך גאנץ פרעמד אין זעלווע, דען ער וואר אליין איין ווילנער, אונ פלעגט אלע יאהר צו קומען קיין זעלווע צו דער צייט פון דעם דארטיגען יריד אום צו זיין דארט איין שטייהער אונ געהילפע אין דיא גרויסע פאק-קאמערן פון דיא אויסלאנדישע קויפלייטע וואס פלעגען דארט צוזאמען פארען אויף דעם יריד, אונ האט אלזוי געהאט דאס גליק אם ענדע צו בעקומען איין ארט איבער דיא צייט פון דיזעם יריד ביא איינעם אמסטערדאמער קויפמאן וואס האט געהייסען אבראם ספאלענטא, וואס וואר זייער רייך אונ דער צו האכסט בראוו. אונ וויל דיזער יונגער אראן וואס האט פערגעוויס דאן געהייסען „ארקע" וואר איין פיקסער יונגע, שיין געוואקסען, קלוג אונ אויך זייער בראוו אונ רעכט געניט שוין אין דיזעם געשעפט וואס איזט בעשטאנען אין שניט סחורה, האט איהם דער קויפמאן פארגעשלאגען דאס ער זאל פערבלייבען ביא איהם פיר אימער, דאס הייסט ער זאל מיט פארען מיט איהם אויף אלע אנדערע ירידען אין רוסלאנד, אונ נאכהער זאל ער מיט ציהען נאך האלאנד, האט איהם געגעבען איין גוטעס געהאלט אונ דער צו נאך פארגעשפיגעלט איינע גוטע צוקונפט (דאס הייסט א גוטען תכלית), דען ער האט איהם פערזיכערט דאס עס וועט ווערען דארט פון איהם איין גוטער קויפמאן מיט דער צייט, אונ וויא אויך דיזער פארשלאג וואר איהם האכסט ווילקאמען (געפעלען)

האט ער דאך ניט געוואונט עס אנצונעהמען ביז ער האט זיך איבער דעם מישב געוועזן מיט זיינעם א פעטער א ווילנער, וואס וואר דאן אויף דעם יריד. דען עס וואר איהם דאס אויסלאנד וויא איינע יענע וועלט, אונ אלס יענער האט איהם צו גערעדט דער צו האט ער עס אנגענומען מיט ביידע הענד אונ איזט מיט יענעם פעררייזט אונ האט מיט איהם אין איניגע מאנאט ארום, דאס הייסט נאך אלע ירידין וואס ווארען אין ליטא, פוילען אונ רייסען, איינגעטראפען אין אמסטערדאם.

ער וואר ביא איהם דריי יאהר נאך דער רייהע, אונ זייא ווארען האכסט צופרידען פון איינאנדער. אלע יאהר וואר ער מיט איהם אויף זעלווער יריד אונ האט אלזוי געהאט געלעגענהייט ביא יעדעם מאל צו זעהען זיך מיט זיינעם פעטער אונ צו דאנקען איהם פיר זיין ראטה, אונ נאך מעהר אלס צו דאנקען, דען ער פלעגט איהם אונטער צו העלפען מיט עטליכע צעהענדליג טאלער אונ פלעגט זיך שיידען פון איהם יעדעם מאל מיט דער האפענונג זיך ווידער צו זעהען מיט איהם. ליידער אבער האט זיך דיזע האפענונג מעהר אלס דריי מאל ניט פערווירקליכט, דען אין דעם פירטען יאהר וואר שוין אין זעלווע ניט געוועזן צו זעהען ניט דעם אברהם ספאלענטא אונ ניט דעם אראן, דען עס האט זיך געמאכט, איינע גרויסע ענדערונג אין דעם הויזליכען לעבען פון דיזעם אבראם, וואס האט געצווינגען איינען גרויסען שטריך (שטערענעם) אין דעם אראנס רעכענונג, וויא מיר וועלען עס דא דער ציילען באלד אין דעם פינפטען קאפיטעל. איינע גרויסע לעהרע אלזוי וויא ווייט מיר מענשען זייען קורצזיכטיג דאס מיר קענען ניט ווירטהשאפטען (ראספאריאזאניען זיך) איבער דיא צוקונפט (שפעטערע צייט) וואס ליגט נור אין גאטטעס האנד, אונ דאס נימאנד איזט אים שטאנד צו זאגען דאס ער וועט מארגען דאס זעלבע טאן וואס ער נאך היינט קאן.

5.

## ר׳ יהושע ספאלענטא אונ זיין זון איזאק ספאלענטא.

דאס ערשטע לאנד וואס האט געגעבען דיא יודען בירגער רעכטע אונ אלע פרייהייטען, הן אין עניני אמונה אונ הן אין עניני מסחר, אונ וואס איהר באדען (ערד) וואר קיין מאל בענעצט אונ בעפלעקט מיט אונזער בלוט, וואר נור האלאנד, זיא וואר דיא איינציגע וואס האט געעפענט פאר אונז אלע טויערען פון איהרע שטעדט אלס שפאניען אונ פארטוגאל האבען אונז ארויס געטריבען פון זיך אונ וואס האט אויך אויפגענומען אין זיך נאכהער אלע אונזערע אנוסים (מאראנען), וואס האבען זיך געפליכטעט

(אנטלאפען פון דער טיראנישען אינקוויזיציע און עס וואר זייא פרייא צוא בעשניידען זיך און אומקעהרען צוא דעם גלויבען פון זייערע עלטערן *) און זייא (דיא האלענדער) האבען גאט זייא דאנק נאך ביז איצונד קיינע אורזאכע צוא בערייען עס (חרטה צוא האבען) דאס זייא האבען עס געטאהן, דען דיא איינגעוואנדערטע יודען פון שפאניען און פון פארטוגאל האבען אריינגעבראכט אין האלאנד גרויסע שאטצע (עשירות). זייא האבען פערגרעססערט דעם האנדעל און נאך מעהר דיא בילדונג און דיא געלעהרזאמקייט, דען דיא שפאנישע און פארטוגיזישע יודען וואַרען דאן דיא געלעהרטעסטען און געבילדעטסטען מאנער פון גאנץ עאוראפא, וואס זייערע נעמען שיינען און איבערשטראהלען נאך איצונד דיא נעמען פון אלע אנדערע געלעהרטע, וויא צום ביישפיל דער ברוך שפינאצא, דער אוריאל אקאסטא און נאך מערערע זייער גלייכען, דאס עס וואר זייא צוגעשיקט קעניגליכע און פירשטליכע זאהנע (זין) אום צוא בילדען זייא. אזוי האט דאן האלאנד פערשטאנען צוא בערייכערן זיך מיט גייסטיגע (דושעווגע, גראוויסטוועגע) שעצע און מיט מאטעריעלע שעצע (דאס הייסט מיט אוצרות פון חכמה און פון עשירות) און אלץ אויף דיא רעכענונג פון שפאניען, דען זיא האט דורך איהרען טיראנישען און צוא גלייך העכסט דומען שריטט (שאג) זייער פיל געליטען דאן, און ליידעט דאריבער נאך איצונד אויך, דען צייט זיא האט ארוים געטריבען פון זיך דיא יודען **) איזט זיא פערזונקען אין איינער גרויסען

*) אלס דער קעניג פון פארטוגאל האט מיט א יאהר פופצעהן צוריק, זייענד אין אמסטערדאם, בעזוכט דיא ספרדישע שול, האט ער געזאגט דיזע ווארטע: „דיזעס גאטטעס-הויז איזט איינע שאנדזיילע (פאזארני סטאלב) (מצבת קלון) פיר מיין לאנד. דען עס איזט איינע שאנדע פאר אונז, דאס מיר האבען אונזערע בעסטען בירגער גע-צוואונגען אנצובעטען דעם גרויסען שעפער אין איינעם אנדערן לאנדע, און אזוי האבען מיר נאך פילע שאנדפלעקען אוים צוא וואשען פון אונזערער געשיכטע (קראניקעס).

**) פארטוגאל, וואס האט דאס גליק געהאט אין דיא נייערע צייטען צוא ווערען רעגירט פון פיל בעסערע קעניגע אלס שפאניען און וואס האבען אלזוי איינגעזעהען דאס דאס זינקען פון זייער לאנד איזט נור וויל עס האלט שלעכט מיט איהרע פינאנצען און מיט דעם קרעדיט, וואס דורך דעם איזט איהר האנדעל העכסט געלאהמט און געשטאקט און דאס עס איזט מיט זייער רייך (מלוכה) אזוי ווייט געקומען דאס זיא ווערט בעדראהעט (אוגראזאיעט) מיט איינער הונגערסנאטה, האבען זיך דיא קעניגע בעאיילט אריין צוא רופען קיין פארטוגאל אידעשע

גרויסען ארמוטה (ארעמקייט) אונ איינער גרויסען אונוויסענהייט אונ ווערט געפלאגט פון גרויסע אונרוהען (מרידות) . זיא איזט געבליבען איין געזונקענעם רייך (ממלכה שפלה) ביז דיזעם טאג אונ איז אלזוי געבליבען איין ווארנענדער (סטראשענדער) ביישפיל פיר אלע לענדער צו וואס פיר איין אונגליק עס קען פיהרען איינע מלוכה (רייך) דיא פערפלוכטע אינטאלעראנץ (נעטערפימאסט) . דיזע אונזיטע (מדה רעה) האט איהר פערפיינדעט מיט גאנץ עאוראפא אונ איז דורך דעם געזונקען עד היום .

איין נעגענזאץ (איין הפך) וואר שוין אויך דאן האלאנד . זיא האט אויפגענומען דיא שפאנישע יודען אונ דאס גלייכען דיא פארטוגיזישע יודען

---

רייכע באנקירען פון איינגלאנד , פון פראנקרייך , פון ווענעציע , אונ דאס גלייכען גרויסע קופלייטע , אונ האבען זייא געגעבען דיא זעלבע רעכטע וואס עס האבען דארט זייערע איינגעבארענע איינוואוינער , דאס הייסט , צוא האנדלען וויא זייא ווילען נור , צוא קויפען גיטער , צוא זיין ציגאוניקעס , אריין צוא רופען צוא זיך נאך פילע אידעשע פאמיליען , וויא פיל זייא ווילען , צוא בויען שולען אונ בתי מדרשים אונ צוא האלטען זייער רעליגיאן גאנץ פרייא . אויף דיזען רוף האבען אהין איין געוואנדערט איינינע הונדערט פאמיליען אידעשע אונ אין דעם פערלויף פון א יאהר דרייסיג האבען זייא זיך דארט פערמעהרט ביז דרייטויזענד פאמיליען אונ האבען דאס לאנד גערעטעט פון נויט אונ פון עלענד אונ זייא אליין זייען געווארען גרויסע מיליאנערען אונ שטייען אין גרויסער אכטונג ביי דער דארטיגען רעגירונג, דען דער גרעסטער טהייל פון זייא זייען דעקארירט (דאס הייסט בעשאנקען מיט ארדענס) אונ א טהייל איזט געאדעלט , צוא באראנען געמאכט , וויא עס איזט בעשריבען אין דער גרויסען אידעשען וועלט-געשיכטע פון „גרעץ" וואס ווערט ליידער נאך ביז יעצט פון קיין אידעשע טאכטער געלעזען , זעלבסט פון דער הויכגעבילדעטסטען דאמע ניט . זייא האבען גענוג טהראנען (טרערען) צוא וויינען איבער „מאריא שטואַרט" איבער „ווערטהערס ליידען" אבער ניט איבער דיא טראגעדיען (טרויער סצענען) פון אונזער נאציאן וואס קומען פאר אין דיזער געשיכטע פון גרעץ, וויא צום ביישפיל פון דער פריילין האנא פיצאטא וואס וואר העכסט געבילדעט , העכסט שיין , דיא רייכסטע ערבין אין מאדריד , מיט וואס פיר איין מוטה זיא האט בעשטיגען דעם שייטערהויפען פיר דיא גרויסע אידעע (בעגריף) פון אונזער רעליגיאן . עס בעוויינען איהר קריסטליכע טעכטער , ניט אונזערע, דען זייא זייען צוא שטאלץ דאפיר וייל זייא פעראכטען וואס נור אידעשעם איזט .

(אמער. געש.)

יודען מיט אפענען ארמען אונ האט זייא געלאזט געניסען אלע פריכטע (פלאדי) פון דיא אלע זינע (פאבריעדעס אדער נצחונות) וואס זיא האט ערהאלטען איבער דיא שפאניער גלייכצייטיגהיילס וויא דיא איינגעבארענע האלענדער. דען באלד וויא זיא (האלאנד) האט ערארבערט (איינגענומען) דאס גרויסע לאנד בראזיליען, וואס ליגט אין דיא זידליכע (דרומדיגע) אמעריקא אונ וואס האט דאן געהערט צוא פיליפ דעם צווייטען, וואס וואר דאן קעניג פון שפאניען, אונ וואס בראזיליען וואר דאן דאס רייכסטע לאנד אין דער גאנצען וועלט, דען זיא האט דאן געהאט אין זיך פיל גאלד, זילבער, ברילאנטען, וואס מען האט עס געקענט בעקומען גאר אן מיהע אונ אן געפאהר, דאס הייסט מען האט זיך געדארפט, זא צוא זאגען, נור איינביגען אום עס אויפצוהייבען — האבען אויסגעוואנדערט פיל טויזענדע האלענדער פון האלאנד נאך בראזיליען, אונ מיט זייא צוזאמען אויך א פאר טויזענד האלאנדישע יודען וועלכע עס האבען זיך דארט בעזעצט. דער גרעסטער טהייל פון זייא זייען געוואהרען קאלאניסטען, דיא איבעריגע האבען זיך בעזעצט אין דיא דארטיגע שטעדט אונ זייען געווארען קויפלייטע, פאבריקאנטען אונ האבען זיך מיט דער צייט דארט אזוי ווייט פערמעהרט דאס דיא אידעשע געמיינדע פון דער דארטיגען הויפטשטאדט „זאלוואדאר" האבען אבגעאכט צוא זיך פיר איינען ראבינער דעם וועלט-בעריהמטען ר׳ יצחק אבוהב נ״ע *) אונ ווארען דארט העכסט גליקליך אונ רוהיג ביז דיא פארטוגיזען

*) דיזעס לאנד האט פריהער געהערט צוא פארטוגאל אונ ווייל זיא וואר דאן נאך גאנץ אונבעוואוינט אונ מען האט איהר געוואלט בעזעטצען, האט יאהאן דער דריטער, קעניג פון פארטוגאל, געהייסען דאס מען זאל ענטרייסען (אוועקנעמען) פון אידעשע עלטערן זייערע צוועלף יאריגע קינדער, יונגען אונ מיידכען, אום צוא בעזעטצען מיט זיי דיזעס לאנד אונ עס וואר דאן איין גרויס געיאמער אונ געוויין וואס עס איזט נאך ניט געשעהען. בייא אייגער מוטער ווארען ענטריסען (האט מען אוועקגענומען) זיבען קינדער, וואס דער איינגסטער פון זייא וואר שוין 12 יאהר אלט. אונ אלס דיא מוטער איז געפאלען פאר דעם קעניג אונ האט איהם געבעטען דאס ער זאל איהר לאזען דעם לעצטען, האט ער איהר געענטפערט: „דיין ווייגען פערנעמט בייא מיר קיין ארט אלס דאס היילען (וואויען) פון איינער צווייג וואס מען בערויבט איהר איהרע יונגען" אונ האט איהר אוועקגעבריקעט פון זיך. זייא זייען דארט אבער אלע אויסגעשטארבען פון דער שלעכטען לופט וואס וואר דאן דארט אונ פון דיא שלאנגען דיא גיפטיגע וואס זייען דארט געוועזען

פארטוגיזען האבען פערטריבען פון דארט דיא האלענדער וואס דיזעס איז געשעהען דורך איינע גרויסע בלוטפערגיסונג. דען עס וואר א גרויסער שטרייט צווישען דיא האלענדער אונ דיא פארטוגיזען וואס דיא אידען האבען אויך איינען אנטהייל אין דעם גענומען אונ האבען געפאכטען געגען דיא פארטוגיזען וויא דיא העלדען אונ האבען געמוזט אם ענדע אבציהען פון דארט מיט דיא האלענדער צוא גלייך, אבער ניט אלע האבען זיך צוריק געקעהרט נאך האלאנד, דען איין גרויסער טהייל פון זייא, דאס הייסט דיא יעניגע יודען וואס זייען געוועזען דארט קאלאניסטען אונ וואס ווארען אלזוי געוואוינט צוא איינעם לענדליכען לעבען, דאס הייסט צוא לאנדבוי (חלעבאפאשעסטווא) אונ ווארען אלזוי שוין זייער ווייט פון מסחר, האבען זיך שוין ניט אומגעקעהרט צוריק נאך עאוראפא אונ זייען פערבליבען אין אמעריקא, האבען זיך קאלאניזירט (זייען געווארען קאלאניסטען) אין פערשידענע פראווינצען אונ אינזעלען פון גאנץ אמעריקא וואס האבען דאן געהערט נאך צוא האלאנד, צוא איינגלאנד, צוא פראנקרייך. איין קליינער טהייל פון זייא זייען דאן אוועק אויף דעם קאפ*) וואס האט נאך דאן געהערט צוא האלאנד, אונ נאך איין קליינערער טהייל איז אוועק נאך באטאפיא**) וואס געהערט נאך ביז איצונד צוא האלאנד.

גענוג פון אלע דיזע רייד אונזערע איז ארוים צו זעהען דאס דיא ערשטע אידעשע איינוואנדערער אין אמעריקא ווארען נור דיא האלענדישע, וואס דיזעס איז געשעהען אין דעם יאהר טויזענד זעקס הונדערט פינף אונ צוואנציג אונ וויל זייא האבען זיך אין זייערע נייע אנזידעלונגען (בעזעצונגען) זייער שטער בעזעצט, דאס זייא האבען ניט אין איינעם ארט פון זייערע נייע בעזיצונגען קיינע געמיינדע (קהלה) אויסגעמאכט, דאס זייא זאלען קענען האלטען א רב, א שוחט, א חזן, אונ מלמדים, ווארען זייא מיט דער צייט אזוי ווייט אראפ פון אידעשקייט, דאס זייא זייען געבליבען נור ביי דער בעשניידונג אונ דאס אויך ניט אין

אכטען

לרוב. איין קליינער רעסט וואס איז פון זייא געבליבען, וואר מיט געוואלט אבגעטויפט. נאך שפעטער ווארען אהין פערשיקט פילע יודען פון דער אינקוויזיציע, אונ עס איז פון זייא אויך ניט איבער געבליבען.

*) דער קאפ אדער קאפלאנד איז דער זידליכע שפיץ פון אפריקא אונ האט דאן געהערט צוא האלאנד. איצונד געהערט עס צו ענגלאנד.

**) באטאפיא ליגט אין אסטאינדיען אונ ווערט בעוואוינט פון האלענדער אונ פון אנדערע עאוראפייער, פון חינעזער אונ פון פילע נעגער אונ אינדיאנער.

(אמער. גש.)

אכטען טאג פון דער געבורט, דען זייא האבען קיין מוהל ניט געהאט בייא דער האנד אונ דאס קינד איז געבליבען אונבעשניטטען ביז ערב יום כפור, דען דאן פלעגען זיך זייערע מעהרערע הונדערטע צוא זאמען קומען פון נאהענטטען אונ פון ווייטען בייא דעם רייכסטען אונ פרימסטען פון זייא וואס וואר אים שטאנדע (אונ וואס האט צו גלייך אויך געוואלט) צוא האלטען בייא זיך איינען אידעשען תלמיד חכם פון אמסטערדאם וואס וואר א מוהל, א שוחט, א מתפלל אונ איין מוכיח. א טהייל פון זייא האבען זיך פערהייראטהעט מיט קריסטען אונ וואלטען זיך פערגעוויס מיט דער צייט גאנץ אונ גאר פערלירען וויא אמאל דיא עשרת השבטים ווען עס וואלטען זיך ניט שוין צייט א יאהר פופציג אנגעהייבען מעהרערע יודען פון פערשיידענע עאוראפייאישע לענדער אריינצוווייזען אין דיא אמעריקאנישע לענדער אונ אינזעלען, וואס האבען אלזוי ווידער אויפגע־בלאזען דעם לעצטען פונקען אידעשקייט וואס האט נאך זא צו זאגען געגלימט (געגליהעט) בייא דיא דארטיגע אידעשע קאלאניסטען. דער גרעסטער טהייל פון דיזע נייען אידעשע אנקאמלינגע (אנגעקומענע אהין) ווארען וויא צוא זאגען שנארער, משולחים פון ארץ ישראל אונ גאר אקליינע צאהל פון זייא העכסט גאטס ערגעבענע לייטע וואס זייער ציל וואר נור צוא פריידיגען גאטטעס ווארט אונטער דיא אידעשע קאלאניסטען אונ צוא צוא ווענדען זייערע הערצער צוריק צוא דעם אידעשען דת. אונטער דיזער קליינען צאהל האט זיך אויסגעצייכענט איין העכסט גאטטעס פירכטיגער מאן וואס האט געהייסען יהושע ספאלענטא וואס וואר איין ברודער פון דעם אבראם ספאלענטא איין געבארענער האלענדער פון דער שטאדט ראטטערדאם. ער וואר דארט, וויא צוא זאגען איין צווייטער שמואל הנביא, דען דיזער איז דארט אומגעפארען פון איינער אידעשען קאלאניע צו דער אנדערען אידעשען קאלאניע אונ דאס גלייכען זיך געשיפט פון איינער אינזעל וואס עס ווארען דארט אידעשע קאלאניען צוא איינער אנדערען אינזעל וואס עס ווארען דארט אידעשע קאלאניען אונ ואלץ אויף אייגענע קאסטען*), דען ער וואר זייער רייך, האט מיט זיך געהאט זיינעם א זון, א בן יחיד א בחור פון א יאהר אכטצעהען, איין געראטענעם קינד וואס וואר א שוחט, א מוהל, האט גוט געזונגען אונ וואר אלזוי איין שיינער

דאוונער

---

*) וואס אונזערע חכמים זאגען אויף איהם דאס ער פלעגט אומ־צוואנדערן פון שטאדט צוא שטאדט אום צוא שטראפען זייא אלץ אויף אייגענע הוצאות אונ נעהמען עס ארויס פון דעם פסוק וסבב בית אל והגלגל ותשובתו הרמתה כי שם ביתו.

(אמער. געש.)

דאווגער, דער צו נאך סדורים, תפילין, ציצית מזוזות, אונ פלעגט אלזוי אין יעדער אידעשען קאלאניע, וואס ער איזט נור געקומען, צו-זאמען רופען צוא זיך דיא אלע דארטיגע יודען אום צוא בעקעהרען זייערע הערצער צוא גאט, אונ האט מיט זיינע זיסע שטראפרייד זייער שטארק געווירקט אויף זייא, פלעגט איבער דיא גאנצע צייט וואס ער האט זיך פערזאמט אין איינער קאלאניע, צוא מאכען אלע טאג א מנין, אנגעשלאגען ביי זייא מזוזות, אויסגעטהיילט ציצית אונ דאס גלייכען סדורים אונ אפגעמאכט מיט זייא דאס זייא זאלען אוים שרייבען פון אמסטערדאם מלמדים, שוחטים, חזנים, אונ האט אלזוי אבגעהאלטען זייא פון פערמישטע עהען, דאס הייסט זייא זאלען זיך ניט מתחתן זיין מיט דיא טעכטער פון אנדערע אומות וויא עס האבען געטאהן אמאל עזרא אונ נחמיה אונ האט זייא אלזוי בעקעהרט צוא דעם יודענטהום (צום אידעשען דת). אלזוי קיין וואונדער דאס דיזער יהושע ספאלענטא וואר העכסט געאכט אונ געשעצט פון אלע דארטיגע יודען אונ פערגעטערט זאגאר. זייא האבען איהם אזוי לאנג וויא ער האט גע-לעבט רעספעקטירט (פאציטאיעט) וויא איינעם פאטריארך (וויא איינעם פון דיא אבות) אונ האבען זיך בעמיהעט (געסטארעט) אום זיינעם זעגען (ברכה), גלויבענד דאס ווען ער זעגנעט, דער בלייבט געזעגנעט אונ שטייט נאך איצונד אויך, האטש ער איז שוין לאנג איין זעליגער (עליו השלומדיגער), אין איינעם העכסט הייליגען בערוף דארט אין פילע לענדער אונ אינזעלען,

דיזער גאטס געפירכטעטער מאן האט זיך מיט א יאהר צוואנציג פאר זיין טויט בעזעצט אויף דער אינזעל גוואדעלופע וויל דארט וואחרען פיל מעהר יודען אלס אין אנדערע שטעלען. ער האט זיך דארט געקויפט א קליינע קאלאניע אדער פלאנטאצי מיט צוואנציג סקלאווען וואס וואחרען בעהאנדעלט פון איהם העכסט פריינדליך אונ פעטערליך אונ זייא וואהרען איהם דאהער העכסט ערגעבען (געטראיי) אזוי וויא זייא וואלטען געוועזען מיטגלידער (צלענעם) פון זיינער פאמיליע אונ האבען איהם אלזוי איינגעטראגען פיל מעהר אלס אנדערע הונדערט סקלאווען וואס האבען געדינט אונטער מאנכען טיראנישען הערען. דען זייא זייען ביי זיינער גוטען בעהאנדלונג געבליבען איממער געזונד אונ מונטער*) אונ דער צו

העכסט

---

*) דיא סקלאווען פון דיא טיראנישע הערען וואהרען זייער אפט בעפאלען מיט איינער גרויסען מעלאנכאליע (מרה שחורה) דאס זייא הערען אויף צוא עססען אונ צוא ארבייטען, עס העלפט קיין שלאגען אונ קיין בעטען אונ עס דויערט, ווען גוט, איינינע מאנאטע. על פי רוב פער-שמאכטען זייא אונ שטארבען.

העכסט טרייא. ניט איינער פון זייא האט איהם בעשטוילען אונ ניט איינער אנטלאפען. זייא האבען זיך פון יאהר צוא יאהר פערמעהרט אונ דער בייא וואר גאטעס זעגען אויף דען ער האט זיך אום דעם פער־דינט געמאכט בייא איהם מיט זיינער נוטצען אויפפיהרונג, דער צו נאך וואר ער געלוינט פון איהם (פון גאטט) אין זיינעם איינציגען זון וואס האט געהייסען איזאק ספאלענטא וואס האט זיך דארט פערהייראטהעט מיט דער איינציגען טאכטער פון איינעם מיליאנערען פלאנצער (קאלאניסט) וואס האט געהאט אין זיינער קאלאניע פינף הונדערט סקלאווען אונ האט אלזוי זוכה געוועזען צו האבען פון איהם נחת אונ גדולה ביז זיינעם לעצטען טאג, דען כל זמן ער האט געלעבט איז זיין זון געגאנגען אין זיינע פוסטאפען (דרכים) דען ער וואר נוט גאט אונ מיט לייטען, געליבט פון זיינער פרויא, פון זיינע שווינער עלטערן אונ אזוי אויך פון אלע אנדערע. ער האט געלעבט אין זיינער פלאנצונג (קאלאניע) וויא איין פירסט אין זיינעם פירסטענטהום (מלוכה) דען עס איז ניט צוא בעשרייבען דעם גרויסען לוקסוס (ברייטעס לעבען) פון דיא דארטיגען גרויסע פלאנצער אלס עס וואר זייא נאך ערלויבט צוא האבען סקלאווען.

דיזע צוואנציג יאהר וואס דיזער יהושע האט פערלעבט אין זיינער פלאנצונג ווארען דיא בעסטע יאהרען פון זיינעם גאנצען לעבענסלויף, דען ער וואר אין זייא, וויא צוא זאגען, אימער מיט גאט אונ דאס גלייבען וואר גאט מיט איהם. דאס הייסט ער האט זייא פערלעבט אין איינער ריינען גאטעס פורכט אונ אין ריינע טוגענדען (מעשים טובים); ער האט פיל אליין געלערנט אין זייא אונ נאך מעהר בעלערנט אנדערע. דען ער פלעגט אין זייא זייער אפט מאכען וייטע רייזען איבער דיא אידעשע קאלאניען אונ האט פילע בעקעהרט צוא גוטען (רבים השיב מעון), אונ וואר אלזוי מיט זיינע שיינע בעהאנדלונגען פון זיינע סקלאווען, איין גוטער ביישפיל פיר אלע קאלאניסטען, זעלבסט פיר קריסטליכע אונ עס איז איהם זייער נוט געגאנגען אין זיינער קאלאניע, פיל בעסער אלס אנדערע קאלאניסטען, דאס טראץ ז״עם (ניט קוקענדיג אויף דעם) וואס ער פלעגט זייער אפט איינינע סקלאווען פון זיינער פלאנצונג בעפרייען, האט זיך דיא צאהל זייערע בייא איהם (ניט צוא־קוקענדיג אנדערע) פירפאך פערמעהרט ביז זיינעם טויט אונ האט איבער געלאזען זיינעם זון איינע בליהענדע קאלאניע פון הונדערט סקלאווען אונ מיט איינעם גרויסען פערמעגען דער צו אין בארעס געלד מעהר אלס איינע מיליאן פראנקס אויסער (חוץ) וואס ער האט אבגע־זאגט איינע גרויסע מאססע געלד אויף פרומע אנשטאלטען (זאוועדעניעס) אונ זיין טויט וואר אלזוי בעטרויערט אונ בעדויערט פון אלע וועלטען,

פון יודען אונ פון קריסטען אונ נאך מעהר פון אלע דארטיגע סקלאווען. דען צייט ער האט זיך בעזעצט אין גוואדעלופא האבען זייא אנגעהייבען צוא געניסען איינע פיל בעססערע בעהאנדלונג פון זייערע הארטע הערען אונ ביז יעצט נאך איז זיין גוטער נאמען וואס ער האט דארט גע- לאזען נאך זיך, ניט פערהאלט (ניט אויפגעהערט צוא קלינגען), דען עס ווערט נאך איצונד אויך פיל גוטעס אונ קלוגעס דערציילט פון איהם, וויא עס ווערט דערציילט ביי דיא אראבער נאך עד היום וואס גרויסעס אונ ערהאבענעס פון אונזער גרויסען אהן אדער פאטריארך (ראש אמתנו) אברהם*). ליידער איז מען דארט געבליבען אויך וויא אין אראביען נור ביי דיא ליידיגע ערציילונגען פון זיינע גוטע מעשים, אבער ניט ביי זיינע מעשים זעלבסט. דען מיט זיינעם שטארבען האבען אנגעהייבען אויך אבצושטארבען אלע גוטע זיטען (מדות טובות) גאטטעס פורכט אין אידעשקייט (רעליגיאזיטעט) וואס ער האט דארט איינגעפלאנצט מיט גרויס מיהע אונ קאסטען, דאס מיר קענען מיט רעכט לייענען אויף זייא (אויף דיא דארטיגע יודען) דעם פסוק „ויעבדו העם את ד׳ כל ימי יהושע (שופטים ב׳) ויקם דור אחר אחריו אשר לא ידעו את ד׳“, דען באלד נאך זיינעם טויט האבען אנגעהייבען דיא זיטען פון דיא דארטיגע יודען צוא פערשלימערן זיך פון טאג צו טאג, דאס זייא זייען אין איניגע יאהרען ארום, נאך דעם טויט פון דיזעם יהושע, געווארען נאך פיל מעהר פערדארבענער אלס פאהער, דען דאן (דאס הייסט בעפאר דער יהושע ספאלענטא האט זיך בעזעצט אין גוואדעלופא) ווארען זייא דארט נור אירעליגיעז (דאס הייסט קיינע פרומע אידען וואס האבען ניט אבגעהיט דיא רעליגיאן) דאך ווארען זייא בראווע לייטע, פיל מעהר געזיטעט (ארענטליך) אלס דיא דארטיגע קריסטען, איצונד אבער זייען זייא געווארען פיל שלימער אלס זייא אונ עס וואר ניט איינער דארט וואס זאל זייא וועלען בעססערן. דען דער איזאק ספאלענטא האט געערבט פון זיינעם פאטער יהושע נור זיינע גרויסע פלאנטאזיע, זיין גרויסען פערמעגען אבער ניט זיינען געטליכען גייסט, אונ אלעם גוטע וואס ער האט נור געהאט אין זיך, איז באלד נאך דעם פאטערס טויט געווארען אין איהם דערשטיקט דורך דיא מיליאנען ירושה וואס ער האט געערבט פון זיינעם מיליאנערען שוויגערפאטער

שווער

*) דארטען אין אראביען איז דיא זיטע דאס אין זייערע פעסטטאגע (ימים טובים) ווערט דערציילט געשיכטען זייער פיל פון אברהם אבינו, פון ישמעאל, פון הגר, פון דעם נביות, וויא עס איז צוא לעזען אין לאמארטינס רייזען —.

(אמער. נעש.)

(שוועהר) וואס איז געשטארבען באלד נאך זיינעם פאטערס טויט, אונ וואר אלזוי בעשעפטיגט אימער מיט זיינער גרויסען ווירטשאפט אונ האט דער צו געלעבט א גוטען טאג אונ האט זיך אלזוי גאנץ ווייניג געקימערט אום זיינע אייגענע פרומקייט אונ פשיטא שוין אום די פרומקייט אונ זיטליכקייט אייגעם אנדערן, וויא אמאל זיין זעליגער פאטער.

דיא וואהרע אורזאך פון דיזער געשווינטען אונ גרויסען מאראלישען אומענדערונג צום שלעכטען, וואר מעהר אלס געוויס דאס אבייגוואנדערן אהין באלד נאך דעם יהושע ספאלענטעס טויט איינע מענגע (א פולע) פוילישע אידען. דען אלע יודען וואס האבען אין יענע צייטען אויסגעוואנדערט פון אונזערע לענדער נאך איינגלאנד, נאך פראנקרייך, אונ נאך אמעריקא, (אונ נאך קען מען ניט גוט זאגען פיר דיא איצטיגע אויסוואנדערער אויך) ווארען געוואוינליך קיינע מענער פון אייגעם גוטען בערוף (שם) אונ פשיטא שוין קיינע פאכמענער (האנדווערקעד אדער קינסטלער) וואס האבען אויסגעוואנדערט אום צוא האבען דארט איינע בעססערע הייםאט (היים) דאס הייסט אום זייא זאלען דארט האבען איין לייכטערעס אונטערקאמען (חונה) אדער אום צוא געניסען דארט בעסערע רעכטע אדער אום צוא ווערען דארט לאנדלייטע (עובדי אדמה) (וויל עס איז דארט צוא בעקומען לאנד פיר איין שפאטגעלד) וויא דיא טייצעשע אויסוואנדערער וואס ווערען דארט קאלאניסטען אונ פאבריקאנטען *). ניין, דער גרעסטער טהייל פון זייא האבען ניט אויסגעוואנדערט פון היר אום פרייען שטוקען (דאס הייסט אום פרייען ווילען) אום אייגעם פון אלען גרינדען וואס מיר האבען דא אנגעפיהרט, נור אלס פליכטלינגע (אנטלאפענע) אום פערשידענע אורזאכען. א טהייל האבען עס געטאן וויל זייא האבען פיינט געהאט דיא ווייבער, א טהייל וויל זייא האבען געהאט אויף זיך קרימינאלנע דיעלעס, א טהייל וויל זייא זייען געשטאנען אויף דער צערעדע אדער אלס ביעגלע סאלדאטען, דער גרעסטער טהייל אבער אום צו האבען דארט איינען ווייטען רוים (פראם-טראנסטווא) צו שווינדלען, אנצוזעצען אונ צוא בערייבערן זיך ניט אויף דעם גערעכטען וועג אונ אומצוקעהרען זיך נאכהער צוריק מיט איינעם גרויסען פערמעגען וואס דאס הייסט אויף טייץ אלס גליקריטער. דיזעס געזינדעל (סוואלאטש) וואס פלעגען אהין צוא קומען ארעם אונ נאקעט אונ דער צו נאך אן איין האנדווערק אונ אן איין וויססען, פלעגען אין
דעם

---

*) צייט עס זייען אייזענבאהנען אין עאוראפא האבען מעהר אלס זעכס מיליאנען איינגעוואנדערט אין אמעריקא פון אלע טייצעשע לענדער, אלע האנדווערקער אונ לאנדלייטע אונ זייען דארט העכסט גליקליך.

(אמער. געש.)

דעם ערסטען יאהר פון זייערן איינוואנדערן אהין צו פאלען די דארטיגע קאלאניסטען צור לאסט מיט זייער שנארען אלס הויזירער (קאראבעלניקעס), אין עלענדעס בעטעלברויט וואס איז פערבונדען מיט חלול שבת, מיט טרפות עססען אונ דער צו נאך מיט טרוג אונ ליג, דען דיזע לייטע פלעגען זיך ניט בעגניגענען מיט דעם וואס די קאלאניסטען פלעגען זייא צאלען צעהען מאך מעהר פיר יעדע קלייניקייט אלס זיא איז ווערט, אלס אלמאזען אין עהרען (איינע נדבה בכבוד) פלעגען זייא נאך צוא פערקויפען די וייטע קאלאניסטען וואס וואַרען אונוויסענד וויא אמאל אונזערע רייבע בויערן טאמבאקענע אוירינגלאך מיט גלעזלאך פיר גאלדענע מיט בריליאנטען אונ דאס גלייכען, אונ אלס זייא האבען זיך צוגעשלאגען דארט אויף דיזער ארט אונ ווייזע (אופן) צו קליינע פערמעגענס, פלעגען זייא עס געברויכען אלס איינען קאדער (פרימאנקא*) וויא די פישער די ווערימלאך וואס זייא שטעבען זייא אן אויף די קרוצקעס אונ האצעקעס פון זייערע וועדעס אום צוא מאכען דערמיט איינען גוטען פאנג. דען זייא פלעגען מאכען דערמיט (מיט זייערע קליינע פערמעגענס) גוטע קאנטעס אין די גרעסטע מאגאזינען אדער נידערלאגען אום אַריינ-גוטע צושלייבען זיך (אריינגאנבענען זיך) אין איינעם גרויסען קרעדיט ביי זייא, אונ דאן אלס זייא האבען שוין געהאט אין זייערע לאפעס אונגעהייערע (אגראמנע) סומען וואס זייא האבען צוזאמענגעשארט פון די קאלייעס סחורה וואס וואר זייא קרעדיטירט, האבען זייא זיך געמאכט ויברח. א טהייל פלעגען זיך אומצוקערען צוריק נאך רוסלאנד. דאס רוב אבער זייען זיך אוועק אין איין אנדערע פראווינץ אדער שטאאט אונ האבען זיך דארט בעזעצט אונטער איינעם אנדערען נאמען אונ זייען זיך געווארען דארט גרויסע קופּלייטע, גרויסע פלאנצער. אזוי פלעגען דארט צוא ווערען אין א קורצע צייט פון ליסטיגע אונ טריגערישע בעטלער פריווילעגירטע רויבער (דאס הייסט אזעלכע רויבער וואס ווערען פערשוינט פון דער גערעכטיגקייט (פראוואסודיע) טראץ דעם (ניט קוקענדיג דארויף) דאס זייא זייען פאקלאניקעס פון דעם מערקור**) ניט ווייניגער אלס די אָרדינערע דיבע (גנבים) אונ גוינער (בעטריגער).

דיזע קלאסע מענשען ווארען דאן דארט פיר די אלטע האלענדישע יודישע

---

*) קאדער ווערט אנגערופען אלע נאשערייען וואס מען לייגט אריין אין פאסטקעס, אין נעצען אדער וואס מען הייגט אן ווענדעס אום צוא חאפען דערמיט די מייז, קראטעס אדער פיש.

**) מערקור וואר ביי די גריכען דער גאט פון קופלייטע אונ פון גנבים, וויא עס איז צוא לייענען אין דער מיטאלאגיע.

(אמער. גע"ש.)

יודישע קאלאניסטען אונ דאס גלייבען פיר דיא אידעשע האלענדישע קויפלייטע איינע וואהרע מאראלישע זייבע (פעסט) וואס האט זייא אנגעשטעקט מיט אלע אונזיטען (מדות רעות) דען זייא האבען מיט זייערע שלעכטע ביישפילע וואס זייא האבען זייא געגעבען הן אין עניני הדת אונ הן אין עניני העולם (וועלטליכע זאכען) אויסגעלאשען פון זייער הערצען אין גאנצען תורת אלקים אונ תורת האדם, דען זייא (אונזערע אידעלאך) ווארען דארט דיא ערסטע וואס האבען אנגעהייבען צו ארבייטען מיט זייערע סקלאווען אום שבת אונ דאס גלייבען האלטען אפען דיא בודען אום שבת אונ צוא האלטען שיינקען אונ לוסט הייזער וואס ביז זייער אנקומען אהין וואר עס פון דיא האלענדישע יודען נאך ניט געשעהען, אונ זייא וואלטען נאך ניט אזוי שעדליך געוועזען מיט זייערע שלעכטע פרימערען ווען זייא וואלטען ניט געוועזען על פי רוב תלמודיסטען (לומדים) בני תורה, וואוילע לערנער אזוי גאר אונ וואס האבען זיך דארט דער צו נאך ארויסגעוויזען דערמיט, זיך בעריהמט אונ שטאלצירט דארויף פאר דיא דארטיגע אידעשע אונ קריסטליכע אריסטאקראטען אונ געלעהרטע אונ דאך אנדערס געטאן אלס דיא פארשריפטען (דינים) פון דיזער לעהרע (דאס הייסט פון דעם אידעשען דת) לויטען (זאגען דייטליך ארוים) אונ דערצו נאך פאר זייא אין דיא אויגען, דען וואס נאך אין דער וועלט קען איינע רעליגיאן אזוי ענטווייהען (מחלל זיין אדער ענט-היילינען) אלס דאס פערשפאטטען איהר פון איהרע איינענע טהעאלאגען (לומדים)? גענוג אין אזוי איינעם שלימען מאראלישען (זיטליכען) צושטאנד ווארען דאן דארט דיא אידעשע קאלאניסטען. נון טרעטען מיר צוא שוין צוא אונזערער הויפט ערציילונג *).

זוידער

---

*) לײדער צוא אונזער איינענע שאנדע פיהרען זיך ניט בעססער אונזערע איינגעוואנדערטע יודען אין סטאמבול, אין פראנקרייך, אין עסטרייך אונ אין איינגלאנד, דאס גלייבען אין רומעניען, ווארפען אראפ פון זיך דיא רעליגיאן אין גאנצען, אונ אויך דיא זיטליכקייט (מענש-ליכקייט), פערגעסען זיך מיט העכסט שמוציגע געשעפטען, אונ ניט נור דיא יעניגע וואס מיינען דארט צוא פערבלייבען, גיין, אפילו דיא וואס קומען אהין נור אויף איינע קורצע צייט געשעפטס-האלבער אונ וואס פיהרען צוא הויז איין פרומעס לעבען, ערלויבען זיך דארט צוא טאן וואס פערבאטען איז פון אונזער דת אונ פון דער וועלט אלס ווארע דארט קיין גאט שוין, וויא אונזערע חכמים זאגען „כל הדר בחוץ לארץ כאלו אין לו אלהים", אזוי וויא עס וואלט דארט גאט ניט זיין חלילה.

(אמער. געש.)

## 6.

## ווידער פון דעם אראן ספאלענטא וואס איז דער העלד (הויפט-פערזאן) פון אונזער ערציילונג.

דיזער אראן ספאלענטא האט וויא מיר ווייסען שוין פון פריהער, געהייסען ניט אראן, נור ארקע, דען אזוי איז נאך ביא אונזערע פוילעשע יודען דיא אונזיטע (פאסקודנע מאדע אדער מנהג) צוא פער-אונשטאלטען (אבעזאבראזעווען) אונזערע אידעשע געמען. אזוי ווערט ביא אונז אין ליטא, פוילען אונ רייסען פון דעם נאמען יוסף—יאסקע, אדער גוט געזאגט יאסעל; פון אברהם — אברעמקע אדער אברעמיל; פון בנימין — בינקע אדער בינע. אונ ניט בעססער גייט עס צו מיט דיא נעמען פון דיא ווייבער. פון שרה ווערט געמאכט שורקע, פון לאה — לייקע, נור פון רבקה בלייבט רבקה, ווייל עס ענדיגט זיך שוין מיט איינעם איינענען „קע" אלזוי ווען מען וואלט צו לייגען נאך איין „קע" וואלט עס העכסט איבעל געלויטעט, דען עס וואלט גע-קלונגען וויא „קעקע" — אלזוי איז שוין קיין וואונדער דאס דיזער העלד פון אונזער געשיכטע וואס זיין וואהרער נאמען וואר אהרן האט געהייסען אין ווילנא אונ אין זעלווע נור ארקע. אויך האט ער דאן נאך ניט געהייסען ספאלענטא דען אין יענער צייט האבען אונזערע יודען נאך ניט געהאט קיינע פאמיליען-נאמען (פראזוויסקע) וויא אין אונזערע צייטען, דען דאן וואר מען גערופען נור אויף דעם נאמען פון איינער שוויגער, פון איינער מוטער, פון איינער עלטער שוויגער אדער עלטער מוטער, על פי רוב אויף דעם נאמען פון דער ווייב *) אזוי צום ביישפיל ישראל חאסקעם

---

נון הייסט עס וויא יונה האט געזאגט: „מפני ד' אנכי בורח" דאהער ערלויבט זיך אנצוזעצען דארט זעלבסט אונזער פרימסטער מאן. אלזוי קיין וואונדער וואס אונזערע פוילישע יודען זייען דארט אזוי שטארק פערשריען אונ עס איז אויף זייא צוא לייענען דעם פסוק „ויבואו אל הגוים אשר באו שמה ויחללו את שם קדשי באמור להם עם ד' אלה ומארצו יצאו".

*) דיא אורזאך דער פון וואר, ווייל דאן ווארען נור דיא פרויען דיא געשעפטס-פיהרער אונ דיא מענער זייערע ווארען ארעמע לומדים, זייא פלעגען זיך אריינצוווייזען אין דיא קראמען נור אום פרייטיג אום באד געלד צוא בעטען ביא דיא ווייבער אונ פלעגען זיך גענוג אנ-ווארטען ביז זייא פלעגען עס בעקומען, אונ דאס אויך מיט קללות אונ מיט זידלעריי. דאהער פלעגען דיא עלטערן ריהמען זייערע מיידכען ביא

(אמער. געש.)

חאשקעס, וועלוויל רייצעס, ר׳ הירשעל ניטקע טויבעס. אונ ווייל דיזער העלד פון אונזער געשיכטע האט נאך ניט געהאט קיין שוויגער אונ שוין קיינע מוטער געהאט, האט ער גלאט ארקע געהייסען, אונ האט בעקומען דעם נאמען אראן אונ דערביי דעם פאמיליען-נאמען ספאלענטא. ערסט שפעטער אלס ער איז געווארען איינפערלייבט (פעראייניגט) מיט דער פאמיליע פון זיינעם הערן אברהם ספאלענטא, וויא מיר וועלען דא באלד דערציילען. דער ווייל אבער מוזען מיר אייך, אונזערע לע־זערינען, אום איהר זאלט קענען בעססער פערשטיין דעם לויף פון אונזער ערציילונג, מעהרער בעקאנט מאכען מיט דער היימליכקייט (דא־מאשני בית) פון דעם אבראם ספאלענטא, וואס דער געוועזענער ארקע איז געווארען איין געהילפע אין זיינעם האנדעל אונ איין מיטגליד פון זיינע הויזלייטע, דען ער וואר ביי זיינעם טישע, אונ וועל אייך צוא גלייך מיטטהיילען אויך איין עטוואס פון דעם אראנם בעגעמען זיך אדער אויפפיהרען זיך דארט ביי איהם אין הויז, דען דיזעס איז אייך אויך נייטיג צוא וויססען.

דיזער אבראם וואר דאן שוין ניט מעהר יונג, דען ער וואר שוין איבער פופציג יאהר אונ פון שוואכער געזונדהייט; ער וואר צוואר ניט אזוי א למדן אונ ניט אזוי רעליגיעז (פרום) וויא זיין ברודער יהושע, דאך וואר ער וויא צוא זאגען איין שיינער יודע ספר, איין גאנץ ערליכער איד אונ דערצו נאך זייער גוט געבילדעט, דען אזוי ווארען שוין דאן דער גרעסטע טהייל פון דיא האלענדישע יודען אונ פשיטא שוין איצונד. דען נאך האבען אונזערע עמאנציפירטע (בעפרייטע) ברידער (דאס הייסט דיא יודען וואס האבען שוין דיא זעלבע רעכטע וואס קריסטען האבען) פון אנדערע לענדער, צום ביישפיל פראנקרייך, ענגלאנד, עסטרייך, איטאליען, ניט אזוי גוט פערדייהעט דיא פרייהייט אונ דיא בילדונג, דאס הייסט דאס זייא זאלען דאביי בלייבען פרומע יודען וויא דיא האלענדישע יודען, דען טראץ דעם (ניט קוקענדיג דארויף) וואס עס איז זייא דארט ניט אים מינדעסטען צו אונטערשיידען פון דיא דארטיגע קריסטען, זייען זייא דארטען גרויסע ציגאוויניקעס, פאליציי־מייסטערס, פאלקאווניקעס, אונ ביי אלעם דעם זייען זייא גאנץ פרום אונ העכסט בראוו, וויא מיר האבען שוין דאריבער פילעס אונ ברייטעס געשריבען אין מעהרערע ערציילונגען אונזערע. אונ ער (דער אבראם) וואר נאך דערצו איין פארטוניזע, דאס הייסט איין אבקאמלינג (וואס קומט ארוים

---

איינעם שדוך טאן, מיט דיזע ווערטער: „אונזער טאכטער איז א בעריעצקע. זיא וועט קענען מפרנס זיין איינעם מאן זייער גוט.

(אמער. געש.)

ארוים) פון יענע יודען וואס האבען מיט דרייא הונדערט יאהר צוריק אויסגעוואנדערט פון פארטוגאל צוליב דער אינקוויזיציע אונ האבען זיך בעזעצט אין האלאנד וואס האלטען זיך פיר גרויסע מיוחסים. דען דיזע אלע האבען זייערע יחוס בריף וואס אין זייא איז געשריבען זייער סדר הדורות וואס ציהעט זיך נאך פון פאר דעם חורבן בית שני ביז דיזען טאג, דען דיא אלע יודען וואס דער טיטוס הרשע האט זייא באלד נאך דעם חורבן בית שני פערזעצט אין פארטוגאל, ווארען דיא גרעסטע מיוחסים פון ירושלים אונ זייען דאהער נאך ביז דיזען טאג אזוי ווייט שטאלץ אויף דיזעם יחוס, דאס אזוי לאנג זייא זייען נאך אויף דעם האלענדישען באדען (גרונט) זייען זייא זיך ניט מתחתן מיט קיינעם אנדערען יודען וויא נור מיט איינעם פארטיגיזען.

אויך וואר דיזער אבראם וואוילהאבענד (גוט אים שטאנדע) אונ האט געמאכט ביזהער נוטע געשעפטען נאך ליטא, פוילען אונ רייסען. זיינע וואארע (סחורה) איז בעשטאנען אין טייערע זיידענצייג אונ אין טייערע גאלד געשטיקטע אונ גאלד געבלומטע שטאף, דערצו נאך אין באלען (פעק) פון גענייצטע קליידער וואס עס האט דאן געהייסען שטיקער, וואס פלעגען ווערען געקויפט אונ פערקויפט ניט אויפגע-פאקטערהייט, דאס הייסט אויפם געראטהעוואהל (נא אונאד) צוא זיך גענארט מיט דיזער קניה צוא נוט געמאכט *), אונ ער האט אלזוי דער מיט

*) אין יענער צייט וואס דיא האלענדער האבען בעקומען גרויסע עשירות, מיליאנען פון זייערע בעזיצונגען (לענדער אונ אינזעלען) וואס זייערע שיפסקאפיטאנע האבען געפונען אויף דיא ווייטע מערען, איז געווארען אין האלאנד אזוי איין גרויסער לוקסוס (ראסקאש אדער פוץ) דאס דיא מיליאנערען פלעגען זיך קליידען אין זאמעט אונ אין גאלד געשטיקטען שטאף. דיא דאמען פלעגען צוא טראגען טייערע שובווארג וואס עס האט געקאסט אפאר צוואנציג דרייסיג טאלער, דען זייא ווארען געמאכט פון אאלהויט (פון אזוי א פיש וואס מען רופט עס בייא אונז פליטער-וויינגרעס) אונ אויסגענייט אונ נעבלומט מיט ריינעם גאלד, מיט פליטער-ווערק אונ בעזעצט מיט קליינע איידעלשטיינער. זייערע רעקע, פראקען ווארען געהעפט מיט גאלד מיט זילבער, מיט גאלדענע קנעפ, אונ מאנכע ווארען בעזעצט מיט ברילאנטען. דער גרעסטער פוץ איז געלעגען אין זייערע שאלע, זאקען שנופטיכער אין גארטלען, אין פלארען, אין האנדשוה, נאך מעהר אין טישדעקען, אין בעטלייל אבער, נארדינען אונ דאס גלייכען, אונ מעהר וויא איין מאל האט מען זיך ניט אריינגעוויזען מיט זייא אין איינער געזעלשאפט, דען בייא יעדעם נייעם בעזוך אדער

(אמער. געש.)

מיט, דאס הייסט מיט דיא באללען געניצטע קליידער וואס ער פלעגט צוא טראנספארטירען קיין פוילען, קיין ליטא פיל בעססער געמאכט אלס מיט זיינע שניט סחורה, דען ער פלעגט פערדינען אן זייא צעהען מאל אזוי פיל וואס זייא האבען איהם געקאסט, דען דיא פאשליגע אויף דעם רוסישען גרענעץ וואר איין געשפאט פיר זייא, אונ ווארען דערצו נאך פיל גילטיגער אלס דיא נייע וואארע.

ליידער אבער האט דיזער נוטער געשעפט אין איינינע יאהר נאך דעם אראנם אנקומען צוא איהם אנגעהייבען צוא זינקען. ערסטינם ווייל האלאנד האט זיך דאן פערוויקעלט אין איינעם שווערען קריג מיט פראנקרייך וואס וואר פערבונדען מיט גרויסע קאסטען אונ דער גרויסע לוקסוס (פוץ) האט זיך אנגעהייבען שוין צוא פערמינדערן (פערקלענערן) דורך דעם פון טאג צוא טאג, אלזוי וואר שוין ניט מעהר צו בעקומען אזוי בילינ דיזע באללען קליידערשטיקע וויא ביזהער, אונ צווייטענס וואר דיא צאהלונג אויף דער רוסישען גרענצע (טאמאזנע) דער פאר פינף מאל מעהר אלס פריהער געשטיינערט (געהעבערט) דאס עס האט שוין ניט מעהר געלוינט צוא פארען דער מיט נאך פוילען אונ נאך ליטא, אונ דער אבראם האט שוין צוליב דעם דיזען ביז העריגען גע-שעפט וואס וואר איהם ביזהער איינטרעגליך, אויפגעגעבען (אויפגעהערט, אוועקגעווארפען) אונ עס וואר שוין אלזוי ניט מעהר געוועזען צוא זעהען ניט איהם אונ ניט דעם אראן אויף זעלווער יריד, ער האט דיזען געשעפט אויפגעגעבען (אוועקגעווארפען) אין גאנצען, אונ האט געמאכט יוועלען-דעפא (איינע נידערלאגע פון יוועלען) וואס דארט אין האלאנד איז עס דער רעכטער ארט דער פון אונ איז אימער פערבונדען מיט איינער שלייפעריי*) וואס ווערען בעשעפטינט דער ביא צוואנציג אדער דרייסיג

אויף טעאטער גיין ווארען שוין אנדערע קליידונג, אונ אנדערע טיש-צייג געברויכט, אונ דיא געסטריגע ווארען פערקויפט פיר איין צעהענטיל געלד אונ נאך וועניגער. עס פלעגט עס איין געפאקט ווערען אין גרויסע פירקאנטיגע באלען וויא וואטע אונ ווערען פערקויפט גאנץ אונגעזעהענער-הייט. דיא קויפער ווארען געוואוינטליך אידעשע טראדלער (טאנדעטניקעס) וואס האנדלען מיט אלטע זאכען, נון פלעגט זיך מאכען דאס מאנכע מאל האבען זייא פערדינט אן דעם גרויסע פערמעגענס, דען מען פלעגט דערוויסען אין דיזע פעק גרויסע זעלטענהייטען, אויך טייערע דאזען (טאבעקערקעס) גאלדענע מיט בריליאנטען וואס ווארען פערגעסען אין דיא טאשען פון דיא פראקען.

*) דיא דיאמאנטען ווערען טהיילס געפונען אונ טהיילס אויסגעבראכען (אטער. נעש.)

דְרַייסִיג שְׁלַייפֶער אוּנ עֶר הָאט אַלְזוֹי גֶעמַאכְט דִיזֶען אַראן, וָואס עֶר
הָאט גֶעהַאט אֵיינֶען גְרויסֶען צוּטְרויעֶן צוּא אִיהם, פִיר אֵיינֶען פֶערְוַואלְטֶער
(אוּפְּרַאווִלְיַאיוּשְׁצִי) אִיבֶּער דִיזֶען זַאוָואד, אוּנ וַואר מִיט אִיהם הֶעכְסְט
צוּפְרִידֶען. דֶען עֶר וַואר ווִירְקְלִיךְ אַיין בְּרַאוָוער יוּנְגֶער מַאן אוּנ הֶעכְסְט
פֶעהִיג (סְפָּאסָאבְּנֶע) צוּא יֶעדֶעם גֶעשֶׁעפְט וָואס מֶען הָאט אִיהם נוּר
אַיין גֶעוַוייהֶעט (בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט) אִין אִיהם. נָאךְ מֶעהר, עֶר הָאט
זַייעֶר גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען צוּא גֶעהָארְכֶען אוּנ צוּא גְלַייךְ צוּא בֶּעפֶעהלֶען,
צְוַוייא גוּטֶע מַעֲלוֹת וָואס זַייעֶן הֶעכְסְט נֵייטִיג פִיר אַזוֹי אַיין סְלוּזַאשְׁצִי
וָואס דַארְף אוּפְּרַאווִלְיַאיֶען אִיבֶּער אַרְבַּייטֶער אוּנ אַלֵיין פָאלְגֶען זַיינֶעם
הֶערְרֶען, ווִיא דֶער פַאל וַואר דַאן מִיט דֶעם אַראן וָואס אִיז גֶע-
וָוארֶען פֶערְוַואלְטֶער אִיבֶּער דִיא רַאבָּאצֶעם פוּן דֶער שְׁלַייפֶערַיי. דֶערְצוּ
נָאךְ וַואר מִיט אִיהם אוֹיךְ גָאטְטֶעס זֶעגֶען אִין דֶעם הוֹיז פוּן זַיינֶעם
הערְרען

---

פוּן פֶעלְזִינֶע (סְקַאלִיסְטֶע) עֶרְטֶער, אָדֶער אַרוֹיס גֶעפִּישְׁט פוּן זַאמְדִינֶע
שְׁטְרָאמֶען וַואסֶער, אוּנ עֶס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער צוּא דֶערְקֶענֶען זַייא אִין
יֶענֶע שְׁטֶעלֶען, וַוייל זַייא זַייעֶן פַארְטְרָאגֶען אָדֶער בֶּעצוֹיגֶען מִיט אֵיינֶער
קְרִיזֶען (סְקַאלִיסְטֶע) שָׁאלַאכְץ, אוּנ וַוייזֶען אַלְזוֹי אוֹיס ווִיא קְלֵיינֶע
סְקַאלְקֶעס. אוּנ נַאכְהֶער אַלְס זַייא וֶוערֶען אוֹיס גֶעשֵׁיילְט דֶער פוּן וָואס
דִיזֶעס קוּמְט אָן מִיט גְרוֹיס מִיהֶע, זֶעהֶען זַייא דַאן נָאךְ אוֹיס ווִיא מִיט
אֵיינֶעם מַאט בֶּעצוֹיגֶען אוּנ מוּזֶען דַאן פּוֹלִירְט וֶוערֶען וָואס דִיזֶעס אִיז
אוֹיךְ נִיט גְרִינְג אוּנ עֶרְסְט דַאן וֶוערֶען זַייא גֶעשְׁלִיפֶען. דִיא בֶּעסְטֶע
שְׁלֵייף-פַאבְּרִיקֶען זַייעֶן פוּן אִימֶער אִין אַמסטערדַאם, אִין רָאטערדַאם,
אִין אַנטווערפּען, אוּנ נָאךְ אִין פִילֶע אַנְדֶערֶע הָאלֶענְדִישֶׁע שְׁטֶעדְט. זַייא
וֶוערֶען דָארְט אוֹיסְגֶעשְׁלִיפֶען אוּנ פֶערְפֶערְטִיגְט אוֹיף דְרַייעֶרְלַיי אַרְטֶען
(סָארְטֶען אוּנ פָארְמֶען): טַאפֶעלְשְׁטֵיינֶע, רָאזֶעטֶען אוּנ בְּרִילַאנְטֶען. טַאפֶעלְ-
שְׁטֵיינֶע הֵייסֶען דִיא וָואס וֶוערֶען גֶעשְׁלִיפֶען פְלַאט אוֹיבֶען אוּנ אוּנְטֶען;
רָאזֶעטֶען הֵייסֶען דִיא וָואס וֶוערֶען גֶעשְׁלִיפֶען אוֹיבֶען עֶקִיג אָדֶער קַאנְטִיג
אוּנ אוּנְטֶען פְלַאט; בְּרִילַאנְטֶען הֵייסֶען דִיא וָואס וֶוערֶען גֶעשְׁלִיפֶען אוֹיבֶען
אוּנ אוּנְטֶען עֶקִיג. עֶס אִיז דָא אֵיינֶע פִירְטֶע זָארְטֶע וָואס הֵייסְט דִיק-
שְׁטֵיינֶע וָואס גֶעהֶערֶען צְוַואר צוּ דֶער דְרִיטֶען זָארְטֶע, זַייא זַייעֶן אָבֶּער
דִיא שְׁלִימְסְטֶע אוּנְטֶער אַלֶע. דֶער דִיַאמַאנְט קֶען נִיט וֶוערֶען גֶעשְׁלִיפֶען
מִיט קֵיינֶעם אַייזֶערְנֶען אִינְסְטְרוּמֶענְט נוּר מִיט דֶעם פּוּלְוֶוער אָדֶער שְׁטוֹיבּ
פוּן זַייעֶר שָׁאלַאכְץ אָדֶער פוּן דֶעם פְּרָאסְטֶען סָארְט דִיַאמַאנְטֶען, דִיזֶע
שְׁלַייפֶערַיי אִיז פֶערְבּוּנְדֶען מִיט גְרוֹיס קוּנְסְט אוּנ גֶעשִׁיקְלִיכְקַייט אוּנ דֶערְצוּ
מִיט גְרוֹיס גֶעפַאהר, דֶען מֶען מוּז הִיטֶען דֶער בַּייא דִיא אוֹיגֶען מִיט
הֶערְמֶעטִישֶׁע (שְׁצִילְנֶע) בְּרִילֶען, זָאנְסְט וֶוערְט מֶען בְּלִינְד פוּן דֶעם שְׁטוֹיבּ.

(אמער. געש.)

הערדען אונ אויך אין דיזעם נייען געשעפט וויא עס וואר אמאל מיט דעם יוסף דארט בייא דעם פוטיפר, אונ ער איז געווארען מיט דער צייט בייא איהם דער גאנצער איינקויפער אונ פערקויפער פון דיא ברילאנטען, אויך וויא אמאל דער יוסף בייא דעם געשעפט פון דיא געטריידע (תבואה) דארט אין מצרים, אונ וואר געליבט אונ געאכט פון זיינעם הערדען אברהם אונ פון זיינע הויזלייטע, דאס גלייכען וויא אמאל דער יוסף פריהער פון זיינעם הערדען פוטיפר אונ נאכהער פון דעם פרעה מלך מצרים: אונ אזוי וואר ער צו פערגלייכען צוא דיזעם יאזעף אין נאך פילע אנדערע וועלטליכע ענינים, ליידער אבער נור אין וועלטליכע אבער ניט אין רעליגיעזע (נאבאזנע) זאכען אונ פשיטא שוין וואר ער איהם (דעם יאזעפען) ניט גלייך געוועזען אין זיינער גרויסען טוגענד (זיטליכקייט, אדער גרויסע גאטעס פורכט) בייצושטיין בייא אזוי א נסיון וויא ער (וויא יאזעף) איז בייגעשטאנען, איך מיין עס זיין ניט לאזען זיך פערפיהרען דורך זיינע הערין (פוטיפרס פרויא), דען דיזער אראן האט זיך בייא אזוי איינער געלעגענהייט (סלוצאי) דאס הייסט בייא איינעם פערבאטענען ליבעסהאנדעל (ליבשאפט) האט ער זיך גאנץ אנדערס בענאנגען אלס דער יאזעף, דען אנשטאט דעם וואס דער יאזעף האט זיך ניט געלאזט פערפיהרען פון זיינער שיינען הערין, האט ער (דער אראן) פערפיהרט דארט דיא טאכטער פון זיינעם הערין אבראם, איין בליהענדעס מאדכען פון איאהר צוואנציג, איינע וועגוס, העכסט געזיטעט אונ העכסט געבילדעט, אונ דערצו נאך איינע איינציגע בייא איהרען עלטערן אונ ווארען אלזוי אין דער מיינונג צו פערהייראטהען איהר מיט איינעם זון פון איינעם מיליאנאווען פארטוגיזען.

האטטע דער אראן פערבליבען אין ליטא, וואלט עס פערגעווים ניט אזוי ווייט געקומען מיט איהם, דען נאך האט זיך ניט געטראפען אין אונזערע לענדער דאס איין סלוזאשצי זאל פערפיהרען א טאכטער פון זיינעם הערין, דען עס וואר דאן קיין אנלאס (פאוואד אדער סלוצייי) דערצו. אונזערע טעכטער ווארען דאן נאך גאנץ שאמהאפט (סטידליווע) אונ איינע גרויסע שיידעוואנד (פשעפערענע) פון זיטליכקייט (מוסר) וואר נאך דאן צווישען דיא טעכטער פון איינעם אידעשען רייכען קויפמאן אונ [illegible]שען זיינע יונגע סלוזאשצעס, דאס ניט איינער פון זייא האט זיך שוין אלזוי ניט געוואגט איינצוברעכען דיזען מאראלישען (מוסרדינגען) צוים (גדר) אדער איבער צו קריכען איהם.

ניט אזוי אבער וואר דער פאל דאן דארט אין האלאנד אונ אזוי אין גאנץ אויסלאנד. דען טראץ דעם (ניט קוקענדיג דארויף) וואס מען וואר דארט פיל מעהר געזיטעט (ערליכער) אונ אבגעהאלטען פון

אונגלייבע ליבשאפטען אונ פערבאטענע ליבשאפטע; אלס אין היגע לענדער ווארען דיא טעכטער דארט זעלבסט פון דיא גרעסטע גבירים גאנץ צו גיינגליך (דאסטופנא) זעלבסט פיר דיא קויפמאניש סלוזאשצעס פון זייערע עלטערן אונ אזוי בכלל האבען דארט דאן ביידערלייא געשלעכטער (זכרים אונ נקבות) געהאט שוין איינען פיל פרייערן אומגאנג מיט איינאנדער אלס נאך איצונד אין אונזערע צייטען, אלזוי קיין וואונדער דאס אונזערע פוילעשע יודען וואס ווארען ביא זייער קומען אין יענע לענדער העכסט נזהר (אבגעהיט) פון זיך מיחד צוא זיין מיט איינער פרויא אן א שומר. ווערען דארט נכשל בעברה ביא זייער דערזעהען דארט דאס פרויען אונ מאנער מישען זיך צוזאמען וויא היגער מיט העגער, אונ מייגען אלזוי דאס אין אויסלאנד איז קיין זאך פערבאטען אונ גלויבען דאס מען מעג זיך אלעס ערלויבען, אלעס וואס אין פוילען אונ אין ליטא איז פערבאטען.

אן דיזער קליפה (אבן נגף) האט אנגעשטויסען (איז נכשל געווארען) דער אראן וואס איז דער העלד פון אונזער געשיכטע, דען ער האט אלס פוילעשער יודע דיזע זיטליכע (ערליכע) דארטיגע פרייהייט ניט פערדייהעט וויא דיא דארטיגע האלענדישע איינגעבארענע; ביא זיינעם זעהען דאס מען גייט דארט קריסטליך אונ מען רעד וויא דיא קריסטען אונ מען דינט אין פריסוטסטוועס, האט ער געמיינט דאס אידעשקייט ווערט דארט נור צום שיין געהאלטען, מעהר אום פאליטיקע אדער אום איינער הוילען עטיקעטע (פארמאלנאסץ) אונ ווייטער ניט. אלזוי איז וויא אונזערע חכמים זאגען, הותרה הרצועה*) ד. ה. עס איז קיינע שטראפע מעהר דא, ניט פון גאט אונ ניט פון לייטען, ווען מען לעבט נאך הערצענס-לוסט, אונ האט אלזוי אנגעהייבען צו לעבען פלאטט (פריי ניט איינגעהאלטען) דאך אבער מעהר אינסגעהיים אלס אפען. גענוג ער האט דארט אין אמסטערדאם געווירטשאפטעט (זיך אויפגע-פיהרט) ניט בעסער אלס איין אנדערער אויסגעוואנדערטער פון אונזערע לענדער נאך דעם אויסלאנד אום צוא פערבלייבען דארט פיר אימער, וויא מיר האבען שוין פון פריהער בעשריבען. אונ וועל אלזוי דא אין דעם זיבעטען קאפיטעל שרייבען נור איבער זיינען איינציגען פערגעהען (זינדע) אליין, מיט וועלכען ער האט זיך אויסגעצייכנעט צוא זיינער שאנדע פיל מעהר אלס אלע אנדערע אונזערע איינוואנדערער אהין, איך מיין עס איבער זיין פערפיהרען דיא טאכטער פון זיינעם הערן אבראם.

*) הותרה הרצועה הייסט דאס עס איז שוין אבגעבונדען דער בייץ פון דעם בייטשטעקעל, דאס הייסט, מען וועט שוין ניט מעהר שמייסען פיר איינע זינדע.

(אמער. געש.)

# אַמֶעריקאַנער געשיכטע

אָדער

## קיין שונא זאָל דיר צו קליין זיין

פֿערפֿאַסט פֿאָן

## א. מ. דיק.

## צווייטער טהייל

אייגענטהום פֿאן ב. קאפעלאוויץ בדווינסק.

# ווילנא

תרנט.

ПОВѢСТЬ ОБЪ АМЕРИКѢ,
или не презирай никакого врага. Часть II.
Сочиненіе А. М. Дика.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и братьевъ Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1899.

Дозволено цензурою, 25 Апрѣля 1898 г. Вильна.

## 7.

# די אויסוואנדערונג פון דער פאמיליע ספאלענטא נאך גווארא־לופא צוזאמען מיט דעם אראן נאך זיינעם ווערען איין מיטגליד (צלען) פון דיזער איידעלען אונ רייכען פאמיליע.

איין געוויסער חכם האט געזאגט: „די וועלט איז איין לאבירינט*) אדער אום דייטליכער צוא זאגען איין אירגאנג, דאס הייסט אזוי איינע געגענד וואס האט אין זיך טויזענדע וועגען, וואס יעדער בעזונדער פון זייא פיהרט צו איינעם גאנץ אנדערן ארט. איינער פון זייא צום ביישפיל פיהרט דעם רייזענדען צוא איינעם גרויסען וואסער, איין אנדערער פיהרט צוא איינעם האלישען פייער, איין דריטער פיהרט צו איינעם בליהענדען גארטען, איין פירטער צוא איינעם שאטיגען וואלד, איין פינפטער צוא איינער גרויסען שטאדט אונ דאס גלייכען, נור זייא (דיזע וועגען) זייען אזוי ווייט פערוואררען (פערפלאנטערט) איינער אין דעם אנדערן, דאס איין רייזענדער, איין פריץ וועט זיך זייער לייכט פעראירען אין זייא אונ וועט גראדע קומען צוא אזוי איינער שטעלע וואס איז גראדע דער הפך פון זיינעם וואונש, דען למשל אנשטאט דעם וואס ער האט גע- מיינט צוא קומען צוא איינעם לוסט גארטען האט ער זיך פעראירט דורך דיזען וועג דאס ער האט איינגעקעהרט אין איהם צוא איינעם פערפעסטעטען זומפ. אונ אזוי איז דערזעלבע פאל אויך אומגעקעהרט, דאס הייסט מען מיינט דאס מען וועט דורך דיזען וועג וואס מען האט אין איהם איינגעטראטען, פערגעוויס פערקריכען אין א בלאטע אדער אין א וואסער אונ מען קומט דורך איהם גאר ארויס אין איינער בליה- ענדען וויזע (לאנקע), דיזעם אבער איז געזאגט נור בדרך משל, דער נמשל דער פון אבער איז וויא אימער פיל וויכטיגער אלס דער משל. דען ער (דער משל) בעשפרעכט זיך נור פון איינעם מאטעריעלען (וועלטליכען) געגענשטאנד, דיזער אבער (דער נמשל) בעשטייט אויס איינעם גייסטיגען אונ מאראלישען געגענשטאנד. דאס הייסט דאס מיר מענשען קענען אונז זייער לייכט פערפיהרען אין די אויפפיהרונגען פון אונזער לעבען, דאס הייסט דאס יעדער פון אונז קען זיך זייער לייכט

תועה

---

*) לאבירינט הייסט אזוי איין געביידע וואס האט אין זיך פילע צימערן וואס דער אריינגאנג פון איינעם אין דעם אנדערן איז אזוי ווייט פערשלונגען (פערפלאנטערט) דאס איין פרעמדער וואס גייט אין איהם אריין קען ניט טרעפען דעם ארויסגאנג. אזוי איין געביידע וואר אויף דער אינזעל קרעטא ערבויט פון דעם קעניג מינאס.

(אנמער. נעש.)

תועה זיין אין זיינער הנהגה אונ מיינען דאס דער דרך אין וועלכען ער גייט פיהרט איהם צוא דער גרעסטען גליקזעליגקייט (אושר הנצחי), עולם הבא. אונ וואס באמת וועט ער איהם פערפיהרען מיט דער צייט אין דער האללע (גיהנום) אונ אמאל מאכט זיך אויך פערקעהרט, דאס הייסט דאס מאנכער פון אונז קען ניט צוקומען צו דער וואהרען גליקזעליגקייט (עולם הנצחי) וויא נור דורך אזוי איין דרך וואס שיינט צו זיין דאס ער פיהרט אונז נור צוא דער האללע (גיהנום) אןביישפילען פיר דיזעביידע פאללע וועט אונז פארגעווים ניט פעהלען, דען מיר האבען עס אימער פאר אונזערע אויגען, בייא אלעם דעם וועל איך דא אנפיהרען צווייא פון זייא אלס פראבעשטיקע פון דיזען ביידען פאללען פיר דיא יעניגען פון אונזערן לעזערן אונ לעזעריגען וואס זייען נאך ניט אזוי גוט בעוואנדערט (אפיטגע) אין דעם לויף (חאד) פון דעם מאראלישען (זיטליכען) לעבען, דאס זייא זאלען עס פון זעלבסט ויסען. אזוי צום ביישפיל איז אונז אלעמען וואויל בעוואוסט דאס דיא מדה פון קנאה אונ פון עהרגייץ (צו זיין איין רודף אחר הכבוד) זייען ביידע מדות מגונות, אונ קענען זייער לייכט פערפיהרען צוא אלעם בייזעם יעדען פון אונז וואס איז להוט נאך זייא, וויא אונזערע חכמים זאגען, „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם", בייא אלעם דעם גיט אין דער וועלט פילע פאללע וואס גראדע דיזע ביידע מדות רעות האבען אומגעמאכט מאנכען שאדליכען מענשען צוא איינעם בעססערן מיטגליד (צלען) פון דער מענשליכען געזעלשאפט, דען מען איז זיך זייער אפט מתקנא אן דיא למדעם אונ אן דיא חכמה פון איינעם צווייטען אונ הייבט אלזוי אן צוא לערנען תורה אונ חכמה אונ ווערט מיט דער צייט אויך איין למדן אונ איין חכם, אויך טרעפט זייער אפט דאס מאנכער גראבער יונג איז זיך מתקנא אן דעם כבוד פון אזוי איינעם וואס איז זיך עוסק למשל אין צרכי צבור באמונה אדער וואס מאכט בייא זיך איין קליינעם גמילות חסד אונ ער טוט עס איהם נאך אונ ווערט אלזוי מיט דער צייט דורך דעם איין עדעלמאן, וויא אונזערע חכמים זאגען: „מצוה גוררת מצוה" *) דאס הייסט איינע גוטע טהאט

שלעפט

---

*) דאס זעלבע זאגט שלמה אויך אין זיינעם ספר קהלת מיט דיזעם לשון: „וראיתי את כל עמלי ואת כל כשרון המעשה כי היא קנאת איש מרעהו" דאס הייסט איך האב איינגעזעהען דאס דער וואהרער מאטיף (בעוועגגרונד) פון יעדעם מענשליכען בעשטרעבען (בעמיהונג) אין דיזעם לעבען אונ זעלבסט פון אלע זיינע גוטע האנדלונגען (מעשים טובים) איז נור איין הוילער נייד (קנאה) אונ ווייטער ניט. —

(אמער. געש.)

שלעפט נאך זיך נאך איינע צווייטע , דען דער וואס טוט אן איינען שיינען ראק , דער טוט שוין פערגעווים אן אויך איינען שיינען הוט .

אונ דאס גלייכען גיבען אין דער וועלט אויך גענוג פערקעהרטע פאללע , דאס מען ווערט זייער אפט פערפיהרט פון גוטען וועג דורך אונבערעכענטע טוגענדען (מעשים טובים) אזוי נוייט דאס מען בעגייט איינען גראבען פערברעכען . אזוי צום ביישפיל דורך דאס פיל גוטעס-טאן איינעם העכסט שאדליכען הייכלער (צבויאק), וויא אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פסוק (אין ירמי׳ י״ח) „ויהיו מכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם, אפילו בשעה שעושים צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים” דאס הייסט , דאס דיזער נביא האט געבעטען גאט דאס ער זאל זיינע שונאים מכשיל זיין דאס הייסט אראפפיהרען פון גוטען וועג דורך דעם וואס זייא וועלען גוטעס טאן נור שאדליכע מענשען *) דאס איז געמיינט דאס ער זאל זייא פערצאמען דיא וועגען צום בעססערן זיך , וויא זייא (דיא חכמים) דריקען זיך דאריבער אוים אין איינעם אנדערן ארט מיט אנדערן ווארטען (ווערטער) „האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקים בידו לעשות תשובה” , אונ ווער פון אונז ליידער פערדינט ניט אזוי איינע מאראלישע שטראפע פון גאט , דען נימאנד (אויסגענומען צדיקים גמורים) איז ריין פון אזוי איינעם שאנדליכען געדאנקען אונ ווערען אלזוי ליידער זייער אפט בעשטראפט ניט וויססענדיג מיט אזוי איינער מאראלישען שטראפע וויא דיזער פאלל נאר דא אין אונזערער ערציילונג .

אונזערע חכמים דריקען זיך אוים דארט אין דעם מדרש קהלת (פ״ז סימן י״ב) איבער דעם זעלבען ענין וואס מיר פערהאנדלען (ריידען) דא איצונד איבער איהם , דאס הייסט וויא לייכט עס איז זיך צו פעראירען פון איין דרך אין איינעם אנדערן דרך וואס איז גראדע דער הפך פון דעם ערסטען , אונ וויא נוייט אלזא מען מוז בעהוטזאם זיין (אכטראזנע) אין זיינעם זיטליכען **) לעבענסוואנדעל , דריקען זייא זיך דארט אוים מיט

דיזע

---

*) דאהער זאגען אונזערע חכמים אין דעם מדרש אחרי אונ אין קהלת „טב לבישא עבדת בישא עבד טב לבישא לא תעביד ובישא לא ימטיליך” האסט דוא וואס גוטעס איינעם שלעכטען געטאן הייסט עס נור וואס שלעכטעס געטאן , אלזוי טהוע קיינע גוטעס איינעם שלעכטען וועט דיר שוין קיין שלעכטעס געשעהען .

**) אלעס וואס בעלאנגט נור צוא מדות , הען צוא מדות טובות אונ הען צוא מדות רעות ווערט עס אנגערופען זיטליכקייט , מדות טובות הייסען גוטע זיטען , מדות רעות הייסען שלעכטע זיטען , דאס גלייכען הייסט עס מאראל .

(אמער. געש.)

דיזע עטליכע ווערטער „אין בין גיהנם לגן עדן אלא טפח״, דאס הייסט דיא ביידע וועגען וואס איינער פיהרט צום גן עדן אונ דער אנדערער צום גיהנם זייען האַרט איינער לעבען דעם אנדערן, ניט ווייטער אלס וויא דיא פלאכע פון איינער האַנד. אלזוי מיינע טהייערע לעזער אונ לעזערינען שוין געווונג געזאַגט וויא לייכט עס איז צוא ווערען פון איינער גאַטעס פירכטיגען פרויא, וואס מען פערדינט זיך דורך דעם גן עדן, איינע זינדערין וואס מען ווערט געשטירצט דורך דעם אין גיהנם. אלזוי וועלכע פון אייך מיינט נור גוט מיט זיך דאַרף זיך ניט פערלאַזען אין איהר מאָראַלישען לעבענסוואַנדעל אויף איהרע אייגענע ערפאַהרונג, מוז זיך אימער בעראַטהען מיט איינעם גוטען וועג ווייזער (פּראָוואָדניק) וואס יעדע קען עס לייכט דערוויישען אין איהרעם פאַטער, אונ איהרער מוטער, אין איינעם גוטען לעהרער אָדער אין איינער פרומען פריינדין וואס זייען שוין גוט בעוואַנדערט (געניט) אין אַלע קרימונגען אונ פלאָנטערס פון דעם מאָראַלישען לעבען אונ וואס ווייסען אוים צו ווייהלען (אויסצוקלייבען) דיא ניטיגסטע אונ וואַהרעסטע גיטער (בעדירפניססע) פון מענשליכען לעבען אונ זעלבסט זייערע פריידען. אונ וועלען אייך אלזוי אָבהאַלטען צוא בעצאָלען צוא טייער פיר איינען סוויסטאַק מיט דעם שווער פערדינטען גראָשען.

נון קעהרען מיר אונז איצונד צוריק צוא דעם לויף פון אונזערער ערצייילונג (המשך) וואס מיר האָבען איהם (דעם לויף המשך) אונטערבראָכען (מפסיק געווען) מיט איינער זייטיגען רייד, וואס איז אָבער אייך מיינע טייערע לעזערינען פיל ניטיגער אונ נוצליכער צוא לעזען אלס דיא הויפט ערצייילונג, אונ בעטע אייך שוין אום פערצייהונג אין פאָראויס, פיר דיא אונטערברעכונג (הפסקה) וואס איך וועל דאַ באַלד ווידער מאַכען אין דער פאָרטזעצונג (המשך) פון דיזער ערצייילונג, וואס איך וועל ערסט אָנפאַנגען פאָרטצוזעצען (פּראָדאָלזאַיען) ווייל דאַ ביי דיזער שטעללע פון דיזער ערצייילונג וואס האַנדעלט איבער דיא פערפיהרונג פון דער הולדאַ, דיא איינציגע טאָכטער פון דעם אַבראַם ספּאלענטא, באַטעט זיך מיר אָן איינע גוטע געלעגענהייט צוא שרייבען איין עטוואס פון ראָמאַנסירען (ליבשאַפטען), וואס איך וויל איהר (דיא געלעגענהייט) ניט איינלאַזען אוים צוויא אורזאַכען, ערסטענס ווייל דיזע פאָרטזעצונג (המשך) איז איין פאָרטגאַנג פון איינעם ראָמאַן (ליבשאַפט) אונ צווייטענס אום צוא געבען אייך, מיינע לעזערינען, איינען גוטען בעגריף פון ראָמאַנסירען אום איהר זאָלט וויסען דאַס עס איז ניט צוא שערצען (קאָטאָוועס טרייבען) מיט איהר אונ מען דאַרף העכסט בעהוטזאַם זיין (אָסטראָזנע) מיט איהר, דען זיא איז איין צעהרענדעס פייער אונ עס

איז איהר ניט צוא לעשען וואו נור זיא צינדעט זיך אן. אונ וועהע דעם הערצען וואס נור איין פונקען פון איהר פערטייעט זיך אין איהם. ער קלייעט זיך אין איהם מעהרערע צייטען ביז ער ווערט צוא איינער העללען פלאממע, אונ פערצעהרט גייסט אונ קערפער. זיא (דיא ליבע) איז צוואר העכסט אנלאקענד (פריוולעקאטעלנא) אונ וואוילטהוענד אין אנפאנג. דאס ענדע אבער איז איינע שרעקליכע רייע (חרטה), ליידער קומט זיא צוא שפעט וויא דיא פאזארנע ראטע נאך דער שרפה, אונ דיזעס זאג איך ניט פון מיינעם איינענעם קאפ. איך האב אייך נאר געגעבען איינע טרייע (ריכטיגע) איבערזעצונג פון דעם גרויסען וועלט-ווייזען (חכם העולם) דאס הייסט פון דעם שלמה המלך, וואס ער דריקט זיך אוים אין זיינעם שיר השירים מיט דיזע ווערטער „רשפיה רשפי אש שלהבת יה, מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה" דאס הייסט צוואר גענוג ליבליך אונ שיין איז דיא ליבע, איהרע פונקען אבער צינדען וויא דיא בליצע וויא איינע הימלישע פלאממע, קיין וואסער פליייצונג קען דיא ליבע ניט לעשען אונ דיא געוואלטיגע שטראמען קענען איהר ניט פארטרינקען, אונ נאך מעהר וועהע דעם הויזע וואו עס גלימט (קלייעט זיך) נאך איין פערבארגענער ליבעס-פונקען (איין נצוץ פון איינער אהבה מסותרת) דארט ווערט שוין אלעס איינגעאשערט (ווערט אלעס אין אש פערוואנדעלט) דען מיט אזוי איינער וואס איהר הערץ וואר שוין ענטצינדעט פון אזוי איינעם געהיימען ליבעס-פונקען דארט גייהען צוא גרונדע צוזאממען מיט איהר עלטערן אונ פערמעגען, וויא דיזער פאל וואר דא מיט דער הולדע דיא טאכטער פון דעם ספאלענטא וואס איז געווארען פערפיהרט דורך דעם אראן וויא מיר וועלען עס באלד דערציילען. אלזוי מיינע טייערע לעזעריגען ווען דיא ליבע איז שוין איינמאל געגליבען צוא איינעם אונאויסלעשליכען פייער אזוי געהערען דיא איינענטהימער (בעלי בתים) פון אזעלכע הייזער וואס געפינט זיך אין זייא איין ענטצינדליכער שטאף (גאריוצי מאטעריאל) — איך מיין עס טעכטער, אונ וואס עס פערקעהרען אהין אויך יונגלינגע — געהערען זייא צו האבען טרייע נאכט-וועכטער וואס זאלען אונאויפהערליך שרייען: „אסטאראזנא ס'אגנאם!" אונ ווער קענען זיין בעססערע וועכטער אלס וויא איינענע מוטערס, דען וואס נאך אין דער וועלט מוזען גוט אויפגעפאסט ווערען אלס טעכטער, וויא עס איז דיזעס ארוים צוא זעהען פון דעם וואס אונזערע חכמים זאגען אין פרשה נשוא אויף דעם פסוק יברכך ד' וישמרך, יברכך ד' בבנים וישמרך בבנות שהן צריכות שמירה" דאס הייסט גאט וועט דיך בענצען מיט גוטע זין אונ וועט דיר איינהיטען דיינע טעכטער ווייל זייא מוזען זייער שטארק געהיט ווערען, אלס האטטע דיא תורה שוין אין פאראוים גנזעהען דאס עס איז זיך אויף

דיא מוטערס ניט צוא פערלאזען וועיל זיא זייען ניט היימיגע, זיצען אין קראמען, אין שיינקען, אין טראקטירען אין האטעלען, אלזוי וואר דיא ברכה העכסט וויכטיג און פון גרויסען נוצען דאס דער בורא ברוך הוא אליין וועט זיא איינהיטען.

נון קעהרען מיר זיך אום צוריק צוא דעם אראן, צוא דעם העלד פון אונזער געשיכטע וואס מיר האבען איהם ענטלאססען אם ענדע פון דעם פאריגען קאפיטעל אלס פערפיהרער פון דער שיינען הולדא דיא איינציגע טאכטער פון דעם אבראם ספאלענטא, און וועל דערציילען וויא דיזעם איז צוא געגאנגען, דען ניט אלע ליבשאפטען ענטשטייהען (געשעהען) אויף איינער ארט אונד וייזע. מאנכע אוספייען שנעל (געשווינט) וויא דיא גאלאפירענדע (האסטיגע) שווינדזוכט *) און מאנכע צייטינט זיך לאנגזאם (פאמעלאך) און דויערט גענוג ביז זיא קומט צוא איהרער רייפהייט (זריעלאסט) וויא דיא שלייכענדע (קריכענדע און צוגלייך אונבעמערקטע) שווינדזוכט, און ווען מיר האבען שוין פון פריהער געזאגט דאס דיא הולדא איז געווארען פערפיהרט דורך דעם אראן נור דורך איהרע אונפארזיכטיגע מילדע (גענאדע) און מיטלייד (רחמנות) וואס זיא האט אוים געאיבט (געטאן) געגען איהם, וואס דאס הייסט נאך אונזערע פאריגע רייד, דאס זיא איז געווארען נור דורך איהרע טוגענד (בראווהייט) פערפיהרט צו איינער אונטוגענד (זינדע) איז אונז שוין זייער לייכט צוא שליסען דאס דיזע פערפיהרענדע ליבשאפט וואס האט זיך פערוויקעלט צווישען דער הולדא און דעם אראן וואר קיינע גאלאפירענדע (האסטיגע) נור איינע שלייכענדע (פאוואזנע און פאטאיעמנע) ליבע, דען ווען אויך עס איז זייער לייכט זיך צוא פעראירען פון דעם וועג דער טוגענד (פרומקייט) אויף דעם וועג דער אונטוגענד (הולטאיסטווא) וויא מיר האבען שוין פריהער געשריבען דאס דיזע ביידע וועגען ציהען זיך

זייער

---

*) אלס צאזאר דער ראמישער קייזער האט דארט אין שפאניען מנצח געוועזן זיינע פיינדע זייער שנעל (געשווינט) האט ער בענאכריכטעט זיינע פרויא מיט דיזע איניגע ווערטער: „איך קאם, זאה אונד זיגטע" דאס הייסט איך בין געקומען אויף דאס שלאכט-פעלד און וויא איך האב נור דערזעהען דעם פיינד האב איך איהם באלד מנצח געוועזן. מיט דיזעם קורצען נוסח האט אויך געשריבען איין פרינץ צוא זיינע עלטערן אלס עס איז איהם געפעלען געווארען דיא פרינצעסען, וואס ער איז געפארען איהר זעהען: „איך קאם אונד זאה אונד ליבטע" וזה הוא מה שאמר הכתוב: „לבבתני באחת מעיניך" דוא האסט מיין הערץ בעצוואונגען מיט איינעם בליק דייגעם.

(אמער. געש.)

זייער נאהענט לעבען איינאנדער אונ בפרט נאך אין דיא ענינים פון ליבשאפטען. ביא אלעם דעם לאזט זיך זייער פיל אונטערשיידען (מאכען א חילוק) צווישען איינער פעראירטען ליבשאפט אונ צווישען איינער אונפעראירטען ליבשאפט אונ זייער ענטוויקלען זיך (ראזוויטיע), דען יענע (דיא ערסטע) וואס מוז מאכען וויא געוואוינליך גרויסע אומ-וועגען (דאס הייסט גיין אלץ אקאלנימי פוטיאמי) אונ דערצו נאך גאנץ געהיים (טאיקאם) קען זיך ניט אזוי גיך ענטוויקלען דאס זיא זאל אויס-ארטען (פערווראשצייען זיך) אין איינער גאלאפירענדען (האסטיגע) ליבע. ניט אזוי אבער איז דער פאלל מיט דער צווייטען ארט ליבשאפטען, וואס קען זיך גיין מיט איהרעם גראדען וועג פון אנהייב אן, אזוי איינע קען זיך זיין אויך גאלאפירענדע, וויא יענער פרינץ האט געשריבען: "צאזאר שריב: איך קאם, זאה אונד זיגטע, אונד איך שרייבע: איך קאם, זאה אונד ליבטע".

אלזוי זייען מיר שוין געוויס דאס דיא ליבשאפט פון אונזערעם געשיכטליבע העלדענפאאר וואר קיינע גאלאפירענדע (האסטיגע) נור איינע שלייכענדע (פאוואזנע אונ פאטאיעמנע), נון איז אונז העכסט אינטערעסאנט אונ צוא גלייך פון גרויס נוצען צוא קומען אויף דיא שפור (סליאד) פון זייער פעראירען זיך, דען וויא מיר ווייסען וואַרען זיא ביידע גאנץ אונשולדיגע קינדער, אונ עס לוינט זיך דער מיהע (עס איז ווערטה צוא בעמיהען אונז דארום), וויא דאס אנאטאמירען (דאס פאלמעשען) פיר דיא דאקטוירים, דען זיא טוען עס ניט אום צו העלפען דורך דעם געשטארבענען, ניין נור אום צו פראקטיצירען פון וואס ער איז געשטארבען, אום צוא קענען בעססער קורירען דעם נאך לעבענדען, אזוי לוינט אויך איינעם יעדען פון אונז צוא וויססען וויא אזוי זייא זייען געווארען פערפיהרט אום זיך איין צוא היטען פון דיזעם לאבירינט (פלאנטער) אדער שטרודעל (קעכסעל-גרוב אדער פוציגא) וואס זייא האבען זיך אין איהם פערפלאנטערט אדער פערדרייט אונ צו גלייך פערזונקען. קורץ געזאגט מיט דיזער הולדע איז גאנץ פער-קעהרט געשעהען אלס מיט אנדערע זינדערינען. דען געמייניגליך (על פי רוב) איז ביא אלען אנדערען דיא שאנהייט (שייגקייט) נור דער פאלל (דאס פאללען) פון זייערע טוגענדען (פרומקייטען), דאס הייסט זייא ווערען אויסגעלאשען וועגען איהרע שאנהייט, ביא איהר אבער וואר איהרע טוגענד (פרומקייט) איהר פאלל (דאס פאללען) פון איהרע שענהייט, וויא מיר וועלען שוין דא דערציילען.

דיזער אראן איז אנגעקומען אין דאס הויז פון איהרע עלטערן זייער געמיין געקליידעט, העכסט אבגעצעהרט, העכסט נידער געשלאגען

(סמוטנע) אונ העכסט שיכטערן (אנגסטליך) אונ גאנץ גערעמוטהיגט (פּאקארנע), דער צוא נאך גאנץ אונגעוויססענד, אונגעהאבעלט אונ לינקיש (ניט זגראבנע) אונ וואר אזוי וייט איבערראשט (טרעוואזעט) דורך דיא גרויסע פראכט פון דער גרויסען וואוינונג אונ פון דעם גרויסען עלעגאנץ (שעגאלסטווא) פון דיא מעבעל אונ פון דיא גרויסע ריינליכקייט (ציסטאטא) וואס האט דארט געהערשט, אונ נאך מעהר פון דיא רייכע קליידונג דער הויזלייטע דאס ער האט זיך ניט געוואגט אריין צו טרעטען אין דעם צווייטען צימער אונ איז פערבליבען מעהרערע וואכען אין קיכשטוב, אינ וועלכער רעט שוין פון אריין שמעקען אין קאבינעט אונ דאס גלייכען צוא עססען מיט דער הערשאפט צוא זאמען, ער וואר זאגאר פיל מאל געלאדען צוא גיין צום טיש, עס וואר איהם אבער ניט צו דער רופען, אויס פורכט דאס ער וועט ניט וויססען וויא צוא האלטען א לעפפעל, אונ וויא צו געברויכען גאפעל אונ מעססער, אונ ווען אנהייבען צוא עססען אונ ווען אויפצוהערען צוא עססען, אונ האט אלזוי געציטערט פאר דעם מינדעסטען אין שטוב. אויס דיזער אורזאכע איז ער געוועזען זייער דינסטפערטיג (פערטיג צוא דינען) געגען דיא דארטיגע דינערשאפט אונ האט דאהער געטאן אין שטוב זאכען וויא אין געשעפט זאכען אונ אלע וואַרען מיט איהם צופרידען, נאך מעהר זיין הערר אונ דיא דאמע; אם מעהרסטען אבער זייער איינציגע טאכטער דיא שיינע הולדא, ער איז געפעלען וועגען זיינע גרויסע פּאקארנאסט, אונ נאך מעהר וועגען זיינער גרויסען אונשולד (נעווינאסט) וואס דיזעס צירט איינען יונגען מענשען פיל מעהר אלס אנדערע מעלות, אונ האט אלזוי געמאכט זיך איין פערגעניגען אונטער צו האלטען זיך מיט איהם, דען עס וואר איהר איינע לוסט צוא הערען זיינע נאאיפע (אויפריכטיגע) אנטוואָרטען אויף דיא פראגען וואס זיא פלעגט איהם צוא מאכען איבער דיא ליטווישע יודען. איבערהויפט וואר איהר העכסט אינטערעסאנט צו ערפארשען פון איהם וויא עס פאססירט ביי דיא ליטווישע יודען מיט שדוכים, מיט האכצייטען אונ ער, וויא אויך ער וואר נאאיף (אויפריכטיג) אין דער ווירקליכקייט, דאס הייסט געשפראכען דיא וואהרהייט וויא איין אונשולדיגעס קינד, ביי אלעם דעם האט ער זיך געצילט מיט צו טהיילען איהר דאס (דערציילען איהר) פון דער העכסט לעבערליכען זייטע, ביי זיינעם וויססען דאס דיזעס צוא הערען איזט איהר איין גוטער ביססען, דען דיזעס פלעגט אויף קיצלען איהרע לונגע צוא איינעם שאללענדען געלאכטער. נון פערשטעהט זיך דאס ער האט זיך ניט פערגעססען צו דערציילען איהר פון דיא אפטיגע בהלות וואס עס פלעגט צו זיין אין יענע צייטען אין ליטא אונ דאס גלייכען דיא טויזענדע חופות וואס עס פלעגט דאן געמאכט צו ווערען אין זעלווע איבער דעם יריד צייט אונ

באלד דארויף צוויא מאל אזוי פיל גטען, דען פילע ענגונות פלעגען אנצוטרעפען דארט זייערע מאגען וואס האבען זייא אוועק-געווארפען, אונ זיא פלעגט זיך צוא האלטען אין דיא זייטען הערענדיג. דער צוא נאך פלעגט ער עס דערציילען זייער סקלאדנע אונ וויציג דאס זיא האט זיך פערוואונדערט איבער זיינע גרויסע רעדעקראפט אונ האט אלזוי אנגעהייבען צו בעדויערן איהם דאס ער איז אזוי ווייט אונוויססענד, דערצו נאך אזוי ווייט מענשענשיי (באיטסיא ליודעי) אונ האט זיך בעשלאססען אלזוי צו טאן וואס פאר איהם, דאס הייסט צו מאכען איהם ליודסקער (מענשליכער) אונ וויסענדער, אונ האט זיך דאריבער בעשפראכען מיט איהרעם פאטער אונ דאס גלייכען מיט איהרער מוטער.

„עס יאממערט מיך (איך האב רחמנות) איבער דיזען יונגען מענשען, האט זיא זיך באלד דארויף אבגערופען צוא זייא אלס זיא האט זייא איבער דערציילט אלעס וואס ער האט מיטגעטהיילט פון דיא ליטהויאישע אידעשע האכצייטען אונ זייא האבען זיך זאט אנגעלאכט דעריבער, ניט ווייניגער אלס זיא. איך האב זיך ניט געקענט גענוג אבוואונדערן איבער דיא סקלאדנאסץ פון זיינע מיטטהיילונגען. זייט אלזוי וויססען, האט זיא זייא געזאגט, דאס ער האט טאלענט (ספאסאבנאסט) צוא ווערען איין פיל בעססערער מענש, דען טראץ דעם (ניט קוקענדיג דארויף) דאס ער איז נאאיף (גאנץ איינפאך) וויא איין קינד, בייא אלעם דעם האט ער איינען גוטען קאפ, אונ דער צו איינע גרויסע רעדנערגאבע (כח הדבור). מען זאל איהם געבען איין פעז אין דער האנד קען אזעלכער ווערען אין א קורצע צייט איין גוטער בוכהאלטער, איין קאסירער, אונ איהר קענט מיט דער צייט האבען אין איהם איינען געשעפטס-פיהרער, ווייניגסטענס איינען גוטען פאמאצניק אונ נאך א מצוה אויך דערביי, דען ער איז דאך איין ארעמעס אונ צוא גלייך איין פרומעס קינד אונ דיזעס קענען מיר בעווייזען מיט גאנץ קנאפע קאסטען, מען דארף איהם נור איינען שרייבער דינגען, אונ ווייטער אין רעכענען אונ אין שפראכקענטניססען (האלענדיש אונ איינגליש) וועל איך איהם געבען אונטערריכט, בייא מיר וועט עס זיין איין גוטער צייט פערטרייב אונ דערצו נאך וועל איך דערביי דאך אויסאיבען (טאן) איינע גרויסע טוגענד, דען גרעססערע פריילינס (יונגפרויען) גיבען אונטערריכט ארעמע קינדער, אונ בפרט איך ווייס דאס ער האט גרויס לוסט דערצו, אלזוי מייגע ליבע עלטערן, פערגעגט מיר דאס פערגניגען צו האבען בייא מיר דאס בעוואוסט זיין (דאס וויססען) דאס איך האב וואס גוטעס געטאן אין מיינע מיידכען-יאהרען, אונ וואס פיר איין בעססערעס גוטעס קען מיט אזוי איינעם עלענדען וויא ער איז אלס צוא געבען איהם אונטערריכט,

וויא אונזערע ווייזען זאגען (וויא דיא חכמים זאגען) „כל מי שמלמד בנו של חברו כאלו ילדו", דאס הייסט דער וואס בעלערנט דאס קינד פון איינעם צווייטען איז גלייך אלס ער זעלבסט האט איהם געבארען. „גוט, עס פרייט אונז" האט זיך דאן דער פאטער אפגערופען צוא איהר, צוא הערען פון דיר אזוי איינען אידעלען וואונש, איין בעווייז דאס דוא ביסט איינע מענשען-פריינדין, אונ איך האטטע עס מיט פריידען דיר ערלויבט צוא טהון, דען מיין הערץ איז ניט וויניגער אידעל אלס דיין הערץ, אונ בפרט דאס איך וינשע נאך מעהר אלס דוא, צו מאכען פון איהם איינען בעססערן מענשען, דאס הייסט דאס ער זאל קענען ולאדייען מיט איינער פעדער אונ רעכענען קענען דאמיט ער זאל מיר זיין איין בעססערער געהילפע אין מיין געשעפט אלס ער איז מיר יעצט, דען איך וועל איהם פיר אימער בייא מיר ערהאלטען, דאס הייסט, אזוי לאנג ער וועט וועלען זיין בייא מיר, דען ער געפעלט מיר העכסט וועגען זיינער גרויסען עהרליכקייט, טרייהייט אונ פאסלושנאסץ, אונ דאס גלייכען וועגען זיינעם גוטען קאפ אונ זיינעם טרייען געדאכטניסס, לויטער גוטען ספאסאבנאסטען אום צוא זיין איין גוטער קויפמאן, אונ ליידער פעהלט איהם איינע פעדער אין האנד אונ דיא רעכענקונסט, אונ איך האטטע עס איהם גערן פערגונען צוא ערלערנען עס בייא מיר אין שטוב, ליידער שיינט מיר דאס עס איז שוין צוא שפאט פיר איהם דאס צוא ערלערנען, דען ער איז שוין איבער צוואנציג יאהר, אונ צווייטענס ניט פערגעס, ער איז דאך כמעט דעם גאנצען זומער אונטער-וועגענס מיט מיר אין ליטא, פוילין, אונ אים ווינטער בעשעפטיגע איך איהם דאך מיט דעם סארטירען דיא קליידער אונ מיט דעם איין פאקען, אונ ער געפינט זיך דערצו פון זעלבסט נאך אנדערע ארבייט פון הויזליכע געשעפטען, אלזוי איז שוין דאפעלט קיינע צייט פיר איהם דיזעס צוא ערלערנען.

„אונ איך לאז מיך דער מיט ניט איינוועגדען" האט זיך אבגע-רופען דיא הולדא צוא איהם, מיר האבען גענוג ביישפילע אין דער געשיכטע (דברי הימים) פון פיל גרויסע מענער וואס זייער נאמען קלינגט נאך איצונד אין דער גאנצען וועלט, צום ביישפיל איין בנימין פריינקעל אונ פון זיינעם גלייכען וואס האבען אנגעהייבען זיך צו בילדען אין פיל עלטערע יאהרען אלס דער אראן איז אונ ווארען דאן פיל מעהר פער-נומען מיט ארבייט אלס ער אונ האבען איבערגעיאגט מיט זייערע גע-לעהרזאמקייט דיא אלטען געלעהרטען וואס האבען אנגעהייבען זיך צוא בילדען פון זייער קינדהייט אן אונ דער צו נאך אין גרוים ראסקאש, דען דער בנימין פריינקלין ווואר ביז זיינעם פינף אונ צוואנציגסטען יאהר

(אמער. געש.) איין

אין צעלאדניק ביא איינעם איינבינדער, אונ ביא אלעם דעם האט ער פאספייעט צוא ערלערנען אזוי פיל אין זיינעם מייסטערס הויז, אונ דער צו נאך אינם געהיים, דארט אין זיינעם דאב-צימערל וואס ער פלעגט דארט צו נעכטיגען, ווייל זיין מייסטער וואס וואר איין פאנאטישער קאטוילק וואלט עס איהם פערוועהרען (ווייל עס וואר אין יענע צייטען געהאלטען הן ביא די קאטוילין אונ הן ביא יודען אלע למודיות, חוץ די רעליגיאזע, פיר איינע אפיקורסות) האט ער (דער פריינקעל) אזוי ווייט ערלערנט, דאס ער איז געווארען דיקטאטאר (זאקאנאדאטעל) פון גאנץ נארד אמעריקא, אונ עס ווארען איהם געמאכט מאנומענטען (פאמיאטניקעס) אין דיא אלע דארטיגע שטעדט. אלזוי איין גוטער בעוויז דאס פיר איינען פלייסיגען מענשען האט דער טאג פיר אלעם צייט זייענדיג זעלבסט איין טאגעלאהנער (פאדזעניק) אונ דאס פיר איינען גוטען קאפ איז קיין מאל ניט צוא שפעט צוא ערלערנען דיא גרעסטע חכמות אונ פשיטא שוין מעהר ניט וויא שרייבען אונ רעכענען, ערלויבע עס נור איהם אונ מיר, אונ דער אראן וועט עס שוין קענען, ער דארף צו געוויזען ווערען איינציגע מאנאטע אונ דאן וועט ער שוין פון זעלבסט אלעם דער גיין, דען ער איז איין העכסט בעגאבטער (ספא-סאבנער) יונגער מאן".

דאס ענדע פון דיזעם געשפרעך וואר, דאס דיא עלטערן האבען איינגעווילינט דערצו. עס וואר געדונגען איין שרייבער אויף דעם אראנס קאסטען אונ דיא הולדא האט אנגעהייבען צוא געבען איהם אונטער-ריכט, פריהער אין לעזען אונ אין רעכענען, אונ נאכהער אין דיא גראמאטיקעס פון האלענדיש אונ איינגליש, אונ זייא ביידע, דאס הייסט דער שרייבער אונ דיא הולדא ווארען העכסט צופרידען מיט זייער שילער. דיזעם איז געשעהען אין דעם ערסטען ווינטער פון דיא ערסטע דרייא יאהר וואס דער אראן פלעגט אומצופארען מיט דעם אבראם ספאלענטא אין דיא זומערצייטען איבער ליטהוישע אונ פוילישע ירידין, אונ ער האט אין דיזע דרייא יאהר געמאכט אזעלכע געוואלטיגע פארטשריטע (פעולות) אין דיזע דרייא געגענשטאנדע אין שרייבען, רעכענען אונ אין שפראך-קענטניססע דאס ער וואר נאכהער ספאסאבנע צוא זיין איין פערוואלטער ביא דעם אבראם איבער זיין נייעם געשעפט וואס ער האט געמאכט, דאס הייסט איבער דיא בריליאנטען שלייפעריי, אונ ערסט דאן אלס ער וואר שוין פיל מעהר צוא הויז אלס אויף רייזען וואס עס פלעגט זיך צוא טרעפען זייער זעלטען פלעגט ער פערברייננגען דיא ליידיגע אווענדען (דען דיא דיאמאנטען ווערען ביא נאכט ניט געשליפען) מיט דער הולדא ביא דער לעקטירע (למוד) אונ האט אין דעם פערלויף

(אבער. נעש.)

(משך) פוּן אַפָּאר יָאהר אַזוֹי מיט עֶרלֶערְנְט דִיזֶע צְוֵייא שְׁפְּרַאכֶען אונ דָאס גְלַייכֶען רֶעכֶענֶען, דָאס עֶר הָאט אִין זֵייא אִיבֶּערְטְרָאפֶען (אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגֶען) דִיא הולדא, אוּנ דִיזֶעם הָאט אִיהר גְרַאדֶע גֶעפְרֵייט, וִויא אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען „בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו" דָאס הֵייסְט דֶער מֶענְשׁ אִיז מְקַנֵא אֵיינֶען יֶעדֶען אַנְדֶערֶען חוּץ זֵיינֶעם זוּן נִיט אוּנ דָאס גְלַייכֶעו זֵיינֶעם שִׁילֶער נִיט, אוּנ הָאט אִין דֶעם לוֹיף (משך) פוּן דִיזֶער צֵייט (וִויא צוּ זָאגֶען) אָבְּגֶעשְׁטְרֵייפְט (אָבְּגֶעצוֹיגֶען זֵיינֶע לִיטְוָועשֶׁע אוּנְוִויסֶענְהֵייט אוּנ וִוילְדְהַייט פוּן אִיהם דָאס עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין צִיוִוילִיזִירְטֶער (גֶעבִּילְדֶעטֶער) עֶאוּרָאפֵּייֶער וִויא דִיא יֶענִיגֶען וָואס וַוארֶען בֶּעצוֹיבֶּערְט צוּא זֵיין בֶּערֶען בִּיז אֵיינֶער גֶעוִויסֶען צֵייט, שְׁטְרֵייפֶען אָבּ (צִיהֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ) זֵייעֶרֶע בֶּערֶענְפֶעל אִין דֶעם טָאג וָואס עֶנְדֶעט זִיךְ זֵייעֶר סְרָאק אוּנ וֶוערֶען ווִידֶער מֶענְשֶׁען *) דֶען עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיסְצוּשְׁנֵייצֶען דִיא נַאזֶע מִיט דֶער פָּאלֶע אוּנ אָבְּצוּווִישֶׁען נַאכְהֶער מִיט דֶעם אַרְבֶּעל, דֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט צוּ בֶּעדִינֶען זִיךְ מִיט אֵיינֶעם שְׁנוּפְּטוּךְ, דָאס גְלַייכֶען הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּא גֶעבְּרוֹיכֶען בַּייא דֶעם עֶססֶען אֵיין נָאפֶּעל מֶעססֶער, אוּנ הָאט שׁוֹין נִיט מֶעהר גֶערִיסֶען דָאס פְלֵיישׁ מִיט דִיא פַּאזוּרֶעם (נֶעגֶעל) וִויא אַיין רֵייסֶענְדֶעם טְהִיר (חיה) אוּנ הָאט זִיךְ בִּכְלַל אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּא הַאלְטֶען מַאלָא פָּא מַאלוּ רֵיינֶער אוּנ צִיכְטִיגֶער אוּנ אִיז זִיךְ גֶעוָוארֶען אַלְזוֹי אִין דֶעם פֶערְלוֹיף פוּן דִיא עֶרְסְטֶע דְרַייא יָאהר פוּן זֵיינֶעם זַיין בַּייא דִיזֶעם אַבְרָאם ספאלענטא אֵיין גַאנְץ נַאלַאנְטֶער יוּנְגֶער מַאן מִיט אֵיינֶער גוּטֶען פֶעדֶער אִין דֶער הַאנְד אוּנ מִיט אֵיינֶער רֵיינֶען הָאלֶענְדִישֶׁען שְׁפְּרַאכֶע אִין מוּנְד אוּנ הָאט זִיךְ דָאס גְלַייכֶען גַאנְץ אוּנ גָאר אוּמְגֶעעֶנְדֶערט צוּם גוּטֶען אִין זַיינֶעם בֶּענֶעהמֶען זִיךְ מִיט לַייטֶען אוּנ אִין זַיינֶעם בֶּעגֵיין זִיךְ גֶעגֶען דִיא דַאמֶען. אַם מֶעהְרְסְטֶען אָבֶּער וַואר עֶס צוּ מֶערְקֶען (דִיזֶע גוּטֶע אוּמֶענְדֶערוּנְג זַיינֶע) אָן דִיא עֶנְטְוִויקְלוּנְג (רַאזְווִיטִיֶע) פוּן זַיינֶעם קֶערְפֶּער דֶען עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי אַנְגֶענֶעהם דָאס עֶס וַואר אֵיינֶע לוּסְט אִיהם צוּא זֶעהֶען

אונ·

*) אִין יֶענֶע צֵייטֶען וָואס בַּייא אוּנְז אִידֶען וַואר גֶעגְלוֹיבְּט דָאס בעלי מקובלים קֶענֶען אוּמְרוּקֶען דִיא שְׁטֶערֶענְס אִין הִימֶעל וִויא אֵיין זֵייגֶער-מַייסְטֶער דִיא וַוייזֶערְס אוֹיף דֶעם צִיפֶער בְּלַאט, אוּנ אַיינְשְׁמִידֶען דֶעם סַם אִין קֵייטֶען וִויא אַיין בֶּערֶענְטְרַייבֶּער אֵיינֶען בֶּערֶען, וִויא עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן אֵיינֶעם גֶעוִויסֶען ר׳ יוסף דעלעריינע. וַואר עֶס גֶעגְלוֹיבְּט בַּייא דִיא קְרִיסְטֶען דָאס מְכַשְׁפוֹת וַוארֶען אִים שְׁטַאנְדֶע צוּא פֶערְוַואנְדְלֶען מֶענְשֶׁען אִין בֶּערֶען אוּנ אִין וֶועלְף (וָואלְקֶעלַאקֶעם) בִּיז אוֹיף גֶעוִויסֶע צֵייטֶען. —

(אמער. געש.)

און איינע פריידע מיט איהם צוא שפרעכען, אלזוי גענוג שטאף (מאטעריאל) פיר איינע יונגען מאן אום צוא ווערען געפעלען גיט ווילענדיג זאגאר דער דאמענוועלט, וויא דיזער פאל וואר ביא דעם יוסף הצדיק און בפרט נאך ווען מען וויל עס, וויא דער פאל וואר מיט אונזערעם ארען, דער העלד פון אונזערע געשיכטע, וויא מיר וועלען עס באלד דערציילען.

נון פערשטייט עס זיך פון זעלבסט דאס מיט דיזער גוטען אומענדערונג פון זיינעם גייסט און פון זיינעם קערפער וואר אויך אומגעענדערט צום גוטען זיינע שטעלונג (פאלאזעניע) דארט אין דעם הויזע פון דעם אבראם ספאלענטא, דען ער וואר דאן שוין גאנץ אנדערס דארט בעהאנדעלט אלס פארהער, ער איז שוין געווארען זייער טישגענאס (דאס הייסט ער האט געגעססען מיט זייא צוזאמען בייא איינעם טיש). מען האט שוין אויפגעהערט צוא שאפען זיך מיט איהם אין הייזליכע בעדינונגען וויא פריהער. אין פערלויף פון א פאר יאהר איז ער געווארען קארעספאנדענט בייא זיינעם הערען, אין א פאר יאהר שפעטער וואר ער בייא איהם שוין פערוואלטער (אופראוולייאיושציא) איבער דיא שליפארנע געמאכט און באלד דארויף אויך בוכהאלטער מיט איינעם גוטען געהאלט און וואר אלזויא בעהאנדעלט פון זיינער הערשאפט מיט אכטונג (אוואזעניע) ניט וויינינער אלס אנדערע געשאפטספיהרער ביא אלע אנדערע געשעפטסליכע פאבריקאנטען. איינע נאך פיל בעססערע ווענדונג (קערוניק) האט דאן מיט איהם גענומען אין זיינער בעציהונג (אטנאשעניע) צוא דער שיינען הולדא, דען באלד וויא ער וואר שוין אין שטאנד צוא שפרעכען האלענדיש, ענגליש און צוא וולאדייען מיט איינער פעדער און דאסגלייכען צוא פערשטיין איין עטוואס בוכהאל-טעריא, האט זיך איהרע ביסהעריגע מיטלייד וואס זיא האט געהאט צוא איהם, אומגעוואנדעלט אין איינער פריינדשאפט. און אלס ער איז געווארען פערוואלטער (אופראוולייאיושציא) איבער דיא שליפארניע (שלייפעריא) האט זיך דיזע פריינדשאפט אומגעוואנדעלט אין איינער גרויסען אכטונג און מיט רעכט, דען זיא האט אין איהם דערווישט דאן איינען גרויסען געשעפטספיהרער און דערצוא נאך איינען וועלטמאן וואס פערשפרעכט צוא זיין מיט דער צייט *) איין גראסער ראלענשפילער אין גאטעם וועלט און דיזע גרויסע אכטונג איז איבערגעגאנגען נאכהער אין איינער ליבשאפט, וואס וואר צוואר אין אנפאנג נור איינע פלאטאנישע ליבע **) וואס איז אימער דיא פאלגע

פאסלעדסטוויע

---

*) אזוי ווערט געזאגט אין דער דייטשען שפראכע אויף איין קינד וואס האט א גוטען קאפ, ער פערשפריכט צוא זיין איין גרויסער געלעהרטער" און דאסגלייכען ווען עס ווייזט זיך איינע גוטע רוגע אויף דיא פעלדער זאגט מען עס פערשפריכט איינען זול אין דיזעם יאהר.

**) איינע פלאטאנישע ליבע הייסט ווען מען ליבט זיך נור וייל מען

(אמער. געש.)

(פאסלעדסטוויע) פון איינער אכטונג , אם ענדע אבער איז עס איבערגעגאנגען אין איינער פליישליכען (פלאטסקע) ליבשאפט וואס וואר וויא מען וויים אויף קלאר אויפגערעגט (אויפגערייצט) אין איהר נור דורך איהם. אונ דיזע אונגליקליכע ליבע האט ליידער באלד פריכטע געטראגען , דאס הייסט זיא איז שוואנגער געווארען דערפון. —

צוואר האבען זיא דאן אלע ביידע העכסט בערייט דאס זיא האבען אזוי איינען שאנדליכען שריט געטאהן אונ פערשאלטען דיא שטונדע פון זייער צוזאמענקומען מיט איינאנדער. ליידער וואר עס אבער צו שפעט אום צו טאהן וואס דאגעגען , אם ווייניגסטען אום דאס עס זאל בלייבען איין געהיימניס אויך פאר דיא עלטערען איהרע וואס זיא ביידע וועלען זיך געוויס העכסט גרעמען אונ קלעמען דאריבער צייט זייער לעבען. אונ אן זייער וויסען וואר שוין דאן גאנץ אונמעגליך צו געברויכען דאגעגען איין מיטעל פון יענע בלוטיגע מיטעלן וואס וועדען געברויכט דורך געדונגענע קינדערמערדערינען וואס הייסען הייבעמס , אום אבצוטרייבען איינע פערבאטענע פרוכט וויא זייערע וואר. צווייטענס מאכען זיך ביידע איין געוויסען (עס איז זייא געוועזען סאוועסטנע) צו בעדינגען זיך מיט אזוי איינעם מארדערישען מיטעל דערביי. ביי אלעם דעם וואהרען זייא זיך געבליבען ליב איינאנדער וויא ביז אהער אונ זייא ביידע האבען געהאט דערביי גאנץ גוטע אונ קלוגע גרינדע (אסנאוואניעס , פריצינעס): זיא, אום א הרעם וויסען אויף קלאר דאס דיזער שענדליכע שריט איהרער וועט פערגעווים ניט בלייבען איין געהיימניס, נאך אין 2 אדער 3 מאנאטע וועלען שוין וויסען דערפון אלע וועלטען אונ זיא וועט אלזוי בלייבען איינע בעליידיגטע אונ בעשימפפטע פיר אימער אונ וועט בלייבען זיצען אן א מאן , איינע פערוויסטע אין איהר גאנצען לעבען , פערזאכט , אונ פערלאכט , אלזוי איז פיר א הר פיל ראטהזאמער דאס זיא זאל זיך דערהאלטען פעסט אן איהרעם פערפיהרער , וואס ער איז שוין העכסט בעליבט אונ גאנץ צוגעטאהן אונ וואס איהר פערהייראטהען זיך מיט איהם , וועט מיט דער צייט גאנץ אונ גאר אויסטילגען איהרע שמאך ביז יענעם וויסטען (פוסטען) שפרוך „א זיא האט איהם ליב געהאט פאר דער האכצייט" אונ דיזעס איז זייער לייכט שוין צו פערשמערצען (צו פערליידען) , צווייטענס וועט דיזעס זיין דער איינציגער מיטעל (דאס הייסט דאס פערהייראטהען זיך מיט איהם) אום צו רעטטען דאס לעבען אונ דיא עהרע פון איהרע איצטיגע לייבעספרוכט (דאס הייסט פון דעם קינדע וואס זיא טראגט יעצט) דען זאנסט וועט עס פארגעווים אומס לעבען געבראכט , וויא עס פאססירט ליידער מיט דעם גראססטען טהייל פון אונזערע

פאבאצנע

---

דערוויישט איינער ביי דעם אנדערען גרויסע מעלות אדער מדות טובות, וויא מיר האבען שוין געשריבען פון פריהער. —

(אמער. געש.)

אבאצנע קינדער, און ווען עס טרעפט שוין א מאל דאס אזוי איינער ווערט פערשווינט און בלייבט איב לעבען, דאן ווערט ער געבראנדמארקט (געשטעמפעלט) מיט דעם נאמען באסטארד (ממזר) וואס ווערט אויסגעמידען פון אלער וועלט וויא דיא פעסט. וועט זיא אבער איהם, דעם איינמאל שוין פון איהר געליבטען אראן, הייראטהען, איז איהם (דעם קינדע) גערעטעט זיין לעבען און צוגלייך זיינע עהרע, דען ער ווערט שוין געליטטען פיר איין כשר קינד. — דאסגלייכען האט דער אראן אויך גענוג גרינדע (אורזאכען) געהאט צו פערבלייבען טרייא אין זיינער ליבע צו איהר און צו הייראטהען איהר ווען נור מעגליך וועט זיין. ערשטענס ווייל ער האט איהר געליבט גאנץ אויפריכטיג. צווייטענס ווען ער וועט אנדערס טאהן, דאס הייסט ווען זיא וועט אנדערס טאהן, דאס הייסט ווען זיא וועט יע וועלען זיך פערהייראטהען מיט איהם, נור ער וועט עס ניט וועלען, וועט ער זיך דאך פערזינדיגען געגען איהר (דער הולדא) פיל מעהר אלס דער אמנון געגען זיינע שוועסטער תמר, וואס ער האט איהר פערוויזען (ארויסגעיאגט) באלד נאך זיינעם פערפיהרען איהר, דען דיא הולדא האט דאך פיל גוטעס געטאהן מיט איהם, האט איהם צום מענשען געמאכט, דען אלעס וואס ער איז איצונד האט ער עס נור איהר צו דאנקען, אלזוי מוז מען שוין גאנץ פערדארבען זיין אום צו טאהן אזוי איינע אונגערעכטע שריט, דאס הייסט צו בראקירען מיט איהר נאך זיינעם ענטעהרען איהר, וואס זיא וועט דורכדעם בלייבען זיטצען איינע בעליידיגטע און איינע פערוויסטעטע, אין איהר פאטערס הויז ציט זיא וועט לעבען דען וועט וועט איהר וועלען דאן נעהמען. אלזוי וועט עס זיין דער גרעסטער אונדאנק פון איהם ווען זיא וועט איהם וועלען הייראטהען און ער זיא ניט און פארגעווים וועט זיא עס גערן טאהן דען זיא האט שוין קיין אנדערן וועג פיר זיך. דריטענס וואר איהם לייד איינצולאזען אזוי איינע גוטע פארטהיי (שידוך) דען וואו איז צו בעקומען אזוי איין געראטענעם מיידכען מיט אזעלכע גרויסע טוגענדען (מעשים טובים) און דערצו נאך פון אזוי איין יחוס מיט אזוי איינעם גרויסען פערמעגען דען דיא עלטערען זיינען דאך שטיינרייך און זיא איז דאך דיא איינציגע ערבען און עס איז איהם אלזוי שוין כדאי צו פערבלייבען דא (דאס הייסט ניט אבצוטראגען זיך פון דארט) און צו מאכען זיך געפאסט (גאטאוו) אויס-צוהערען פון איהרע עלטערען מיט דער גרעסטען גלייכגילטיגקייט דיא פערדינטע פארווירפע (וויגאיוארען) וואר איהרע עלטערען וועלען איהם געוויס מאכען פאר וואס ער האט פערפיהרט זייער איינציגעס קינד ביא זיינעם פערמוטהען (משער זיין) דאס דיא עלטערען, וואס זיינען גוטע און פרומע לייט און דערצו נאך זייער הייסע פאטער און מוטער וועלען איהם געוויס ניט הארטער בעשטראפען אלס דיא בעשטראפונג פון דער תורה פיר אזוי איינע זינדע וואס עס בעשטייט נור אין דעם דאס דער פערפיהרער פון

איינעם

(אמער. געש.)

איינעם מיידכען מוז דיא פערפיהרטע הייראטהען וויא דער פסוק זאגט „וכי יפתה איש בתולה ושכב עמה מהר ימהרנה לו לאשה" צוואר גיט דיא תורה דעם פאטער דאס רעכט ניט איינצווויליגען אין דיזער בעשטראפונג דאס הייסט ניט וועלען געבען זיינע טאכטער פיר איינע פרויא צוא איהרעם פערפיהרער, ער איז אבער צוא קלוג, אום צוא וועהרען אין דעם, ביי זיינעם וויסען דאס ער וועט זיינע טאכטער דערמיט פיל מעהר שאדען אלס גוטעס טאהן.

דיזע גלייכשטימיגע געזינונגען (מיינונגען) זייערע צוא פערהייראטהען זיך מיט איינאנדער אוים אלען דיזען פאריגען גרינדען האבען זייא עס זיך באלד מיטגעטהיילט איינער דעם אנדערן אונ האבען צוגלייך אויך בעשלאסען אזוי צוא האנדלען (צוא טאהן) נור מיט דיזער אויסנאהמע, דאס הייסט אין איינער זאכע האבען זייא זיך דאן אנדערס בעשלאסען, דען פריהער וואַרען זייא אין דער מיינונג דאס דיזער שריט דאס הייסט זייער פערהייראטהען זיך זאל געשעהען נור מיט דער ערלויבניס פון דיא עלטערען, איצונד אבער האבען זייא זיך גאנץ אנדערס בעראטהען דאס זייא זאלען דיזען שריט טאהן אינם געהיים, אוים פורכט דאס דיא עלטערען זאלען ניט שטערען דארין. —

„אום צוא פערדעקען מיינען ערסטען פעהלטריט (אונרעכט) וואס איך האב געטאהן" האט זיך דאן דיא הולדא אבגערופען צוא איהרעם געליבטען „דאס הייסט וואס איך האב מיך געלאזען פערפיהרען דורך דיך, מוז איך שוין ניט ווילענדיק בעגיין איינען צווייטען פעהלטריט (אונרעכט) דאס הייסט פערהייראטהען זיך מיט דיר אן זייער וויססען אזוי גאר, דען בלייב איך נור ביי מיינעם ערסטען פעהלטריט אליין, זא בלייב איך געשטעמפעלט מיט דעם שמוציגען נאמען, „אויסגעלאסענע אדער זונה" וועל איך מיך אבער פערהייראטהען דערצוא מיט דיר עס מעג זיין אהנע דאס וויססען פון דיא עלטערען, זא וועל איך שוין גערופען ווערען נור איינע פערליבטע אין איינעם סלוזאשציא אונ דיזעם געשיהט זייער אפט אונ מען פערצייהעט עס באלד אונ מען פערגעסט עס אויך דען עס איז דאך ניט פערבונדען מיט איינער זינדע אונ מיר וועלען נאך דערביי פערדינען, דען מיר וועלען אבקומען מיט איינעם פארוואורף (וויגאוואד) פיר ביידע זינדע אויף איין מאל דען עס וועט זיין אלץ איין געשרייא אונ מיר וועלען נאך דערצוא גאנץ זיכער זיין מיט אונזער בעשלוס צוא פערהייראטהען אונז מיט איינאנדער, זאנסט בין איך ניט געוויס מיט מיינע עלטערען דאס זייא זאלען איינווויליגען אין אונזער הייראטה, דען איך וויים דאס זייא זיינען זייער שטאלץ אויף זייער פארטיגיזישען יחוס. אלזוי נאך מיינעם גוטאכטען (פא מאיעמו) דארפען מיר עס טאהן אן זייער וויסען אונ דערצוא נאך גאנץ בעציימען אום דאס זייא זאלען זיך דערוויסען פון מיינער שוואנגערשאפט פארהער אונ וועלען זיך

אלזוי מיט אונז בעגיין גאנץ אנדערש וויא מיר דיינקען. בין איך אבער שוין דיינע א פרויא דאן געהערע איך דיר נור אונ ניט מיינען עלטערען אונ בין נאך דערצוא אין דער מיינונג דאס באלד נאך אונזער פערהייראטהען אינז זאלען מיר זעלבסט צוא וויסען געבען מיינע עלטערען דורך איין שרייבען פון מיר אן זייא, אום זייא זאלען נאך צייט האבען צוא באטירען זייערע עהרע דורך איינע געשווינטע אויסוואנדערונג מיט אונז פון היר בעפאר מען וועט נאך ווינט בעקומען (דערוויסען זיך) אין שטאט פון מיינע שוואנגער־שאפט אונ פון פערהייראטהען מיך מיט דיר, דען דאן וועט שוין זיין אום זייערע עהרע געטאהן (נאך זייער עהרע) אונ וועלען אלזוי דיא שאנדע ניט איבערלעבען. —

איך וועל דיר אין דיזער זאכע ניט איינווענדען האט איהר דער אראן געענטפערט וייל דוא קענסט דיינע עלטערען פיל בעסער אלס איך, דאך אבער וועט אונז דיזער צווייטע שריט וויא אויך דאס ער איז פיל גערעכטער אלס דער ערסטער שריט (שאג) אונזערער, וועט ער אונז פיל שווערער אנקומען צוא טאהן אלס יענער, דען וואו נעהמט מען איינע גוטע געלע־גענהייט דערצוא. איינע הייראטה קען דאך ניט געשעהען אונטער פיר אויגען וויא איין פערבאטענעס צוזאמענקומען, צווייטענס וואו וועסט דוא נעהמען אזוי איינען מוטה אנצוקלאגען זיך זעלבסט מיט אזוי איינעם דאפפעלטען פערברעכען פאר דיינע אייגענע עלטערען. אונ דריטענס פערשטייה איך דיך ניט וואס דוא זאגסט דאס דוא ווילסט זייא מעלדען באצייטען אום דאס זייא זאלען באטירען זייער עהרע אונ צוגלייך אונזערע עהרע דורך איינע אויסוואנדערונג פון היר. וואוהין זאל דיא אויסוואנדערונג געשעהען אונ פירטענס אונטער וואס פיר איין פארוואנד (פרעדלאג אויסרייד) קען עס געשעהען? מען וועט זיך העכסט וואונדערן דאריבער אונ מען וועט געוויס ניט רוהען ביז מען וועט קומען אויף דעם וואהרען מאטיף (בעווענגרונד) פון דיזער פלעצליכען אויסוואנדערונג.

„יא מיין ליבער אראן" האט זיא זיך אבגערופען צוא איהם. עס איז צוואר וויא דוא זאגסט דאס צוא פערהייראטהען זיך אינסגעהיים איז פיל שווערער אלס איינע געהיימע פערפיהרונג, דאך זייא וויסען דאס אום צוא רעטען עהרע אונד לעבען, איז קיינע קאסטען אונ קיינע מיהע צו טהייער. דיא געשיכטע דארף קאסטען קוים צווייהונדערט טאלער אונ איינינע טעג צייט. אונ איינע גוטע געלעגענהייט דערצוא ביטעט זיך אונז אן פון זעלבסט. דוא פארסט דאך אלע פערשענא וועגען געשעפטזאכען נאך הארלעם אונ מיר שטייט פאר איינע איינלאדונג אויף איינער האכצייט צוא איינער נאהענטע פערוואנדטע (קרובה) וואס וואוינט אין אלקמאאר אונ וואס דיא האכצייט וועט ווערען געפייערט דעם פינפטען. ארויספאהרען אבער פון צוא הויז וועל איך דעם צווייטען, אלזוי זאלסט דוא, וואס דוא וועסט ארוים פון היר

מיט א טאג פריהער, דאס הייסט דעם ערסטען, זאלסט דוא מיך ערווארטען אויף דער דריטען סטאציע פון דאנען, דען ביז אהין איז נאך אלץ איין וועג פיר אונזערע ביידע ערטער. דוא זאלסט מיך דארט ערווארטען אום צוא פארען צוזאמען מיט דיר נאך דער שטעטיל זעלפט וואס איז זעקס מייל לינקס פון דעם פאצטאווען טראקט. דען דארט איז דיא כלי קדש וואס מאכען קיינע אומשטענדע (מניעות) ניט ביא איינער האכצייט אונ ניט ביא איינער שיידונג, צוואר ניט אומזאנסט, זיא טוען עס נור פיר גוטעס געלד, דאך זייען זיא עס ווערט, אונ זיא האבען גוטע טאגע, דען אלע געהיימע האכצייטען ווערען נור דארט געמאכט, אלע געהיימע גטין ווערען נור דארט געשריבען. אלזוי קיינע בעססערע געלעגענהייט צוא פערהייראטהען אונז אינם געהיים וויא נור דארט. מיר קענען דארט פייערן אונזער האכצייט גאנץ אינם געהיים ביא דעם דארטיגען ראבינער אין שטוב, אונ וויא איך פערמוטהע (בין משער) אנהייבען אונ ענדיגען אין איינער נאכט. —

אונ ווייטער וואס אנבעטרעפט צוא דער אויסוואנדערונג, מיין איך נאך גוואדעלופא וואס דארט וואוינט דער איזאק ספאלענטא, דער זון פון מיינעם פאטערס ברודער וואס ער איז דארט איין גרויסער פערמער (גוטסבעזיטצער), אונ וואס מיין פאטער האט עס שוין לאנג געוואונשען אונ ווינשט עס נאך איצונד אויך, דען ער וויל אויך דארט ווערען איין פערמער, עס ווייסען עס אלע, אלזא וועט מען שוין מעהר קיין אורזאך זוכען ווארום ער האט עס איצונד געטאן.

דיזער פארשלאג איהרער איז איהם העכסט געפעלען דען ער ווארווירקליך זייער גוט ענטווארפען (פלאנירט) אונ דארויף זייער גליקליך אויםגעפיהרט. עס האט נימאנד דער פון געוואוסט אונ עס וואלט נימאנד וויססען דער פון ווען זיא זעלבסט וואלט עס ניט געשריבען צוא איהרע עלטערן נאך בעפאר זיא איז געקומען צוריק. דער בריף ווארגעשריבען מיט טרערען אונ מיט איינער גרויסען וועהמוטה וויא מען קען זיך נור פארשטעלען אונ דערצו נאך העכסט רעזאנאבעל (זייער קלוג) זיא האט אין איהם דעם גאנצען הערגאנג (האד) פון איהרעם פעלטריט (פראסטופאק) בעשריבען, דאס הייסט וויא זיא איז געווארען פערפיהרט נור דורך איינע שלייכענדע (לאנגזאמע) ליבע אבער ניט דורך איינע גאלאפירענדע (האסטיגע) ליבע, דאס הייסט דאס זיא האט גענוג געשטריטען מיט איהרע ליידענשאפטען (תאוה) ביז זיא האט זיך ערגעבען איהרעם געליבטען, אונ דאס פערהייראטהען זיך מיט איהם אן זייער וויססען איז געשעהען שוין פיל מעהר אום איינער קלוגען בערעכענונג אלס אום ליבע, דאס הייסט אום נור ניט צוא פערבלייבען איינע פערוויסטע אונ

(אמער. נעש.)

איינע

איינע אויסגעשלאסענע פון דער מענשליכען געזעלשאפט אויף אימער אונ אייביג, זיא האט זייא עס זייער גוט אוים איינאנדער געזעצט (ערקלערט) נאך פיל בעססער אלס מיר האבען שוין פריהער דאריבער געשריבען אונ האט זייא אויך פארגעשלאגען אין דיזעם בריף דעם פלאן אוים צו וואנדערן וואס צום גיכסטען נאך גוואדעלופא אום איהרע אונ זייערע עהרע וועגען, דען עהרע פערלארען (זאגט איין אלטעס שפריכווארט) איז שוין אלעס פערלארען, אונ וויא זיא קען זייא אונ וויים זייא, וועלען זייא אים פאל פון זייער פערבלייבען היר דיא שאנדע ניט איבער לעבען *).

זיא האט אם ענדע פון דיזעם שרייבען צוא זייא געצייגט איהרע גרויסע רייע (חרטה) וואס זיא האט אויף דיזעם גרויסען פעהלטריט וואס זיא האט געטאן, אונ געבעטען זייא אום פערצייהונג אונ צו גלייך אויך אום זייערע איינווילינגונג (סאגלאסיע) אין זייערע אונערלויבטע פערבינדונג. נאך מעהר, זיא האט זייא געבעטען אויך אום זייער פעטערליכען זעגען (ברכה) דער צו, אונ אום עס זאל עס ניט פארקומען בייא זייא אלס איין אונפערשעמטעס פערלאנגען, האט זיא זייא ציטירט (אויפגעוויזען) פילע בייאשפילע אזעלכע פון תנ"ך אונ דאס גלייכען פון דער היסטאריע (וועלט געשיכטע) וואס דיא עלטערן האבען זיך אויסגעזאהנט (פאמירעט) מיט זייערע קינדער נאך זייער בעגיין אזוי איינען פהלטריט (פאגרעשנאסט) וויא זיא האט בעגאנגען אונ האבען מיט פעטערליכע ליבשאפט איינגעזעגנעט (איינגעבענצט) אונ איינגעהיילינגט זייערע פערשטאהלענע (פערבגבעטע) פערבינדונג, דאס הייסט דיא חתונה זייערע וואס איז געשעהען אן זייער וויססען, אזוי צום בייאשפיל האט זיא ציטירט (אויפגעוויזען) פון דער ביבעל (תנ"ב) דיא געשיכטע פון אמנון מיט דער תמר **) אונ

פון

---

*) צאו וראו כמה גדולה היתה לפנים בישראל החרפה והבושה להאבות מבת שובבה אשר נפתה בסתר לבה ללכת אחרי זרים מאשר יאמרו הז"ל שמה במסכת סנהדרין (דף נ"ב) „תניא היה ר' מאיר אומר מה תלמוד לומר את אביה היא מחללת, שאם היו נוהגין בו קודש נוהגין בו חול כבוד נוהגין בו בזיון אומרים ארור שזו ילד, ארור שזו גידל, ארור שיצאה זו מהלציו. אמר רב אשי כמאן קרינן רשיעא בר רשיעא אפילו לרשיעא בר צדיקא כמאן כהאי תני".

**) עס איז יעדעם פון אונז בעקאנט דיא געשיכטע פון דעם אמנון מיט דער תמר, וואס זיא איז געוועזען זיינע איינע שטיפשוועסטער, דאס ער האט איהר געגאטה-ציכטיגט (מאנס געוועזען) זאנאר אונ בייא אלעם דעם ווען דער אמנון וואלט נור וועלען דערהאלטען איהר פיר

(אמער. געש.)

פון דער וועלט געשיכטע האט זיא זייא אנגעפיהרט דיא געשיכטע פון דעם קארל דעם גראסען *), נאך מעהר האט זיא זייא עס אויפגע-
וויזען

---

איינע פרויא וואלט זיא עס מיט פריידען געטאן וויא עס איז דיזעס ארוים צוא זעהען אויף קלאר פון איהרע רייד וואס זיא האט צוא איהם געזאגט דאן באלד נאך דער שענדליכער געשיכטע מיט דיזע ווערטער: „ווען דוא האסט שוין מיך אזוי וייט בלאמירט, זא לאז מיך שוין פערבלייבען בייא דיר פיר איממער.

*) קארל דער גראסער אדער דער ערסטער וואס וואר קעניג פון פראנקרייך, פון דייטשלאנד, אין דיא צייטען פון דעם אכטען יאהר-הונדערט אונ וואס וואר איין גרויסער העלד, איין גרויסער חכם אונ דערצו נאך מיט גרויסע טוגענדען (מעשים טובים) אונ אזוי אויך איין גרויסער יודענפריינד, האט געהאט איינע טאכטער וואס האט געהייסען עמא, איין העכסט געראטענעס קינד, העכסט שיין, העכסט געבילדעט פיר יענע צייט אונ דאס גלייכען גאטעס פירכטיג, אונ וייל דער פאטער האט איהר געליבט מעהר אלס זיין אייגענעס לעבען האט ער בייא זיך בעשלאסען גיט צוא פערהייראטהען איהר אום זיא זאל ניט זיין אונטער-ווארפען (משועבד) אונטער איינעם מאן, אונ צווייטענס אום זיא זאל ניט זיין אויסגעזעצט (פאדווערגנוטא) צוא דיא געפאהרען (סכנות) פון דער געבורט, אונ איז אזוי געבליבען זיצען איינע אונפערהייראטהעטע ביז איהרען זעקס אונ צוואנציגסטען יאהר. עס ווארען איהם נאך דאן פארגעשלאגען גרויסע פארטהיען (שדוכים) מיט דיא גרעסטע קרוינפרינצען פון גאנץ עאוראפא, אונ ער האט עס ניט געוואלט זעהען אונ ניט הערען, אונ דאס ענדע וואר דער פון דאס ער האט געהאט דיא זעלבע שטראפע פון גאט דער פאר, וואס יעקב אבינו האט געהאט פאר דעם וואס ער האט ניט געוואלט פערהייראטהען זיינע טאכטער דיא דינה מיט זיינעם ברודער עשו (וויא עס זאגען אונזערע חכמים דארט אין מדרש פ' וישלח*) וואס וואר איין בעשניטענער, וואר זיא אלזוי פערפיהרט געווארען דורך אזוי איינעם וואס וואר אונבעשניטען, דורך דעם שכם. אזוי וואר אויך דיזער פאל מיט דעם קארל, דאפיר וואס ער האט ניט געוואלט פערהייראטהען איהר מיט איינעם קרוינפרינץ, וואר זיא אין איהרעם זעקס אונ צוואנציגסטען יאהר פערפיהרט דורך איינען יונגען

---

*) למס מרעהו חסד, מנעת חסד, מן אחיך (עשו), היא נסבית לאיוב שאינו לא גר ולא מהול. לא בקשת להשיאה למהול הרי היא נשאה ללא מהול (לשכם), לא בקשת להשיאה דרך היתר הרי נשאת דרך איסור.

וויזען פון דער תורה'זעלבסט דאס זיא אליין הייסט, דאס דער פער־
פיהרער פון איינעם מיידכען זאל דיא פערפיהרטע הייראטהען וויא מיר
האבען פריהער דאריבער געשריבען.

נאך

מאן וואס האט געהייסען עגינהארד איין מאלערס א זון וואס ווער איין
געהיימשרייבער (סעקרעטאר) ביא איהרעם פאטער*), ער וואר דאן אלט
פינף אונ צוואנציג יאהר, שיין וויא איין יאזעף אוים עגיפטען. דיא
פערמיטלערין דאצו וואר איהרע קאמערפרויא, ער פלעגט איהר צוא
מאכען געכטליכע בעזוכע. נון האט זיך געמאכט דאס מיט דער צייט
איז דער פאטער פון זעלבסט געקומען אויף דיא שפור (סליעד) פון
דיזער געהיימען ליבע דורך איינען זעלטענען צופאל. דען אין איינער
ווינטער נאכט אלס דער עגינהארד וואר ביא דער עמא איז אנגעפאלען
איין גרויסער שניי וואס דיזעם טרעפט דארט זייער זעלטען. אונ אלס
דער עגינהארד האט זיך געפירכטעט צוא גיין פון דארט צוריק אויף
זיינעם קווארטיר אום מען זאל ניט דערקענען זיינע מענליכע שפורען
(סליעדי טריט) אין דעם שניי, האט איהם דיזע עמא וואס וואר איין
דיסטינגעס (געזונטע) מיידכען אריבער געטראגען איבער דעם הויף אויף
איהרע שולטערן (פלייצעס) ביז דורך דעם טויער, ליידער וואר שוין דאן
דער הימעל העל אונ דער פאלמאנד האט דאן אויסגעברייטעט איינע
גרויסע העליגקייט (ליכטיגקייט) איבער דעם גאנצען הויף, אונ גראדע
דאן איז דער פאטער געשטאנען אין פענסטער אונ האט עס צוגעזעהען
צוא זיינעם פערדרוס מיט זיינע איינענע אויגען, ער האט איהר אויף
דיזעם נאכג ניט געשטערט אונ האט געשוויגען דער פון ביז אויף
מארגען אוהר צעהען, אונ דאן האט ער צוזאמען גערופען זיינעם
זינאד (דוהאווני סוד) האט זייא דערציילט דיא געשיכטע אונ האט זייא
געפרעגט וואס קומט זייא דער פאר? דיזע היילינגע ריכטער האבען
דער ביא קיין פעדערלעזען (קיין שיהות) געמאכט אונ האבען אוים־
געשפראכען זייער אורטהייל דאס דעם עגינהארד זאל מען קעפען, אונ
דיא עמא זאל מען אבשערען דיא האר אונ אוועקזעצען פיר איממער
אין איינעם קלויסטער. „גוט“ האט ער זיך דאן אנגערופען צוא זייא,

*) אין יענע צייטען וואר איינע שאנדע דאס איידעללייטע זאלען זיך לערנען שרייבען.
דיזעם האבען געקאנט נור געמיינע בירגערסלייטע, קינדער פון קויפלייטע אונ פון קינסטלער,
דיא קעניגע זעלבסט פלעגען ניט קענען זאגאר זייער חתימה אונטערשרייבען, דען
אנשטאט זיינעם נאמען צוא שרייבען, פלעגט דער קעניג איינטונקען דיא פלאכע פון
זיינער האנד אין איינער שיסעל טינט אונ רער נאך אויפדריקען איהר אונטער דיא
שריפט פון דעם פאפיר. —

(אמער. געש.)

נאך האט קיינע בייזע נאכריכט (בשורה רעה) אזויא שטארק געווירקט אויף איינעם מענשליכען געמיטה וויא דיזע היאבספאסט (בשורת רעה) אויף דיא געמיטהער פון דיזע אונגליקליכע עלטערען, זייא זיינען געווארען געלאהמט (פאראליזירט) אונ בעטייבט אלס ווארען זיא פון איינעם געוואלטיגען דונער געטראפען אונ האבען זיך מעהרערע טאגע אים מינדעסטען ניט געקאנט מעססיגען, דען נאך האט קיין מענש ניט בעקומען אזויא איינע שרעקליכע נאכריכט וויא דיזע וואר איינע נאך פיל שלימערע אלס אלע בשורות צוזאמענגעקומען פון דעם איוב. דען ער האט בעקומען צוא וויסען דאס ער האט קינדער אונ פערמעגען פער־לארען דאך אבער ניט דיא עהרע פערלארען, אונ זייא וואר דורך דיזע שרעקליכע נאכריכט דיזעם אויך בערויבט. דעם איוב וואר נאך פערגעננט (פערגונען) אדער ערלויבט) צוא בעקלאגען זיך איבער זיינעם אונגליק פאר דער גאנצען וועלט אונ צוא ווערען בעדויערט אונ געטרייסט פון גוטע אונ פרומע לייט, אם ווייניגסטען פון גוטע פריינד, אונ איהנען (זייא) וואר עס ליידער ניט. מען האט זיך נאך געמוזט שטיקען מיט דיזער צרה, היטען זיך נאך פאר דיא שטובמענשען אונ מען האט זיך אלזויא געמוזט איין געוואלט אנטאן צוא צייגען איין פריילינעם געזיכט פאר אלעמען, דען עהרע פערלארען אלעס פערלארען אונ דערצוא נאך וועלען זיך שונאים ערפרייען, דען ווער אונטער אונז אידען האט עס ניט איין פאר דוצענד פיינד, וויא מיר האבען אין אונזער הקדמה דערפון געשפראכען. גאנץ גענוג איינען גוטען שם צוא האבען אום דיזעם צוא בעקומען, אונ דיזעם האבען זייא ליידער געהאט, דען זייא זיינען ווירקליך געוועזען בראווע אונ פרומע לייטע אונ עס האט זייא אלזויא ניט געפעהלט אן ניידער מקנאים. ביי טאג האבען זייא זיך געהיט איין ווארט צוא שפרעכען מיט איינאנדער דאריבער, אום פורכט עס זאל ניט איינער פון זייערע הויזלייטע איין עטוואס מערקען דערפון. דען מען איז מיט דיזען לייטען אויך ניט גאנץ זיכער וויא אונזערע חכמים זאגען אויף

---

זייא האבען עס ביידע פערדינט. נון אורטהיילט מיך (משפט מיך) וואס פיר איינע שטראפע קומט מיר דאפיר וואס איך בין געגען דיא געזעצע דער נאטור, דאס איך האב ניט געוואלט פערהייראטהען איהר, איך פערדינע איינע גרויסע שטראפע אונ וועל מיך זעלבסט בעשטראפען אונ ער האט זיך ווירקליך זייער שטריינג בעשטראפט, דיזע שטראפע איז בעשטאנען נור אין דאס ער האט געלאזט זייא ביידען אריינפיהרען אין דיזעם נייסטליכען געריכטסהויז אונ האט געלאזט זייא ביידען פערמאהלען (פערהייראטהען) אונ דער פאטער האט זייא ביידען איינגעזעגנעט (געבלא־גאסלאוועט) אונ ביידע זיינען איהם געבליבען ליב אונ טייער.

(אמער. געש.)

אויף דעם פסוק, „ברצות ד' דרכי איש גם אויביו ישלימו אתו", זה אנשי ביתו", אונ האבען אלזא נור ביי נאכט אין זייער שלאפצימער, וואו זייא וואהרען גאנץ אליין, דאריבער גערעט מיט איינאנדער, לײדער זיך מעהר געצאנקט אלס זיך בעדיינקט אונ בעראטהען מיט איינאנדער דאריבער. „שולד האסט דוא נור אין דעם" האט זיא איהם פארגעווארפען אין מאנכע פרעדיגטען איהרע פון אונטער דעם פארהאנג, וואס דוא האסט מיט איהר קיין שידוך געטאהן ביז אהער. דיר האט זיך געוואלט בעקומען איין חתן פיר איהר נור פון דעם פארטוגיזישען יחוס אונ האסט זיך אזויא פערזאמט מיט איהר ביז אין איהר פיר אונד צוואנציגסטען יאהר אונ דער ווײלע איינגעלאזען גאלדענע שידוכים, איין גרויסעס אונ=רעכט פון דיר מיין מאן, דייטשע יודען זיינען אויך יודען, אלזויא וואר עס נור איין קאפריז פון דיר. איך האב עס דיר פיל מאל אויסגערעדט אונ דוא האסט מיר ניט געפאלגט, איך האב דיר מעהרערע מאל געזאגט דאס מיט איינע טאכטער איז ניט פיל צוא שפיצען אונ ניט פיל צוא קלײבען, מען דארף טאהן מיט דעם ערסטען בעסטען יונגען מאן וואס מען שלאגט פאר, וויא אונזערע חכמים זאגען דאס ווען דיינע טאכטער איז שוין גאנץ אויסגעוואקסען, דאן בעפרייע דיין קנעכט אונ פערהייראטהע איהר. א האטעסט דוא מיר געפאלגט, וואלטען מיר צוא דיזעם אונגליק ניט געקומען.

אונ ער האט פערקעהרט איהר בעשולדיגט אין דעם, זאגענד: דוא אלס מוטער האסט דוא געדארפט השגחה געבען אויף איהר אונ ניט לאזען איהר זיצען מאנכע שטונדען גאנץ אליין מיט דיזעם אראן אין איהרעם שלאפצימער, דען א טאכטער אין שטוב מיט איינעם יונגען מאן צוזאמען הייסט עס א ציג מיט א קעפעל קרויט אין איינעם שטעלכעל אונ וועהע דער מוטער וואס פאסט איהר ניט אויף. אונ אויך אין דעם ביסט דוא נור שולדיג אונ ניט איך, האט זיא איהם געענטפערט, דוא נור האסט דיזען פערפיהרער אריינגעבראכט אין אונזער שטוב. אזוי הייסט עס וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט „וועהע דעם ראבע (קראע) וואס בריינגט אליין פייער אויף זיינעם אייגענען נעסט". *) עס איז שווער איינצוהיטען איינען הויזגנב, נאך שווערער אבער איינען הויזפערפיהרער, דען ליבע איז אימער ליסטיג (חיטרא) אונ זעלבסט איין ארגאס **) איז ניט אים שטאנדע עס איינצוהיטען.

קורץ

*) ווי' לעורבא דאייתי נורא על קיניה (מדרש תולדות ס"ה).

**) איין געוויסער גריכישער קעניג וואס האט געהייסען אינאכאס האט געהאט איינע העכסט שיינע טאכטער, וואס האט געהייסען יא אונ וואס וואר געליבט פון איינעם געוויסען פרינצען וואס האט געהייסען הערמעס

(אמער. געש.)

קורץ געזאגט זייא האבען זיך אלע נאכט (געגריזעט) אונ געפלאגט איבערגעלייענט איהר שרייבען אן זייא איינינגע מאל אין יעדער נאכט מיט עכצען אונ קרעכצען. דערביא דיא אויגען רויט געוויינט אונ געפלוכט איהרען פערפיהרער אונ דיא שטונדע וואס ער איז אריין צוא זייא אין שטוב אונ האבען אזוי צוגעבראכט גאנצע דרייא געכט נאך דער רייהע (נאכאיינאנדער) ניט צוטהוענדיק איין אויג אונ דערצוא נאך אהנע זיך צוא בעשליסען וואס זייא זאלען איהר אבשרייבען אונ ביא וואס זייא זאלען בלייבען, אונ זייא וואלטען פארגעוויס אויסען זינען געווארען ווען זייא וואלטען ניט ארויפגעקומען אויף דעם גליקליכען געדאנקען צוא בעראטהען זיך דאריבער מיט איינעם דריטען, מיט איינעם געוויסען ר׳ דניאל אקאסטא וואס וואר א איד א למדן, א חכם, איין גרויסער וועלטמאן אונ וואר צוגלייך זייער הויזפריינד, איינגעווייהעט (איינגעהייליגט) אין אלע זייערע הייזליכע אונ געשעפטליכע געהיימניסע, אונ פלעגען זיך מיט זיינעם קלוגען ראטה בעהעלפען אין זייערע הייזליכע אונ קויפמאנישע פערלעגענהייטען (קלאפאטען) וויא אמאל דוד אונ אבשלום מיט דעם ראטה פון דעם אחיתפל וואס עס שטייט אויף איהם (אין שמואל ב׳ ט״ז) ועצת אחיתפל אשר יעץ כו׳ כאשר ישאל בדבר האלהים. קורץ געזאגט זייא האבען עס איהם ענטדעקט אונ צוגלייך אום ראטה געבעטען.

„עס טוט מיר צוואר גענוג לייד״ האט ער זיך אבגערופען צוא זייא, דאס איך האב אייך ביז אהער ניט געווארענט (פאסטרעגעט) פאר דיזעם יונגען מאן דען עס איז מיר שוין מעהר אלס איין יאהר ניט געפעלען זיין צוא פערטרויטער אומגאנג מיט אייער טאכטער, אונ האב עס ניט געטאהן נור אום פורכט דאס איהר זאלט אייך ניט געפינען בעליידיגט דורך דיזע ווארנונג מיינע וואס איך וואלט אייך געמאכט. דען עס וואלט עס פערגעוויס אויסגעזעהן ביא אייך אלס האטטע איך געצווייפעלט אין דער קיישהייט (ניעוויגאסט) פון אייערער טאכטער. ביא אלעם דעם טוהט מיר זייער לייד דאס איך האב אייך ניט אויפמערקזאם געמאכט

---

אונ וואס וואר העכסט געהאסט פון איהרעם פאטער, דאהער אום צוא זיין מיט איהר זיכער פון איהם דאס הייסט דאס ער זאל איהר ניט ענטפיהרען פון איהם האט ער איהר פערוואנדעלט אין איינער שיינען קוה אונ האט איהר איבערגעגעבען צוא זיינעם הירטען וואס האט געהייסען ארגאס, אום דאס ער זאל היטען מיט זיינע הונדערט אויגען (דען ער האט אזויא פיל געהאט) פון איהרעם געליבטען אונ דאך האט ער ניט געקאנט איינהיטען, דען דער הערמעס האט איהר ענטפיהרט דורך איינע ליסט (היטראסט) וואס ניט דא איז דער ארט עס צוא בעשרייבען.

(אמער. געש.)

געמאכט דארויף זעלבסט אויף דיא קאסטען (נא סצאט) פון אייער פריינדשאפט צוא מיר (דאס הייסט ווען איך וואלט וויסען צופערליערן אייערע פריינדשאפט צוא מיר) דען איין בראווער מאן געהערט קיינע קאסטען צוא שפארען (קארגען) אום צוא פערהיטען זיינען פריינד פון איינעם מאגליכען אונגליק זעלבסט ווען עס קען איהם דורך דעם קאסטען (דאס הייסט ווען ער קען פערליערען) יענעמס ביזהעריגע פריינדשאפט צוא איהם וויא עס וואלט דער פאל היר געוועזען ווען איך וואלט אייך געווארנט דאס אייער טאכטער זאל ניט האבען אזוי איינען פערטרויטען אומגאנג מיט דעם אראן. דען עס איז מיר פיל פיינליכער צוא זעהען אייך איצונד אין אזוי איינע גרויסע פערלעגענהייט (זאטרודנעניע) אלס איך האטע געזעהען אייך אונפריינדליך צוא מיר פיר מיין פריהעצייטיגעס ווארנען אייך דערפאר, נור גענוג צוא רייען איבער דיא פערגאנגענהייט (וואס שוין געשעהען איז), לאמיר אונז בעסער בעדיינקען וואס אונ וויא מען זאל ווייטער דערבייא האנדעלן.

נאך מיינעם גוטאכטען (לפי דעתי) האט איהר קיין בעססערעס צוא וואהלען (קיין ברירה) וויא נור איינצווויליגען דעם קלוגען ראטה אונ וואונש פון אייערער הולדא, דאס הייסס דאס איהר זאלט איהר ניט שטערען אין איהר אונערלויבטע פערבינדונג מיט דיזעם אראן אונ וואס צום גיכסטען אויסצוואנדערן נאך גוואדעלופא. צוואר וועל איך אין אייך פערליערן דורך דעם גוטע פריינדע, דאך בין איך דער מאן וואס קען אלעס פערשמערצען (פערליידען) צום וואהל איינעם פריינדעם וויא איך האב אייך שוין פריהער געזאגט אונ טהוט עס (ווען עס איז שוין איינמאל זא געשעהען) מיט לוסט, דען עס איז נאך ניט אזוי ארג (שלעכט) וויא איהר מיינט. ערסטענס, וויא דיא וואהרהייט געזאגט, איז דער אראן איין וויכטיגער יונגער מאן, שיין פון אויסזעהען, געזונד, קלוג, א שיינער יודע ספר, האט קויפמענישע בילדונג אונ איז וויא איהר זעלבסט ווייסט פון בראווע עלטערען אונ דערצוא נאך איין גוטער געשעפטסמאן אונ זייא ליבען זיך איינאנדער. דיזע אלע זאכען זיינען דאך וויא מיר וויססען דיא הויפטבעדינגונגען פון איינער פארטיע (שידוך). צווייטענס וועט אייך זיין אייערע איצטיגע אויסוואנדערונג נאך גוואדעלופא וויא גערופען (אודאבנא) דען וויא איהר האט דא ניט לאנג צוא וויסען בעקומען דאס אייער ברודערס זוהן, דער איזאק ספאלענטא וואס איז איין מיליאנער א פערמער אונ דערצוא נאך קינדערלאז (אן קינדער) איז דיא צייטען ניט געזונד, איז אייך שוין פיל נייטיגער צוא זיין דארט אין זיינער נאהע (נאהענט פון איהם) אלס היר. ערסטענס ער זאל האבען בייא זיך איינען טרייען פערוואלטער (פיהרער) אונ אויפפאסער אין זיינער קאלאניע אונ דערצוא וועט זיין דער אראן גאנץ געוואקסען (ספאסאבנע). דען ער איז איין

קראפטיגער יונגער מאן, אונ צווייטענס וועט איהר מיט אייער פאמיליע זיין אין זיינער נאהע (לעבען איהם), דאן קען אייער טאכטער פיל געוויסער רעכענען אונ צוגלייך אויספיהרען צוא ווערען זיינע איינציגע ערבין (יורשטע), זאנסט קען אזוי איינער וויא דיזער איזאק איז, דאס הייסט וואס ער קען אייער טאכטער נאך גאר ניט אונ איך שוין האלב פער־געססען, קען ער איך ביידען גאנץ פערגעססען אונ פארביא גיין אין זיינעם טעסטאמענט (צוואה). גיין איהר מוזט אייך וואס צום גיכסטען בעאיילען דארט צוא זיין, אונ בפרט איהר האט דאך לוסט געהאט שוין פון לאנג אן אויסצוואנדערען נאך אמעריקא, קורץ געזאגט, נאך מיינעם גוטאכטען (לפי דעתי) איז אייך דיזע זאכע צוא האנד געקומען ניט דורך א בלויזען צופאל (מקרה). גיין איך קוק אין דעם איין איינע געטליכע פינגערצייגונג אום איהר זאלט דורכאוים אויסוואנדערען נאך אמעריקא צוא אייערעם וואהל, אלזוי מיינע פריינדע טהוט דיזען שריט מיט פריידען אונ קימערט אייך שוין ניט מעהר וועגען דעם אים מינדעסטען, דיא וועגען נאטעס זיינען אלע אונערפארשליך, אונ דאס זאגען אינזערע חכמים מיט דיזען ווארטען אויף דעם פסוק, וגם הוא חכם ויבא רע, דאס זעלבסט יעדע רעה וואס דער בורא טוהט איז מיט גרויס חכמה, דען עס איז ניט דא אין דער וועלט איינע רעה מוחלטת, דאס הייסט איינע דורכאויסיגע רעה, גיין, יעדע רעה האט אונ פיהרט אויך צוא וואס גוטעס אונ זייער אפט נאך צום גרעססטען גליק וויא דער יוסף האט געזאגט, „אתם חשבתם לרעה וד׳ חשבה לטובה" איהר האט געמיינט מיר שלעכטעס צוא טאהן, גאט אבער האט וואס גליקליכעס דערביא געמיינט. קורץ געזאגט, ערפיללעט דען וואונש פון אייער טאכטערס שרייבען אונ רייכט זייא ביידען אייערע פעטערליכע אונ מוטערליכע הענדע, אונ ערטהיילט זייא צוגלייך אייער זעגען.

דיזער ראטה זיינער האט בעזאנפטיגט (בערוהיגט) זייערע געמיטהער וויא איין לינדערענדעס איל דיא בעוועגטע וועללען פון מעער*), זייא האבען איהם געדאנקט פיר זיין עצה טובה אונ האבען איהר צוגלייך בעפאלגט. דען זייא האבען באלד געשריבען צוא איהר (צוא דער טאכטער הולדא) איינען פריינדליכען בריף. צוואר וואר ער גענוג געשפיקט (אנגעשטעקט) אונ אויסגעפיללט אין פילע שטעללען מיט וועהע מוטהיגע אונ הערצ־ריהרענדע פארוויריפע (אופרעקי. וויגאוואריי) דאך וואר עס געשריבען אין איינעם העכסט זאנפטען טאן דאס עס וואר זייא זייער לייכט צוא

פערשמערצען

---

*) עס וואר פארצייטען געגלויבט דאס מען קען בערוהיגען דיא שטירמישע וועלען מיט דעם בעגיססען זייא מיט איניגע טונען איל, דען דאן שלומערן זייא אין אונ דאס מעער ווערט גלאט וויא איין שפיגעל.

(אמער. געש׳)

פערשמער צען (צופערליידען). עס וואר זיא אונ איהם אלעס פערציהעט.
דערצוא נאך געביליגט (פאטווערדעט) זייער הייראטה אונ אויך אייגע-
זעגנעט (געבענצט) אונ צוריקגערופען זיא צוא זיך אום צוא פערבייזען
מיט זיא באלד נאך זייער קומען צוא זיא, לויט זייער וואונש, נאך
גוואדעלופע. —

זיא זיינען געקומען צוריק צוא דיא עלטערען אונ ווארען אויפגע-
נומען פון זיא צוואר מיט פריידען דאך אבער ניט בעססער וויא עס
ווערען אויפגענומען גנבים פון דיא בעגנבעטע ביא זייער אבריינגען
זיא צוריק דיא גנבה ניט אין גאנצען אונ דערצוא נאך איינגעשמוצט.
מען געהמט זיא צוואר אן פאר גוטע געסט, מען טראקטירט זיא,
מען פרייט זיך מיט זיא זאגאר דאך וואלט מען פיל מעהר צופרידענער
געווען, ווען מען צוא דיזער פריידע גאר ניט געקומען.
אין פערלויף איינעס מאנאטס האבען זיא אויסגעוואנדערט פון
אמסטערדאם נאך גוואדעלופא. גאנצע פיר מאנאטע האט דיזע רייזע
גערויערט (דען עס וואר נאך דאן קיינע דאמפפשיפען) אלזויא איינע
גרויסע גראמע צייט צוא בעשפרעכען זיך מיט איינאנדער אין קאלטעם
בלוט איבער דיא געמיינע (פאדלע) פערראנלאסונג (פריצינא, פאוואד) פון
דיזער אזויא שווערען אונ געפעהרליכען רייזע אונ בפרט זיא האבען פילעם
געליטען פון שטורעם אונ דער זעעקראנקהייט. אלזויא וואר שוין ניט
געווען צוא פערדיינקען דיא עלטערן דאס זיא האבען מאנכע מאל וואס
אויסגערעט אונ פארגעווארפען זיא דאס דיזעס אלעס האבען זיא נור זיא
צוא פערדאנקען. דאך דיזע יונגע פארפאלק האבען פערשטאנען צוא ער-
דולדען גאנץ רוהיג דיזע שטירמישע ווארטע זייערע וויא דיא שטורעמס
פון מעער, אונ זיינען געקומען לשלום אונ צוא געהעריגער צייט, גאנץ
מונטער, פריש, לעבענדיג אונ דערצוא נאך גאנץ איניג אונטעראיינאנדער
נאך גוואדעלופא אונ ווארען דארט אויפגענומען מיט פרידען פון דעם
איזאק ספאלענטא.

## 8.

## איין עטוואס פון זייער לעבענסלויף (לעבענסגעשיכטע) דארט אין גוואדעלופא.

זיא האבען דערווישט דעם איזאק ספאלענטא אונ דעסגלייכען זיינע
פרויא איידעקסע (עכסה) שוין ניט מעהר יונג אונ דערצוא נאך ביידען
קריינקליך, קינדערלאז (בעזדעטניקעס) אלזויא קיין וואונדער דאס זיא ווארען
ביידע דאן גאנץ פערשטימט (סמיטנע) טראטץ (פראטיוו) זייער גרויסען
(אמער. געש.)
פערמעגען

פערמעגען אונ זייער לוקסעריאזען (העכסט ווינאדנעם) לעבען. דען איין גרויסער רייכטהום אונ דערצוא נאך זאגאר אלע וועלטליכע אדער מאטריעלע פערגעניגען זיינען אין איינער פאלקאמענען געזונדהייט אונ אין קינדער אונ דערצוא נאך, בעהיטע אונז גאט, אין איינעם ריינעם געוויסען, נור איין נול אין א ציפער, איין מעססער אין א שטיל וואס עס פעהלט איהם איין קלינג, אונ ליידער האט זייא ביידען דיזע דריטע אויך ניט געפעהלט, דען זייא האבען געהאט וואס אויף זייער געוויססען (סאויעסט) וואס האט זייא פיל צוא שאפען געגעבען (בעזפאקאיעט). דען וויא אויך זייא ווארען שוין ניט מעהר אזוי פרום וויא פאר דעם ר' הושיעס לעבען, בייא אלעם דעם ווארען זייא נאך ניט אזויא ווייט אירעליגיאז (אן רעליגיאן) אונ ניט אזויא ווייט דעמאראליזירט (אן סאוויעסט) דאס זייא זאלען ניט האבען קיינע געוויססענסביסע אוגריזעניע (סאויעסטי) אויף זייערע שווערע זינדע וואס זייא האבען ביידע בעגאנגען, יעדער פון זייא ביידען בעזונדער אויף זיין אייגענער רעכענונג אהנע דעם וויססען פון דעם צווייטען אונ ביידע פון איינעם קאליבער (נאטונג). פיר יעצט אבער (דערווייל) וועלען מיר דיזעם מיט איינעם שווייגען פאראיבערגיין אום פון וואס נייטיגערעס צוא שפרעכען, דאס הייסט פון זייער ארט לעבען דארט אין גוואדעלופא, דען אזויא פערלאנגט (טרעבעוועט) דער לויף (חאד) פון דיזער ערצעהלונג אונ דאסגלייכען פון אלע אנדערע ערציילונגען דאס דיא פאקטען (דיעלעם) וואס קומען פאר אין זייא, מוזען אין זייא פארקומען אין געהעריגער ארדענונג, דער וואס איז געשעהען פריהער אדער וואס עס איז נייטיגער פאר דעם לעזער אום צוא וויסען פון איהם פריהער, מוז ער בעשרייבען ווערען פריהער אונ דער שפעטערע שפעטער, אלזויא לויט (וועדליג) דעם צוזאמענהאנג (סוויאז) פון אונזער ערציילונג, מוזען מיר פריהער שרייבען פון דעם אבראמס לעבענסלויף דארט אין גוואדעלופא אונ פון דער דאפעלזינדע זייערע ביידענס וואס זייא ווארען געפלאגט דאריבער מיט גרויסע געוויססענסביסע (אוגריזעניע סאוויעסטי) וועלען מיר שפרעכען שפעטער וואו עס וועט אונז אם נייטיגסטען אונ אם פאססענדסטען זיין.

דער אבראם מיט זיינער פאמיליע ווארען אויפגענומען פון דעם איזאק אונ פון דער איידעקסע (עכסה) מיט פריידען אונ מיט אפענע ארעמס, דען זייא זיינען צוגעקומען צוא איינער העכסט געלעגענע (פאססענדע) צייט אונ וויא גערופען, ווייל עס האט זייא (דעם איזאק אונ זיינער פרויא) דאן שוין געפעהלט אן איינעם אייגענען קרייז (קרוזאק) דאס הייסט אן איין פאמיליענצירקעל וואס זאל זיך אינטערעסירען אום זייער וואהל אונד וועה, דאס הייסט וואס זאל נעהמען איינען ווארעמען אנטהייל אן אלע צופעלע וואס וועט זיך זייא מאכען אים לעבען, דאס הייסט אן אלע זייערע פריידען אונ ליידען. דען צייט זייא זיינען ארונטערגעקומען

פון

פון זייער געזונט אונ האבען אלזויא צוא ליב דעם אויפגעהערט צוא לעבען אין זויז אונד ברויז (אין הוק אונ שטוק) דאס הייסט אויפגעהארט צוא מאכען בייא זיך בעלער, מוזיקאלישע אבענדע, אונ דאסגלייכען אויפגעהערט אנצונעהמען איינלאדונגען צוא אנדערע, אונ צוא גיין אויף מאסקאראדען אונ אויף קאסינעס, אונ האבען אנגעהויבען צוא פיהרען איין שטילעס אונ איין העכסט רוהיגעס לעבען, צוא היטען דיעט, זיך לייגען בעצייטען אונ אויפשטיין פריה אונ לעבען וויא פאדנאזאראם פון זייער הויזארצט אונ נאך דיא פארשריפטען פון דער מעדיצין, זייא ווארען אלזוא אויסגעמידען גאנץ אונד גאר פון אלע זייערע ביסהעריגע פלייסיגע בע-זוכער וואס פלעגען זיך דאן אימער גיטליך טהון בייא זייער טיש וואס וואר אימער בעזעצט מיט דיא בעסטע שפייזען אונ בעסטע געטראנקען אונ וואס האבען קיין מאל ניט אויסגעלאזען קיינע איינלאדונג אדער איינע געלעגענהייט זאגאר צוא זיין פון דיא ערשטע אנטהיילנעהמער אן יעדען פריידענמאהל.

זייא האבען זייא אויסגעמידען בייא זייער וויסען דאס דער ווין האט זיך אויפגעהערט שוין דארטען צוא גיסען אונ דאס אויף דארטיגע טישען איז שוין מעהר ניט דא איין גוטער ביסען, זייא האבען זייא גאנץ אונד גאר אויסגעמידען אונ מיט דער צייט גאנץ פערגעסען דאס זייא (דער איזאק אונ זיינע פרויא) האבען זיך געפיהלט גאנץ עלענד אונ פערלאזען אונ האבען זיך אלזויא געוועהנט (געביינקט) נאך אייגענע בלוט (קרובים) וואס זייא זאלען זייא אימער בייא דער זייטע בלייבען אלס טרייע וואכטער פון זייער געזונדהייט, פון זייער פערמעגען אונ וואס זאלען זייא זייער לאנגווייליע (סקוקא) קירצען אונ דאס געשפראך מיט טראסט ווארטע ווירצען. דען בייא דיא דארטיגע איינוואהנער, וואס ווארען דאן נור איין צוזאמענגעלאפענעס געזינדעל (סוואלאטש), וואר עס אויף קיין פאל צוא בעקומען, נון ווארען זייא פאלער פריידע, דאס דער אבראם, זיין פאטערס ברודער, איין גאטעספירכטיגער מאן אונ פון איינעם העכסט איידעלען כאראקטער, איז עבען מיט זיינער פאמיליע געקומען אהער צוא פערבלייבען דאהיר פיר אימער. עס איז דיזעס, האט זיך דאן דער איזאק אבגערופען צוא זיינער פרויא, פיל מעהר אלס איין בלויזער צופאל דאס דיזע לייטע זיינען צוא אונז געקומען אין דיזער טריבען צייט. ניין, עס איז דיזעס איינע דירעקטע (פראמאיא) גאטטליכע שיקונג אום צוא געבען אונזערעם לעבען איינען בעסערען געהאלט (ווערטה), דען איך וועל האבען אין דיזעם פעטער מיינעם, איינען וואהרען גוטען פריינד, איינען גוטען ראטהגעבער, איינען צווייטען פאטער, אונ אין זיינעם איידים איינען גוטען אויבערפערוואלטער אונ איינען גוטען זאשציטניק (אדוואקאט) אין מיינע פראצעסען (משפטים), דען ער שיינט מיר צוא זיין

(אמער. געש.)

איין

איין טיכטיגער יונגער מענש וואס פערשטייט זיך אויף געשעפטען (זנאיעט דיעלא), שפריכט גוט איינגעלש, האלענדיש, פראנצייזיש, עס איז מיר גענוג דאס ער געפעלט מיינעם פעטער. אונ ווען ער וואר העכסט צופרידען מיט זיינער פראוולעניע איבער זיין שלייפארגע דארט אין אמסטערדאם, וועל איך פערגעוויס זיין צופרידען מיט זיינער אויבערפראוויטעלסטווע איבער אונזערע ביידע פערמעס. דען ביא מיינעם יעצטיגען, אונגעזונדען צושטאנד דאס איך זעלבסט אונ דאסגלייכען דוא מוזען אונז אימער פערהאלטען צוא הויז איז אונז דער הוגא אליין, דער ביזהעריגע פעדוואלטער אונזערער, שוין ניט גענוג אום צוא פערלאזען זיך אויף איהם אליין, דען ער איז נאך צוא יונג אום צוא אופראווליאען אליין אונזערע ביידע פערמעס, איך האב צוואר ניט וואס צוא ריידען אויף איהם, ער איז איין געשיקטער יונגע אונ איינע עהרליכע הויט, אונ וועט מיט דער צייט ווערען איין גרויסער פערוואלטער, דערווייל אבער איז ער צוא קנאפ צוא אופראווליאען אהנע מיך מיט דיא ביידע פערמען, אלזויא קומט ביא מיר אויס דאס איך זאל דעם אראן מאכען פיר איינען אויבערפערוואלטער וואס זאל זיטצען אין אונזער גרויסע קאלאניע אונ דער הוגא, וואס וועט שטיין אונטער זיינער פראוולעניע, זאל זיטצען אין אונזער קליינע קאלאניע (דאס הייסט אין יענע וואס ער האט געערבט פון זיינעם פאטער), דאסגלייכען וועסט דוא האבען איינע גוטע מוטטער אין אונזער מומען, איינע גרויסע ווירטהין, אונ אין דער הולדא וועסט דוא האבען איינע גוטע געזעלשאפטערין. אלזויא האבען מיר שוין גענוג אורזאך אום צוא זיין העכסט צופרידען מיט זייער קומען אהער, דען יעדער פון זייא איז אונז אין אונזערער יעצטיגען לאגע גאנץ אונענטבעהרליך (ניעאבהאדימא).

„אין דערזעלבען מיינונג בין איך אויך" האט זיך דיא עכסה אבגערופען צוא איהם, אם מעהרסטען אבער פרייט מיך דיא הולדא, דען עס איז איינע לוסט אנצוזעהען איהר. נאך מעהר אום אונטערצוהאלטען זיך מיט איהר אונ זיא וועט מיר נאך מעהר פריידע פערשאפען אלס זיא וועט ווערען ערפרייט מיט איינעם קינדע, דען דאן, וועל איך שוין געניסען אם וועניגסטען איין עטוואס פון מוטטערליכע ליבע צוא איינעם קינדע, ניט ווייניגער וויא אמאל דיא נעמי האט עס גענאסען פון איהר צערטעלן (פיעשצען) דעם קליינעם עובד וואס וואר דאס קינד פון איהר געוועזענע שנור, איך מיין עס דיא רות, אונ מיט נאך מעהר רעכט, דען הולדאס קינד וועט דאך מיר פיל מעהר אנגעהערען אלס דער עובד דער נעמי, דען ער וואר דאך ווילדפרעמד, דיעזעם קינד אבער וואס דיא הולדא וועט האבען, וועט דאך זיין איין פאמיליאנט אונזערער.

דעם ערסטען מאנאט האט אבראם מיט זיינער פאמיליע, פערליבט אין

דֶער וואוינונג פוּן דֶעם איזאק אַלְס גַאסְט, הֶעכְסְט גֶעזֶעלִיג (דְרוּזֶעסְקִי) הָאבֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מִיטְגֶעטְהֵיילְט (דֶערְצֵיילְט) פִּילֶע סְצֶענֶען פוּן זֵייעֶרֶעם בֶּיזָהֶערִיגֶען לֶעבֶּענְסְלוֹיף אונ דִיזֶעס הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעווִירְקְט אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיידֶענְס (איזאקס אונ איידעקסעס) גֶעמִיטְהֶער, דֶען דִיזֶע גֶעזֶעלִיגֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְג הָאט זֵייא בֵּיידֶען צֶערְשְׁטְרֵייט אונ זֵייעֶר גוּט עֶרְהֵייטֶערְט, אונ דִיזֶעס הָאט אַזוֹיא גוּט גֶעווִירְקְט אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיידֶענְס גֶעזוּנְט, דָאס זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גֶעווָאלְט אַוועקלָאזֶען פוּן זִיךְ דִיא גַאסְטְלִיכֶע פַאמִילְיֶע פִיר אִימֶער אונ הָאבֶּען עֶס זֵייא אָנְגֶעמוּטְהֶה, נוּר דֶער אברהם וָואס וַואר אֵיין וֶועלְט קְלוּגֶער מַאן אונ דֶערצוּא נָאךְ אֵיין אֵידֶעלְמַאן, הָאט עֶס אוֹיס־גֶעשְׁלָאגֶען (נִיט גֶעווָאלְט). „גֵיין, מֵיין לִיבֶּער זָאהן“ הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען צוּא אִיהם, נִיט דָאס אִיז מֵיין קוּמֶען אַהֶער דָאס אִיךְ מִיט מֵיינֶער פַאמִילְיֶע זָאלֶען עֶססֶען בֵּייא דִיר גְנַאדֶען־בְּרוֹיט, דֶען אִיךְ בִּין נָאךְ גָאט זֵייא דַאנְק נִיט אַזוֹיא אָרֶעם דָאס אִיךְ זָאל מַאכֶען אֵיין גֶעבְּרוֹיךְ דֶערפוּן. אִיךְ הָאבּ מֵיין אֵיינֶענְס מֶעהר אַלְס צְוֵייא מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד פְרַאנְק אִין בַּאר מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט, אִיךְ בִּין הִיר גֶעקוּמֶען אוּם נוּר צוּא קוֹיפֶען אֵיינֶע פֶערְמֶע (קָאלָאנְיֶע) אוּם צוּא פֶערְלֶעבֶּען מֵיינֶע לֶעצְטֶען טָאגֶע אַלְס פֶערְמֶער. דֶען עֶס שְׁטֵייט זֵייעֶר נִיט גוּט מִיט דִיא גֶעשֶׁעפְטֶען אִין עאוראפא, בִּפְרַט נָאךְ אִין האלאנד, וָואס הָאט זִיךְ פֶערְוִויקֶעלְט אִיצוּנְד אִין אֵיינֶעם שְׁוֶוערֶען קְרִיג מִיט פראנקרייךְ, וָואס אַלֶע האלענדישע שִׁיפֶען זַיינֶען נִיט זִיכֶער אוֹיף אַלֶע מֶעעֶרֶען. עֶס זַיינֶען שׁוֹין מֶעהרֶערֶע קוֹיפְמַאנִישֶׁע שִׁיפֶען גֶעוָוארֶען קָאנְפִיסְקִירְט דוּרְךְ דִיא פראנצוזישע קְרִיגְסְשִׁיפֶען וָואס לוֹיעֶרֶען זֵייא אוֹיף אוֹיף אַלֶע גֶעוָועסֶערְן, דֶערְצוּא נָאךְ הָאט מִיךְ מֵיין אֵיידִים דֶערצוּא צוּגֶערֶעט. דֶען צֵייט עֶר הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּא לֶעזֶען אִין דִיא צֵייטוּנְג וִויא גוּט עֶס שְׁטֵייט מִיט דִיא פֶערְמֶער (קָאלָאנִיסְטֶען) אִין גוואדעלופא, הָאט אִיהם דִיזֶע אַרְט לֶעבֶּען אַזוֹיא וִויא פֶערְשְׁטֶעקְט דָאס עֶר הָאט בֵּייא זִיךְ בֶּע־שְׁלָאסֶען נִיט אַנְדֶערְס וִויא צוּא וֶוערֶען אֵיין פֶערְמֶער אִין גוואדעלופא אונ הָאט אִין מִיךְ גֶעדְרוּנְגֶען דָאס מִיר זָאלֶען אוֹיסְוַואנְדֶערֶען נָאךְ גוואדעלופא. אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעפָאלְגְט נוּר דָאס מוּז אִיךְ דִיר גֶעשְׁטֶעהֶען (מוֹדֶה זַיין) דָאס וֶוען דוּא וָואלְסְט דָא נִיט גֶעוואוינְט וָואלְט אִיךְ דִיזֶען שְׁרִיט גֶעווִיס נִיט גֶעטָאהן, עֶרְסְטֶענְס וַוייל דוּא בִּיסְט מִיר לִיבּ וִויא אֵיין אֵיינֶענֶער זוּהן, אַלְזוֹיא וִויל אִיךְ פֶערְלֶעבֶּען מֵיינֶע לֶעצְטֶע יָאהרֶען אִין דַיינֶער נָאהֶע, אונ צְווֵייטֶענְס דָאס מֵיין אֵיידִים וֶועט הָאבֶּען אֵיינֶען גוּטֶען אוּנְטֶערְוַוייזֶער (לֶעהרֶער) אִין דִיר בֵּייא דֶער פֶערְמֶערַייא. דֶען עֶר אִיז נָאךְ אֵיין פְּרִיץ אִין דֶעם.

הֶערֶען זִיא לִיבֶּער פֶעטֶער, הָאט זִיךְ דֶער איזאק אָבְּגֶערוּפֶען צוּ אִיהם. וָוען אַייעֶר קוּמֶען אַהֶער וַואר נוּר אוּם אֵיין פֶערְמֶער צוּ וֶוערֶען, הָאט אִיהר דִיזֶען שְׁרִיט נִיט גֶעדַארְפְט טָאהן. עֶס אִיז צְוַואר וַואהר דָאס עֶס נִיט אִין

דער

(אמער. געש.)

דער גאנצען וועלט אזוי איין גוטעס געשאפט אלס איין פערמער צוא זיין אין נוואדעלופא, וויא איהר האט פריהער דאריבער געלעזען אונ איצונד זעהט איהר דאס איך לעבע וויא איין פירסט אונ פיליכט נאך בעססער, דען וויא דיא וואהרהייט צו זאגען קען עס קיין מאנגאט אין עאוראפא בעווייזען וואס איך קען בעווייזען (דאקאזען), דען איך האב גענוג גוטע פאבריקען, גענוג הערדען (סטאדעס), הונדערטע סקלאווען אונ דאסגלייכען, ביא אלעם דעם, ראטהע איך אייך אב דערפון, דען אונזער רייכטהום אונ גוטעס לעבען גרינדעט זיך נור אויף דאס רעכט צוא האבען אייגענע סקלאווען. דיזעס רעכט אבער וועט שוין ניט לאנג דויערן, דען עס איז שוין מעהר אלס געוויס דאס אין איינער קורצען צייט, וועט עס פערבאטען ווערען, ניט נור קיינע נייע מעהר צוא קויפען, ניין, זעלבסט דיא וואס מען האט שוין פון לאנג געקויפט, אונ אויך דיא וואס זיינען זאגאר געבארען אין דיא קאלאניען פון דיא פערמער אונ געווארען ערצויגען דארט, וועלען אויך מוזען בעפרייעט ווערען, אונ דאן וועלען דיא קאלאניען אויסזעהען וויא אויסגעברענטע ראקעטען. דען צוא בעארבייטען זייא מיט געדונגענע הענד וועט עס מעהר קאסטען אלס איינברינגען, זעלבסט דאס ריידען (דער סלוח) דאריבער, איבער דיזען פערבאט, האט שוין אויך איינע העכסט שעדליכע ווירקונג געמאכט אויף דיא סקלאווען. זייא ווערען פוילער פון טאג צוא טאג אונ דאסגלייכען אונגעהארזאמער, אין פילע ערטער איז שוין זאגאר געקומען צוא ווילדע אונ בלוטיגע אויסבריכע (דראקעס). פילע צולויפען אונ בילדען געפערליכע שייקעס, דאהער האבען אין דיזע טריבע צייטען פיעל פון דיא פאהרנעהמסטע פערמער וואס ווייסען אויף קלאר דאס דער שקלאווענשטאנד וועט אין דיזע יאהרען געוויס אויפהערען אונ דאס דיזעס וועט נאך פיליכט געשעהען מיט איינער גרויסען בלוטפערגיסונג אים פאל ווען דיא קאלאניסטען וועלען דיזען בעפעהל טראצען (פראטיווען זיך), האבען זייא זייערע קאלאניען פערקויפט מיט צוואנציג פראצענט דארונטער אונ האבען אויסגעוואנדערט נאך עאוראפא. וואס מיך אנבעטריפט (נוגע) זאג איך אייך טראץ דעם (ניט קוקענדיק דארויף) דאס איך וויים אזויא גוט וויא יענע וואס האבען זייערע פערמען פערקויפט אונ אויסגעוואנדערט, דאס דיא שקלאווען וועלען אין קורצען ווערען בעפרייט אונ דאס פיליכט וועט עס געשעהען מיט איינעם גרויסען בלוטבאדע, ביא אלעם דעם פערבלייבע איך ביא מיינע פערמען גאנץ רוהיג אונ אזויא פיר אימער, ווייל איך האב מיך ניט אם מינדעסטען צוא פירכטען פאר קיינע סקלאווען וואס ליבען מיך פיל מעהר אלס איינענע קינדער זייערע רייבע עלטערן, דען דיזע (דיא קינדער) ווינשען דאך דאס דיא עלטערען זאלען קיינע פילע מיסט אנמאכען אויף גאטעס וועלט (דאס הייסט ניט לאנג לעבען) אום זייא זאלען זייא ערבען

(אמער. געש.)

בֶּעצַייטֶען, דִיא סְקְלַאוֶוען מַיינֶע בֶּעטֶען גָאט אוֹים רֵיינֶעם הֶערְצֶען דָאס אִיךְ זָאל הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר לֶעבֶּען וַוייל זַייא וֶוערֶען פוּן מִיר בֶּעהַאנְדֶעלְט גַאנְץ הוּמַאן (פְרַיינְדְלִיךְ), הָאבֶּען בַּייא מִיר גוּטֶע וואוֹינוּנְגֶען, וֶוערֶען גוּט גֶעקְלֵיידֶעט, גוּט גֶעשְׁפֵּייזְט, נִיט גֶעשְׁלָאגֶען אוּנ נִיט גֶעדְרִיקְט, דֶעם שַׁבָּת אוּנ זוּנְטָאג פְרַייא אוּנ אַזויא אִין אַנְדֶערֶע אִידֶעשֶׁע אוּנ קְרִיסְטְ-לִיכֶע פֶעסְטְטַאגֶע (יָמִים טוֹבִים) אוּנ וֶוערֶען בֶּעווִירְטְהֶעט (גֶעפָּאטְשֶׁעוֶעט) פוּן אוּנְז אִין אוּנְזֶערֶע בֵּיידֶענְס גֶעבוּרְטְסְטַאגֶע אוּנ נָאךְ הָאט זִיךְ נִיט גֶע-טְרָאפֶען דָאס עֶס זָאל אֵיינֶער פוּן זַייא וֶוערֶען פוּן מִיר פֶערְקוֹיפְט צוּא אֵיינֶעם אַנְדֶערֶען קָאלָאנִיסְט וִויא אַנְדֶערֶע פֶערְמֶער טוּעֶן דָאס זֵיי שַׁאהֶערֶען מִיט זֵייעֶרֶע סְקְלַאוֶוען וִויא מִיט זֵייעֶרֶע פִיהֶע, פֶערְקוֹיפֶען עֶלְטֶערֶען פוּן קִינְדֶער, קִינְדֶער פוּן עֶלְטֶערְן, וִויא קֶעלְבֶּער פוּן קִיה אוּנ קִיה פוּן קֶעלְבֶּער. אִין מַיינֶע קָאלָאנִיֶען אִיזְט נָאךְ נִיט אַזוֹא גָאר אַיין טְרֶער אוֹיסְגֶעפְּרֶעסְט גֶע-וַוארֶען פוּן מַאנְכֶען סְקְלַאוֶוענְס אוֹיג דֶען נִיט אֵיינֶער פוּן זַייא הָאט צַייט אִיךְ בִּין זֵייעֶר הֶערר גֶעווֵיינְט אוּם אַיין עֶנְטְרִיסֶענֶעם קִינְד אוּנ דָאס גְלֵייכֶען פֶערְקֶעהְרְט קַיין קִינְד אוּם זַיינֶע עֶנְטְרִיסֶענֶע עֶלְטֶערְן אוּנ קֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע אוּם אִיהְרֶען עֶנְטְרִיסֶענֶען גֶעלִיבְּטֶען אוּנ דָאס גְלֵייכֶען אוּמְגֶעקֶעהְרְט. גֶענוּג זַייא הָאבֶּען גֶענוּג אוּרְזַאכֶען אוּם מִיךְ צוּא לִיבֶּען אוּנ נִיט צוּא פִירְכְטֶען קַיין זַאךְ אַזויא וִויא מַיין טוֹיט אוּם דָאס זַייא זָאלֶען נִיט אַרוּנְטֶערְפַאלֶען אוּנְטֶער אֵיינֶעם אַנְדֶערֶען הֶערְרֶען.

נוּא אַלְזוֹיא בִּין אִיךְ זִיכֶער מִיט זַייא פִיר אַלֶע צַייטֶען, עֶס מֶעגֶען אַלֶע סְקְלַאוֶוען בֶּעפְרַייט וֶוערֶען, זַייא וֶועלֶען מִיךְ נִיט פֶערְלַאסֶען, דֶען בֶּעסֶער קֶען זַיא נִיט וֶוערֶען אִין אֵיינֶעם פְרַייֶען צוּאשְׁטַאנְד, אוּנ וֶוער רֶעט שׁוֹין פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטַאנְד (פָּאוּוְסְטַאנְיֶע) גֶעגֶען מִיךְ, קַיין גֶעדַאנְקֶען. אַלְזוֹי מֶעג אִיךְ זִיכֶער (כמיעלא) פֶערְבְּלַייבֶּען אִין מַיינֶע קָאלָאנִיֶען, וָואס זַייא וֶועלֶען מִיר, וִויא אִיךְ הָאפֶע, אִימֶער אַזויא גֶעדַייהֶען וִויא בִּיז אִיצוּנְד, אוּנ נוּר אוֹיס מַיינֶעם גוּטֶען בֶּעהַאנְדְלֶען מַיינֶע סְקְלַאוֶוען, דֶען וָואס עֶס טוּט בַּייא מִיר אָפּ אֵיינֶער פוּן זַייא אַ טָאג דָאס טוּעֶן נִיט זֵייעֶרֶע דְרַייא בַּייא דִיא אַנְדֶערֶע קָאלָאנִיסְטֶען, וָואס דְרִיקֶען אוּנ פְּלָאגֶען זֵייעֶרֶע סְקְלַאוֶוען אָן עֶרְבַּארְמֶען, דָאס זַייא בְּלַייבֶּען אַן קְרֶעפְטֶען אוּנ אָן לֶעבֶּענְסְזֶעפְטֶען, אָן בְּלוּט אוּנ אָן מוּטְה, דַאהֶער אִיז אוֹיךְ קַיין וואוּנְדֶער דָאס מֶעהְרֶער פוּן זַייא צוּשְׁטַארְבֶּען, פֶערְזָארְגֶען, צוּלוֹיפֶען אִין דִיא וֶועלְדֶער אוּנ אִין דִיא פֶעלְדֶער אוּנ וֶוערֶען שַׁאיְקֶעס גַאנְצֶע אוּם אִיבֶּערְצוּפַאלֶען אִיבֶּער זֵייעֶרֶע גֶעוֶועזֶענֶע טִירַאנֶען. עֶנְדֶע דֶערְפוּן מַיין לִיבֶּער פֶעטֶער, לוֹיט (וֶועדְלִיג) דֶער אִיצְטִיגֶען צַייט אִיזְט קַיין גֶעדַאנְקֶען פוּן צוּא קוֹיפֶען הִיר אַיינֶע קַאלָאנְיֶע, אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם וֶוען אִיהר זַייט שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעקוּמֶען, אִיזְט מַיין רַאטְה דָאס אִיהר זָאלְט דָא פֶערְבְּלַייבֶּען. עֶרְשְׁטֶענְס וַוייל אִיךְ וִויל אַייךְ הָאבֶּען אִין מַיינֶער נַאהֶע (בְּלִיזָאסְט), דֶען אִיךְ שָׁאטְצֶע אַייךְ אַלְס אֵיינֶען צְווייטֶען פָאטֶער אוּנ

צווייטענס וועט איהר דא אויך אהנע איינער פערמע פיל בעססער לעבען אלס אין אמסטערדאם, דען איהר וועט דא זיין איין גאנץ קליינער בעל הוצאה, דאס איהר וועט ניט דארפען איינע העלפטע פון אייערע רענטען (פראצענט) פון אייער סומא וואס איהר וועט אוועקלייגען אין דעם היגען פריקאז פערלעבען אויף אייערען הויז בעדארף (הוצאה) דען היר איז אלעס וואלוועל. וואוינען מוזט איהר נור ביא מיר, דען איך האב גענוג הייזער אין מיינער פערמע, דאס גלייכען וועט איהר האבען אומזיסטע בעדינונג, בעהייצונג, בעלייכטונג. וואס אנבעטרעפט אייער איידאם האב איך שוין מיט מיינער פרויא איבער איהם געשפראכען דאס איך וויל איהם פיר איינען אבערפערוואלטער (אופראוולאישצי) מאכען איבער מיינע קאלאניע, ער וועט האבען איין גוטעם געהאלט, קווארטיר, בעדינונג, בעלייכטונג, ארדינאריע אונ איינינע פערד צום פארען אונ צום רייטען. איהר וועט דא, ליבער פעטער, גוטע טאגע פערלעבען, עס וועט אייך דא אונ אייער פרויא אין מיינער נאהע (בליזאסט) אים מינדעסטען ניכטס פעהלען וויא אמאל אונזערן פאטער יעקב לעבען זיינעם זון יוסף אונ נאך בעססער, דען איהר וועט דאך נאך האבען דיא פריידע דאס איהר עסט קיין גענאדענברויט, אויך וועט אייך ניט פעהלען ביא מיר אן איינעם הייליגען שפרעכצימער, וואו צוא בעשפרעכען זיך מיט דעם ליבען גאט, דען איך האב דאך דא אין מיינער פערמע איינע פרעכטיגע שולכעלע מיט א גרויסע אידעשע ביבליאטעק, וואס איז געבליבען פון מיינעם זעליגען פאטער. פאלגט מיך אונ בלייבט אין מיינער נאהע (בליזאסט) עס וועט אייך ניט גערייען (איהר וועט קיין חרטה האבען). נון בעשפרעכט אייך דאריבער מיט אייערעם איידים וועגען דער שטעלע וואס איך וויל איהם געבען. וועט ער וועלין איהר אנגעהמען, זא האפע איך דאס ער וועט העכסט צופריעדען זיין מיט איהר, נוא בין איך שוין צוא ענדע.

נאך איזט נימאנדען אין גאנץ האלאנד אזויא איינע גליקליכע פראפאזיציאן (פארשלאג) געמאכט געווארען וויא דיזע. אלזויא קיין וואונדער דאס דער אבראם האט עס וויליג אנגענומען, אונ אזויא אויך דאס גלייכען האט דער אראן מיט פריידען אנגענומען דיא אנגעבאטענע פערוואלטערשטעלע אונ נאך מעהר צופרידען ווארען דערמיט דעם אבראמס פרויא אונ דיא טאכטער דיא הולדא, אונ ניט איינער פון דיא ביידע צדדים האבען געהאט, צייט זייא ווארען צוזאמען געקומען דיא מינדעסטע אורזאכע צוא בערייען (חרטה צוא האבען) אויף דיזען קלוגען שריט (שאג) וואס זייא האבען איצונד געטאן, דען זייא האבען פילע יארען פערלעבט אין דער גרעסטען איינטראכט (סאגלאסיע) מיט איינאנדער, אונ גאט האט געטאן דאס זייניגע דערביא. דען צייט דער אבראם איז אריין אין דער פערמע איז געווארען דער איזאק אונ זיינע פרויא פיל געזינטער אונ מונטערער אונ דיא

פערמע (קאלאניע) ווא געשיצט פון פייערשאדען (שרפות), די סקלאווען פון קראנקהייטען און נאטעס זענען האט זיך געצייגט אין די פעלדער און די הערדען סטאדעס, אין די פאבריקען, און דער אבראם וואר דארט געעהרט און געשעטצט אלס איין היילינער פאטריארך וויא א מאל זיין ברודער יהושע.

## 9.

## איין עטוואס איבער די פערליבטע פאר פאלק אונזערע און איבער זייער נייגעבארענעם קינד וואס וואר די פרוכט פון זייער געהיימע און פערבאטענע ליבע.

נון קעהרען מיר אינז איצונד אום צוריק צוא אונזערע הויפטערציילונג דאס הייסט צוא אונזער פערליבטע פאר פאלק, וואס זיינען די העלדען פון אונזער ערציילונג. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט דאס ניט דער איזאק און ניט די איידעקסע, די פרויא זיינע, האבען איין עטוואס געוואוסט פון אלעם דעם וואס מיר ווייסען וואס עס האט פאסירט מיט דער הולדא און מיט דעם אראן דארט אין אמסטערדאם, זייא האבען געמיינט דאס זייא האבען זיך פערהייראטהעט אויף דעם געוואוינליכען וועג און עס איזט אלזויא פערבליבען איין געהיימנים פיר זייא צייט זייא האבען געלעבט. די הולדא וואר בייא איהר אנקומען אין גוואדעלופא אין דעם זיבענטען מאנאט, און וויל זיא האט געהאט איינע שווערע טראגען האט זיא געמוזט היטען איהר צימער (דאס הייסט פערבלייבען צוא הויזע) אויף דעם אנראטהען פון דעם איזאקס הויז ארצט ביז איהר נידערקאמען (געווינען) און האט געבארען איינע טאכטער, שיין וויא פענוס (די געטין דער ליבע) דאס עס וואר איינע לוסט אנצוזעהען איהר זעלבסט אין דעם ערסטען טאג פון איהר געבורט, און נאך האט זיך ניט אזויא גוט בעשטעטינט (מקוים געווארען) שילערס שפרוך, וואס ער זאגט דארט אין זיין טעאטער קאבאלא אונד ליבע וועם דעם טייפעל איין איי אין די ווירטהשאפט געלעגט האט, דעם ווירד איינע היבשע טאכטער געבארען, וויא בייא דער געבורט פון דיזעם מיידכען, דען זיא האט זייער פיל בייגעטראגען (פאמגאעט) צוא דעם רואין (חורבן) פון איהרע עלטערען אלס איינע הימלישע פערגעלטונג פיר זייערע יוגענדזינדע וויא מיר וועלען דא ווייטער דערציילען. און וויא אויך דאס אריינטרעטען פון דיזעם קינדע אין נאטעס וועלט וואר דאך גאנץ אונגעזעצליך וויא מיר ווייסען, בייא אלעם דעם וואר זיא (דיזעם מעדכען) אויפגענומען בייא איהרער געבורט פריינדליך און ליבליך פון דער גאנצען ספאלענטישען פאמיליע וויא עס ווערט אויפגענומען פון דער שצינגלע די איי פון דעם קוקוק אלס

זיא ווערט אביינגעלייגט פון איהר מוטער אין איהרעס געסט*) ניט וויסענד
דאס

---

*) דער קוקוק איזט דערזעלבע פויגעל וואס הייסט ביא אונז קוקאווקע. דיזער פויגעל איזט איין עטוואס קלענער אלס איינע טויבע. ער איזט איין רויב פויגעל וואס האפט אונ עסט קליינע פייגעלאך, צום ביישפיל באראבייציקעס, שצינגלעס. ער לייגט נור פיר אייער אין אנפאנג זומער, דאך ניט אלע פיר נאך איינאנדער, נור יעדע איינע אין אייער בעזונדערען וואכע, אונ דאהער, דאס הייסט אום דיא אייער זאלען ניט פערדארבען ווערען ביז זיא וועט זיך אויף זייא זעצען, לייגט זיא זייא אביין זייער בעהוטזאם אין דיא געסטען פון אנדערע פייגלאך, אום יענע זאלען עס אויס= בריהען אונ גראדע אין דיא געסטען פון דיא קליינע פייגעלאך, יעדעס איי אין איינעם אנדערן נעסט אונ עס איזט ניט אבצוואוואונדערן זיך אום צוא זעהען מיט וואס פאר אפריידע דיזע קליינע פייגעלאך נעמען עס אויף אין זייערע געסטען, פיפצען אונ שפרינגען, זינגען אונ טרילערן דערביא אונ מאכען פלאץ פיר דיזע אביינגעשמיגעלטע (אביינגעפעקעלטע) איי אין זייערע קליינע געסטען, אונ עס איזט דאן קיין ארט ניט דא דארטען, ווארפען זייא ארויס אפאר איינענע אייער אונ זעצען זיך אויף איהר אונ בריהען איהר אויס אונ דאן גענעהרען זייא איהר מיט גרויס מיהע, דען דער נייגעבארענער קוקוק וואס איזט צעהען מאל גרעסער אלס זייערע איינענע נייגעבארענע קינדער, ברויכט צוא האבען נאהרונג (קארמע) צעהען מאל אזויא פיל וויא איינער פון דיא איהריגען אונ אין נויטפאל לאזען זייא גיבער פערשמאכטען אונ פערהונגערן זייערע איינענע קינדער אלס דיעזען פרעמדלינג, אונ אם ענדע, דאס הייסט, ווען דיזער אונגעבעטענע גאסט ווערט שוין אזויא גרויס אויסגעוואקסען דאס זיינע ערציהער זיינען ניט אים שטאנד שוין אויף קיין פאל צוא גענערען, דאן מאכען זייא גרויס לארעם אום צוא מאכען עס בעקאנט אונטער אלע ארומיגע פייגלאך אונ עס ווערט אלזויא געבראכט נעהרונג פון נאהענטען אונ פון ווייטען פון אלע זייטען, אונ גאר אם ענדע אלס דיזער צעגלינג (וואספיטאניק) איזט שוין גענוג מעכטיג צוא פערשאפען זיך אליין נאהרונג, שטילט ער זיינעם ערסטען הונגער דאן מיט דעם פלייש פון זיינע איינענע ערציהער אונ מיט דעם פלייש פון זייערע קינדער. איין בילד (פארשטעלונג) פון אונדאנק (כפוי טובה). ליידער האבען מיר אזעלכע עקזעמפלארען (פערזאנען) אויך אונטער אונז מענשען, זייער אפט טרעפט, דאס מען ערציהט אונדאנקבארע קינדער, איבערהויפט שניר, וואס מען האט אלעס גוטע פיר זייא געטאן אונ זיינען נאכהער מקצר דאס לעבען פון דיא עלטערן אונ פון שווער אונ שוויגער.

(אמער. געש.)

דאס דיא פרוכט פון דיזעם איי, דאס הייסט דער קליינער קוקוק וואס זיא (דיא שציגלע) וועט איהם אויסבריהען וועט איבערפיהרען איהר אונ איהרע איינענע קינדער. דען זיא וואר געצערטעלט (געפיעסצעט) אונ געליבקאזט (געלאשצעט), געהערצט אונ אם הערצען געדריקט דאס מען האט מיט רעכט געקענט לייענען אויף איהר דעם פסוק אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה דאס אזויא איין וועזען (בעשעפעניס) וואס מען האט איהם געוואלט פון דעם האלזע שאפען (דאס הייסט לויז ווערען, פטור ווערען פון איהם) ביא זיינעם ווערען אקארסט געשאפען (אין מוטערלייב) וויא מיר האבען דאריבער שוין פארהער געשריבען, איזט געווארען ביא זיינער געבורט געקוסט אונ געדריקט צום ברוסט. נור אבער אזויא פאסירט עס אימער מיט אלען דעניעניגען וואס ווערען בעשטימט פון דער געטליכען פארזעהונג (השגחה) צוא בעווירקען וואס וויכטיגעס דורך זייא אין דיזעם עולם, הין צום גוטען אונ הין צום שלעכטען (אם לשבט אם לחסד) דאס זייא ווערען אימער וויא דורך איין וואונדער גערעטעט פון אלע זייערע געפאהרען אין וועלכע זייא שוועבען, פון פייער, פון וואסער, פון הונגערסנויט; וויא עס איזט צוא זעהען פון דעם וואס עס האט פאסירט ביא דער געבורט פון משה, דאס ער וואר אין וואסער געווארפען, אברהם אין פייער, ביא דער געבורט פון כורש מלך פרס דאס מען האט איהם באלד נאך זיין געבורט אין איינער וויסטע אויסגעזעצט אום ער זאל ווערען פערהונגערט אונ וואר דארט ערהאלטען ביא דעם לעבען דורך איינע צויג וואס האט איהם אויסגעזויגען אונ דאס גלייכען וואר געשעהען מיט דיא ביידע פרינצען רעמוס אונ רעמולוס*) דען זייא ביידע ווארען אויך גענאהרעט אין זייערער צארטען קינדהייט פון איינער וואלפין אונ אזויא וואר דער פאל מיט נאך פילע היסטארישע פערזאנען**) וואס ווארען בעשטימט פון גאט צו בעלוינען אדער צוא בעשטראפען דורך זייא זיין וועלט, דאס ער האט זייא דורך איין וואונדער ביא דעם לעבען ערהאלטען אום אוים צופיהרען דורך זייא זיין ציל, אונ אזויא וואר אויך דא דיזער פאל מיט דער געבורט פון דיזעם מיידכען, דאס ער האט עס בעשירמעט אין אנפאנג אלס זיא וואר נאך איין פעטוס***) אים מוטערלייב פון איינער אפטרייבונג אונ נאכהער ביא דער געבורט איינגעהיט פון

אונזערע

---

*) מגלת אסתר ג׳. אלא יתום אתה היית עוזר. שני יתומים שנשתיירו לו זה רומוס ורומילוס נתת רשות לה לזאבה להניקו ובסוף עמדו ובני שני צריפין גדולים ברומי׳.

**) דאס זיינען אזעלכע אסאבעס וועלכע עס האבען געשפילט אזויא איינע גרויסע ראלע אין דער וועלט, דאס זייא ווערען בעשריבען אין דער וועלט געשיכטע.

***) איין פעטוס הייסט: די נאך אונצייטיגע ליבעס פרוכט אין דעם מוטערלייב.

(אמער. געש.)

איינער ערוויררונג וואס דיזעס איזט דאס געוואוינליכע לאאז (גורל) פון אלע אונזערע פאבאצנע קינדער, פערגעוויס אום נור אבצורעכענען זיך דורך איהר מיט איהרע עלטערן פיר דיא קריינקונגען וואס זייא האבען צוגעפינט (פעראורזאכט) זייערע עלטערן דורך זייער פעהלטריט (אשיבקא) אונ גראדע אויף אזויא איינע ארט אונד ווייזע (אופן) וויא זייא האבען פערדארבען דאס הייסט דורך איינע פערפיהרונג, דען גאט לוינט אונ שטראפט אימער מדה כנגד מדה אונ אם דייטליכסטען איזט עס צוא מערקען בייא דיא בעשטראפונגען אונ בעלוינונגען אין דיא ענינים פון כבוד אב ואם וייל אונדאנק איזט דיא גרעסטע זינדע*) אונ איהרע שטראפע בלייבט ניט לאנגע אויס, וויא דער פסוק זאגט, משיב רעה תחת טובה לא תמיש רעה מביתו (משלי י״ג) אונ ווער נאך אין דער וועלט עמפפאנגט אזויא פיל גוטעס פון דעם צווייטען אלס איין קינד פון זיינע עלטערן אונ ליידער זיינען גאנץ ווייניג אונטער אונז וואס זאלען זיך צייגען דאנקבאר געגען זייערע עלטערן. פערקעהרט נאך מען בעגעהט זיך מיט זייא נאך פיל שלימער אלס מיט איינעם פרעמדען, ווייהע יענע עלטערן וואס קומען אן אויף דער עלטער צוא דער הילפע פון זייערע קינדער! זייא ווערען דאן בעהאנדעלט פון זייא נאך פיל שלימער אלס זייערע דינסטען אונ בפרט נאך אין יענע הייזער וואו דיא שניר זיינען דיא הויזענטרעגערינען (דאס הייסט דיא אשת חיל, דיא עקרת הבית) דא זיינען שוין דיזע עלענדע ניט זעדנע אויך אין קללות אונ צייטענוייס אויך אין א קלאפ, דען אזעלכע קאנאליעס האבען אפענע מיילער אונ אפענע הענט אונ ווילען דורכאויס דאס זייא זאלען שטארבען פאר דער צייט**) אונ זיינען ניט יוצא מיט דעם וועלען אליין, ניין, זייא זיינען זייא טאקע מקצר דאס לעבען אונ שעמען זיך נאך ניט צוא בעוויינען זייא אלס זייא שטארבען אונ וויינען רויט זייערע אויגען אויך אלס זייא זיינען זייא מזכיר נשמות, אונ עס טרעפט נאך זייער אפט בייא מאנכע שניר אונ פילייכט נאך בייא מאנכע טאכטער, דאס קומענדיג פון שול אחרון של פסח אדער שמיני עצרת

---

*) דער גרעסטער טהייל פון דיא אלע מצות, וואס געפינען זיך אין אונזער תורה זיינען געגרינדעט אויף דער מדה טובה פון דער דאנק=באַרקייט, דען עס ווערט כמעט בייא יעדער מצוה דערמאנט אלץ דער ענין פון יציאת מצרים, דאס הייסט אום מיר זאלען ניט פערגעסען דאס גאט האט אונז ארויסגענומען פון מצרים אונ דאס מיר זיינען געוועזען אמאל גרים אונ ארעמע שלעפער אונ דאס וואס מיר זיינען איצונד לייטענגלייך רייך אונ געזיטעט, האבען מיר עס נור גאט אליין צוא פערדאנקען.

**) איין מעהרערעס איזט דאריבער צוא לעזען אין מיינער געשיכטעל וואס הייסט כבוד אב אונ אין מיינער תחינה פון הזכרות נשמות. עס ווערען נכשל אין דער זינדע פון ניט עהרלאך האלטען עלטערן זעלבסט לומדים.

(אמער. געש.)

עצרת, רואט זיא אום דעם נאך לעבענדען שוועהר אדער שוויגער אדער דעם טאטען אדער דיא מאמען נאך בעפאר זיא האט נאך געטראקנעט דיא טרערין וואס זיא האט אקארסט אויסגעוויינט אין שול ביא דעם מזכיר נשמות־זיין איינעם פערשטארבענען פון זיא ביידען. אזויא ווייט זיינען מיר אין שטאנד אונז זעלבסט צוא בעטריגען. —

נון קעהרען מיר אונז צוריק צו דעם לויף (האד) פון אונזערער ערצייהלונג. דאס געבארענע מיידכען וואר איין ווילקאממענער גאסט אונ וואר גענאנט (מען האט איהר א נאמען געגעבען) דיאנא (פון דינה) אלס איינע פראפעטישע (נביאדיקע) פארבעדייטונג, דאס עס וועט מיט איהר געשעהן וויא מיט יענעם מיידכען נאך וועמען זיא הייסט, איך מיין עס דיא דינה יעקב'ס טאכטער דאס זיא וועט ווערען אויך פערפיהרט דורך איינעם פערפיהרער, יענע דורך שכם אונ דיזע דורך איינעם געוויסען מורבאט וויא מיר וועלען דא באלד דערצייהלען. דערווייליע וואר דיזעס קינד דיא לוסט אונ דיא פריידע פון דיזען ביידען פאמיליען. מעהר פאר אלעמען האט דיזע קליינע אינטערעסירט דער איידעקסע אונ עס וואר איהר דאס ניט צוא פערדיינקען דען זיא וואר דאך איינע קינדערלאזע (איינע עקרה) אונ דיזע ארט פרויען (דיא עקרות) צערטעלן (פיעסצען) אים פאל ווען זיא בעקומען ניט אירגענד וואו איין קינד, אויס נויט, איין פייגעלע אדער אהינטעלע, אונ איזט איהר געוואָרען אלזויא מיט דער צייט ליב אונ טייער אלס איין איינגעס קינד אונ האט אלזויא שוין בעצייטען, דאס הייסט ביא דעם ערסטען געבורטסטאג איהרען, פערשפראכען צוא מאכען איהר פיר דיא ערבין פון איהר פערמעגען וואס בעשטייט אין איינער האלבען פערמע אונ אין איין מיליאן פראנק, דען דיזעס וואר פערשריבען אויף איהר נאמען אונ זיא וואר נאך אין דער מיינונג דאס דער איזאק איהר מאן וועט עס איהר נאכטאן מיט זיינער אנדערן העלפט, דען פאר דער האנד האט ער דאך קיינען נאהענטערען ערבען (יורש) אלס זיינעם פעטערס קינדער. דיזעס פערשפרעכען איהרע וואר דעם אבראם פיל מעהר אלס געווינס אונ האט זיך ניט געקענט גענוג אבוואונדערען איצונד איבער דיא קלוגע רייד פון דעם דניאל אקאסטא וואס ער האט איהם געזאגט אלס ער האט איהם געפרעגט אום איינען ראטה וועגען דעם אומשטאנד וואס ער האט דאן געהאט מיט דער געהיימען פערהייראטהונג פון זיינער טאכטער, דאס עס איזט ניט דא אין דער וועלט איינע רעה מוחלטת (איינע דורכאויסיגע רעה). נייין, יעדעם אומגליק פיהרט אויך צוא וואס גוטעס אונ נאך זייער אפט צום גוטען גליק וויא דער פאל וואר ביא דעם יוסף דאס ער האט געזאגט, אתם חשבתם לרעה וד׳ חשבה לטובה, דען ער האט איצונד שוין געזעהן בחוש דאס עס לאזט זיך אזויא אויס, דען גראדע דאס שוואנגער ווערען פון זיינער טאכטער וואס ער האט עס געהאלטען פיר איין וואהרעס אונגליק, האט עס איהם אונ זיינע פאמיליע געפיהרט צוא

איינעם גרויסען גליק, דען ערסטענס וועלען זיינע קינדער ווערען מיט דער צייט ערבען (יורשים) פון א מיליאנאווען פערמעגען, אונ צווייטענס האט ער דורך דעם בעקומען איינע העכסט גוטע געלעגענהייט אזויא ער אונ אזויא אויך זיינע פרויא צוא פערלעבען זייערע לעצטע יאהרען העכסט גליקזעליג, דאס הייסט אין וואוילשטאנד, אין מנוחה אונ אין כבוד אונ דאס גלייכעו זיינען זיינע קינדער אויך דערווייליע פערזארגט מיט פרנסה בכבוד אן זארג אונ אן באָרג, דען ער האט בעקומען צוואנציג טויזענד פראנק איין יאהרליכעס געהאלט חוץ קוואַרטיר אונ ארדינאריע אונ בעדינונג אונ מען איזט העכסט צופרידען מיט איהם. אזויא האבען זייא דארט פערלעבט גאנצע זיבעצעהן יאהר אין נחת אונ אין דער גרעסטען איינטראכט (שלום אדער אחדות) ער דער אברהם אונ זיינע פרויא. ניט איינע סעקונדע פון דיזע יאהרען וואר זייא געטריבט דורך איינע זארגע אדער קימערנים פון זיך אדער פון זייערע קינדער פון דעם אראן אונ זיינער פרויא, פערקעהרט נאך, זייא האבען נאך דערלעבט צוא האבען נחת פון זייא, דען דיא טאכטער זייערע האט זיך זייער גוט פערטראגען מיט איהרעם מאן אונ דאס גלייכען ער מיט איהר זייער פריינדליך אונ ליבליך, אויך האבען זייא פיל פריידען ערלעבט פון דער ענקעלין, דיא דינה. זיא האט זיך ענטוויקעלט איין העכסט בליהענדעס מיידכען. גוט אויסגעבילדעט אונ גוט ערצויגען דאס זיא וואר וויא צוא זאגען דיא פערלע פון גוואדעלופא, דער שטאלץ פון זייער פאמיליע, דיא פריידע פון איהרע עלטערן אונ דער צייט פערטרייב פון דער עכסה אונ פון איהרעם מאן וואס זייא ביידע האבען איהר אין איהרעם פיערצעהנטען יאהר, וואס זיא איזט דאן געווארען מינדיג (סאווערשענאלעטנע), פערשפראכען הויך אונ טהייער דאס זיא וועט זיין זייערע ביידענס ערבין (יורשטע) אונ דאס גלייכען דאס זייא זיינען אין דער מיינונג צוא טאן מיט איהר איינען גרויסען שדוך גיך אונ באלד, נאך פאר דעם לעבען פון דעם אבראם איהרעם גרויספאטער. אין נאטעס אנאלען (רעכנונגסביכער) אבער וואר גאנץ אנדערס געשריבען, וויא מיר וועלען דא ווייטער ערציילען.

אלזויא מיינע טהייערע לעזער אונ לעזערינען, זיבעצעהן רוהיגע יאהרען אהנע (אן) איינעם מינדעסטען אונטערברעכען (הפסק), האט פילעס צוא זאגען אין איינעם מענשענלעבען, בפרט נאך צוא דער עלטער, וואס מען קען זיך מיט רעכט דאריבער אויסדריקען מיט דיזע ווערטער „לא כל אדם זוכה„ אונ דער צוא נאך אין אזעלכע טריבע צייטען וויא דאן וואר אין גאנץ עאוראפא אונ אין פילע אמעריקאנישע אינזעלן, דען דאן האט שוין אנגעהייבען צוא וואגען (וואלנאוואט) דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע, וואס עס וואר דאן קיין שטאדט אונ קיין ארט געבליבען רוהיג. אויף דער אינזעל סאנקט דאמינגא וואס ליגט ניט ווייט פון גוואדעלופא אונ וואס האט דאן געהערט צוא דיא פראנצויזען וואר אין דיזער צייט איין

(אמער. געש.) גוואלטיגער

גוואלמיגער אויפשטאנד (מרדה) פון דיא סקלאווען אנטקעגען זייערע טיראנישע הערען בייא זייער דערוויסען זיך פון דער פראקלאמאציע (אביאוולעניע) פון פרייהייט אונ גלייכהייט וואס דיא נייע פראנצויזישע רעגיערונג האט דאן געלאזט אנקלעפען אין גאנץ פראנקרייך אן אלע ראגעז פון דיא גאסען, דאס הייסט, דאס עס זאל שוין מעהר ניט זיין אין אלע לענדער וואס געהערען צוא פראנקרייך קיינע לייבאייגענע (פאדאנעס) אונ קיין פריץ, דאס הייסט קיין שלאכציץ, דאס אלע זיינען גלייך איינער דעם אנדערן אהנע אונטערשייד, מען געהערט צוא זיין אונטערטהאן נור דער איינציגען רעגיערונג אונ אזויא ווייטער, צוואר ווארען דאן נאך ניט אזויא דייטליך געזאגט דאס מען מיינט דיא נעגערסקלאווען אויך דארונטער, בייא אלעם דעם וואר דיזע נאכריכט פיר דיא סאנקטדאמינגישע סקלאווען וואס ווארען דארט זעקס מאל אזויא פיל אלס דיא דארטיגע עאוראפייער, וואס האבען מיט זייא געארבייט פיל שווערער אלס מיט פיהע, וואר דיזע נאכריכט פיר זייא וויא ווייהרויך פיר דען טייוועל, זייא האבען אויסגעמארדעט זייערע הערען מיט מיתות משונות אונ דערצוא פערברענט אלע זייערע פלאנטאזען אונ אזעלכע פעלע זינד געשעהן אויף נאך אנדערע פראנצויזישע אמע=ריקאנישע אינזעלן, איין אויסנאם דערפון וואר דאן גוואדעלופא, עס איזט איבערגעגאנגען איבער איהר דיזע אונרוהיגע אונ העכסט געפעהרליכע צייט וויא איינע ווימטע (פוסטע) וואלקע, וואס גייט איבער אן דונער, אן בליץ אונ אן האגעל אונ רעגען, דען דיא דארטיגע רעגירונג פון דער אינזעל גוואדעלופא האט דיזע אונגליקליכע פראקלאמאציע (אבי-יאוולעניע) גאנץ אונד גאר אונטערגעשלאגען (פערטייעט) אונ עס וואר פערבאטען בייא איינער טאדעסשטראפע צוא ריידען איין ווארט דאריבער, אונ דערצוא נאך האט דיא דארטיגע רעגירונג געהאלטען דיא דארטיגע סקלאווען אין צוריק מעהרערע יאהרען נאך דיזער בלוטיגעו געשיכטע ביז זייער בעפרייט ווערען אויף איינעם פרידליכען וועג, וויא עס איזט אייך בעקאנט, מיינע לעזער אונד לעזערינען, וואס האבען פילייכט געלעזען אין דער וועלט געשיכטע דאריבער.

גענוג, גוואדעלופא האט יענע שטירמישע צייט פערשלאפען וויא איצונד איינע שבועות=נאכט, אונ מיטאונטער דיא דארטיגע פערמער, אויך דיא גאנצע ספאלענטישע פאמיליע, דער אבראם מיט דעם איזאק אונ מיט אלען דען איהריגען, דערפאר אבער האט דיזע אינזעל שטארק געליטען פון איינעם אנדערען אונגליק אם ענדע פון דיזען צייטרוים (משך), פון איין אונגליק, בעסער צוא זאגען פון איינער פלאגע וואס עס וואר דורך איהם צערשטערט דאס וואהל (גוטער שטאנד) פון פילע דארטיגע פאמיליען, אם מעהרסטען אבער האט עס רואינירט (חרוב געמאכט) דיא ספאלענטישע פאמיליע. דיזע פלאגע איזט בעשטאנען אין איינער עפידעמיע (פעסט) וואס

וואר פערשלעפט אהין אין דעם צווייא אונ ניינציגסטען יאהר דורך איין אסטאינדישעס שיף, אונ האט דארט גרויסע ליקען (שצערבעס אדער בלויזען) אונטער דעם דארטיגען נאראד געריסען דען עס זיינען אויסגעשטארבען מעהר אלס צעהן פראצענט פון דער דארטיגען בעפעלקערונג אונ אונטער דיזע אפפער (אומגעקומענע) ווארען דרייא גרויסע מיטגליעדער (צלענעס) פון דער ספאלענטישען פאמיליע. דיזע דרייא ווארען קיינע אנדערע אלס דער אבראם דער איזאק אונ זיינע פרויא דיא עכסה אדער דיא איידעקסע. אונ פון דיזער צייט אן האט שוין איינגעטראטען איין גרויסער קריזיס (פערעמיענא) אין דיזער ביזהער זא רוהיגען פאמיליע, דען עס האט אנגעהייבען צוא נעהמען איינע גאנץ אונגליקליכע ווענדונג אזויא אין זייער הויזהאלטונג (האזיאסטווא) אונ אזויא אין זייער הויזפרידען, וויא מיר וועלען עס דא באלד מיטטהיילען (ערציילען).

8.

## הוגא דער אונטערפערוואלטער אונ דיא ערבשאפט (ירושה).

בעפאר מיר וועלען צוטרעטען צוא אונזער ווייטערדיקע ערציילונג מוז איך אייך, מיינע לעזער אונ לעזערינען, בעקאנט מאכען מיט איינער געוויסען פערזאן וואס מיר האבען איהר דערמאנט גאנץ פליכטיג (פארבייגייענדיק) אין דעם אכטען קאפיטעל פון אונזער ערציילונג אונ וואס עס שפילט גראדע איינע גרויסע ראלע אין אונזערער ווייטערדיקער ערציילונג, איך מיין עס דעם הוגא, וואס וואר פריהער פערוואלטער בייא דעם איזאק איבער זיינע ביידע פערמען, דאס הייסט אזויא לאנג ביז עס איז אנגעקומען דער אראן קיין גוואדעלופא מיט זיינער פרויא אונ שוויגערעלטערן. ער וואר דאן אלט קוים איינאונצוואנציג יאהר, אינגער פאר דעם אראן מיט פינף יאהר, ער וואר קיין געבארענער עוראפייער נור איין קוואדראן*) איין געבארענער שקלאוועקינד פון איינער שייגען מולאטקע אונ פון איינעם עוראפייער דאס הייסט דאס אזויא וואר איהם צוא פערשטיין פון זיינער ווייסען הויט פארבע דאס זיא (זיינע מוטער) האט איהם געהאט נור פון איינעם

ווייסען

*) איין קוואדראן הייסט אזויא איין נעגערסקלאווע וואס שטאמט ארויס פון אזעלכע עלטערן וואס האבען שוין גאנצע פיר דורות אלץ זיך מזווג געווען מיט עוראפייער אונ מיט עוראפייערינען אונ דיא פארבע פון זיין געזיכט האט נור איינע העכסט קליינע שפור (סליעד) נאך פון דער נעגערפארבע, אונ בייא אלעם דעם וואר ער נאך בעהאנדעלט אלץ וויא איין נעגערסקלאווע אונ האט קיינע עוראפייאישע רעכטע צוא ווערען איין צינאווניק

(אמער. געש.)

ווייסען אבער ניט פון איינעם מולאטען , ווער אבער זיין פאטער וואר , וואר עס גאנץ אונבעקאנט אונ אזעלכע קינדער פון סקלאווען וואס מען האט ניט געוואוסט ווער עס זיינען זייערע פאטער (מאטעס) ווארען דאן פיל מעהר אלס דיאיעניגע וואס ווארען יוא בעוואוסט אונ מען האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט אום דעם , פילגלייך זייא ווארען אלע צוא סקלאווען געמאכט , נור מיט דעם אונטערשייד דאס דיא קווארדאנען וואס ווארען שוין עהנליך (פאחאזע) צוא איינעם עאוראפייער , ווארען פון דיא פערמער בענוטצט צוא זייערע הייזליכע בעדינונג . אזויא צום ביישפיל פיר קאמער־מיידכען פיר קאמערדינער , מאנכע פון זייא פלעגען צוא ווערען געמאכט פיר האפמייסטער (דוואָרעצקעס) אונ הויזהאלטעריגען , דען דיזע זארטע סקלאווען אונ סקלאווינען וואר ערלויבט צוא לערנען שרייבען , רעכענען אונ דאס גלייכען בוכהאלטעריי אונ שפראכקענטניסע , דען מען פלעגט צוא מאכען פון זייא פערוואלטער אין פאבריקען אונ אין געשעפטען אונ אלס זייא האבען זיך געפיהרט בראוו אונ עהרליך ווארען זייא ענדליך בעפרייט פון זייערע הערען אונ גוט בעלוינט .

דיא מוטער פון דיזעם הוגא וואס וואר שוין איינע טראנא (דאס הייסט אזויא איינע מולאטקע וואס שטאמט ארוים פון אזעלכע נעגער וואס האבען זיך שוין גאנצע דרייא דורות נאך דער רייהע פערהייראטהעט מיט עאורא־פייער אונ עאוראפעערינען) אונ וואר אלזויא נאך פיל שענער אלס איינע עכטע עאוראפייערין , וואר אויפגענומען געווארען פון דער איידעקסע עלטערן מיט ביידען הענדען אין איהרעם הויזהאלט (סעמייסטווא) , דען איהרע מוטער וואר איינע סקלאווין פון זייער קאלאניע , אלס זיא וואר נאך א קינד פון צעהען יאהר אום צוא זיין איינע געשפילין (חברטע פיר זייער טאכטער דיא איידעקסע (עכסה) וואס וואר דאן אין איהר עלטער , אונ נאכהער אלס דיא איידעקסע איזט געווארען שוין איין היבשעס מיידכען , איזט זיא געווארען איהרע געזעלשאפטערין אונ צוגלייך איהר צאפע*) אונ אם ענדע אלס דיא עכסה האט זיך פערהייראטהעט מיט דעם איזאק , איזט זיא גע־ווארען איהר הויזהעלטערין אונ זייא האבען זיך ביידע פערטראגען גאנץ שוועסטערליך מיט איינאנדער , דען זייא האבען זיך גאנץ אויפריכטיג געליבט אונ דיא איידעקסע וואר אימער אין דער מיינונג צוא בעפרייען איהר אונ צוא פערהייראטהען מיט איינעם פרייען עאוראפייער , וואס איזט אין איהרעם פאטערס דינסט , לײדער איזט אבער דיזער איידעלער וואונש איהרער ניט צוא איינער רייפע (צייטיגונג) געקומען דען אין א פאר יאהר נאך איהר האכצייט איזט זיא (דיא העלענע) דען אזויא האט זיא געהייסען , שוואנגער

געווארען

---

*) צאפע הייסט אזויא איין קאמערמיידכען וואס פערשטייט אויסצופוצען איהר דאמע וויא עס פאסט צוא יעדער צייט אונ צוא יעדער געלעגענהייט .

(אמער. געש.)

געוואָרען דורך איינע פערפיהרונג צום פערדרוס דער איידעקסע וואָס וואַר איהר העכסט גוט אונ וואָס האָט איהר דאַהער אַלזאָ געבראַטהען דאָס זיא זאָל טאָן אַלע מעגליכקייט אין דער וועלט אום לויז צוא מאַכען זיך פון דיזער שענדליכען לאַסט, וויא אַלע אַנדערע איהרעס גלייכען, וואָס האָבען נור איינע אויסזיכט צוא מאַכען איינע גוטע פּאַרטהיע (שדוך), זייא טוען עס (מאַכען זיך לויז דערפון) אָהנע זיך צוא שייען (צוא פירכטען) צוא געברויכען דערבייא איין העכסט פערבאָטענעס אונ העכסט געפעהרליכעס מיטעל, דאָס הייסט דאָס אָבטרייבען, זיא האָט איהר געפאָלגט, ליידער וואַר עס שוין צוא שפּעט, דיזעס מיטעל האָט געווירקט נור אויף איהר געזונד, דאָס הייסט, זיא האָט זיך צוגעצויגען נור איינע געפעהרליכע קראַנקהייט דורך דעם, דער לייבעספרוכט (דאָס הייסט דעם קינדע) האָט עס אַם מינדעסטען ניט געשאַדעט, דען ער איזט געבאָרען געוואָרען צוא דער רעכטער צייט אונ דערצוא נאָך העכסט געראָטען, געזונד אונ בליהענד שיין אונ וואַר דאַהער איין גוטער נאָסט בייא דער מוטער אונ דאָס גלייכען אויך בייא דער איידעקסע, דען ער וואַר איין גוטעס צייט פערטרייב בייא איהר, אונ ער (דיזעס קינד) האָט גענאָסען (בעקומען) דאָרט אין שטוב איינע זייער גוטע ערציהונג, אַלס האַטע ער געווען איין איינענעס קינד, אונ מען האָט איהם געבילדעט אַלס וואַרע ער געבאָרען פון עאוראָפּייאישע עלטערן, וואָס האָבען זיך פערהייראַטהעט געזעצליך (זאַקאַננאָ) אונ עס וואַר איהם ניט צור שאַנדע דאָס ער ווייס ניט ווער זיין פאָטער איזט, וויא דער פאַל איזט מיט אַזויא איינעם קינדע פון פרייען עלטערן, וואָס ער ווערט דאַן בלאַמירט (געשענדעט) מיט דעם נאָמען באַסטאַרד (ממזר). ניין, בייא אַזויא אַ קינד וואָס וואַר נור אין סקלאַווענשטאַנד געבאָרען וואַר קיינע נאָכפראַגע געמאַכט איבער זיינען פאָטער (דאָס הייסט ווער ער איזט) אונ דיזע געזעטצע וואַר אויך זעלבסט בייא אונז יודען אַלס מיר וואַרען אין אונזער לאַנד, דען אַזויא זאָגען אונזערע חכמים אין יחוס לעבדים דאָס הייסט דאָס אין דעם סקלאַווענשטאַנד האָט יחוס קיינע זנאַצעניע, דאָס הייסט עס איזט ניט מעלה אונ ניט מוריד צוא ער ווייס ווער זיין פאָטער איזט אָדער ניט, אַלץ איינס.

אונ וויל ער (דיזעס קינד וואָס האָט געהייסען הוגא) וואַר איין קינד מיט גרויסע פעהיגקייטען (ספּאָסאָבנאָסט) אונ האָט שוין געהאַט איין וואַהרעס אונ עכטעס עאוראָפּייאישעס אויסזעהען, זאָ האָט איהם ליב בעקומען אויך דער איזאַק, דאָס ער פלעגט איהם זעלבסט אונטעררריכטען (לערנען) אונ צוואַווייזען אין שרייבען רעכענען, אונ אין דער מעכאַניק פון דיא מאַשינען וואָס וואַרען אין זיינער פאַבריק, קורץ געזאָגט, ער איזט געוואָרען אַזויא ווייט בעליבט בייא זייא ביידען, בייא דער עכסה אונ בייא דעם איזאַק, דאָס זייא ביידע האָבען פערשפּראָכען דער מוטער זיינער (דער

העלענען) פאר איהר טויט, וואס איזט געשעהן אין זיינעם נייטען יאהר, דאס זייא וועלען מאכען פון איהם מיט דער צייט איינען גוטען פערוואלטער איבער זייערע פערמעס אונ וועלען איהם הערנאך בעפרייען אונ זייא האבען ווירקליך וואהרט געהאלטען, דען דער איזאק האט איהם שוין אין זיינעם זעכצעהנטען יאהר אנגעטרויט דיא פראוולעניע (צוואר אונטער זיינער איינענען ליטונג) פון זיינע ביידע פערמעס אונ וואר העכסט צופרידען מיט איהם, דען ער איזט געוועזען גאנץ ספאסאבנע דערבייא אונ זייער בראוו אונ טריי. בייא אלעם דעם וואר דיזע גרויסע געפעלינקייט אונד צופרידענהייט מיט איהם בעגרינדעט אויף פיל וויכטיגערע אורזאכען אלס דיזע וואס מיר וויסען פון זייא ביז אהער, דאס זיא (דיא איידעקסע עכסה) וואר איהם גוט נור אויס הוילע פריינדשאפט צוא זיינער מוטער אונ דאס גלייבען אום צוא בערוהיגען איהרע געוויסענביסע (אוגריזעניע סאוויעסטי) וואס זיא האט איהר צוגירעט צוא טאן אזויא איינען שריט וואס האט איהר צוגעצויגען אזויא איינע קראנקהייט וואס זיא האט געליטען פון איהר מעהרערע יאהרען אונ איזט אם ענדע דערפון געשטארבען אונ דאס ער (דער איזאק) וואר איהם אזויא וויט געניינט נור וועגען זיינע גרויסע פעהיגקייטען (ספאסאבנאסטי).

ניין, זיא וואר איהם אם ענדע גוט אונ ערגעבען נור אויס איינער פערבאטענע ליבע צוא איהם, דען ער וואר שיין וויא איין יאזעף אויס עגיפטען אונ האט געהאט אלזויא דאס גליק אדער דאס אונגליק צוא געפעלען איהר וויא אמאל ער (דער יאזעף) צוא זיינער דאמע דעם פוטיפרם פרויא, דען איהר מאן, דער איזאק, איזט מיט דער צייט געווארען אויך אימפאטענט (ניעספאסאבני) צוא איינער פרויא וויא דער פוטיפר*) אונ האט איהם אלזויא געוואלט האבען אימער בייא דער האנד אונ דערצוא אין גוטע אומשטענדע. צוואר זיא וואר דאן שוין מעהר אלס צווייא מאל זא אלט וויא ער, דיא ליידענשאפט אבער (דיא לוסט) נעמט קיינע נאטיץ (אוואזעניע) דארויף אונ נאך וואר ביזהער אין קיין ליבעס-האנדעל (ראמאנס) איינע קאנטראלע (געגענרעכנונג) געהאלטען פאן איינעם דער ביידען פערליבטען איבער דיא יאהרען פון דעם אנדערען, דיזער פאל געשיהעט נור בייא איינער הייראטה, אבער ניט וואו נור איינע ליידענ-שאפט (תאוה) אים שפילע איזט**) אונ דער הוגא האט זיך ליידער געלאזט

פערלייטען

---

*) מדרש רבה סדר וישב פ"ו סרים פרעה שנסתרס בגופו מלמד שלא לקחו אלא לתשמיש וסרסו הקב"ה בגופו.

**) ואם ישאלני אחד מקוראי כלום יש תאוה לאיש בחור לחבק חיק נכריה אשר מספר ימיה כימי חיי אמו? הנני להשיבו: פוק חזיה מה שאמרו חז"ל (סנהדרין ק"נ) על אמון ועל מנשה שנכנסו בהפתחים שיצאו מהם

(אמער. ג"ש.)

פֶערְלַייטֶען (פֶערְפִיהרֶען) פון איהר , דען דיזֶע פֶעלֶע וַואר הֶעכְסְט גֶעווֹאוינְלִיךְ אִין דִיא פֶערְמֶען דאס דִיזֶע הֶערֶען פְּלֶעגֶען צוּא פֶערְפִיהרֶען זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע סְקְלַאווִינֶען אונ דיא דַאמֶען זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע אונ יוּנְגֶע סְקְלַאוֶען , וִויא מִיר הָאבֶּען פון פְרִיהֶער גֶעשְׁרִיבֶּען , דָאךְ גֶעשִׁיהֶעט עֶס גֶעווֹאוינְלִיךְ גַאנְץ גֶעהֵיים , אונ דָאס גְלֵייכֶען וַואר אויךְ עֶר (דֶער איזאק) אִיהם (דֶעם הוגא) זֵייעֶר גוּט . וַוייל נור עֶר אונ קֵיין אַנְדֶערֶער וַואר דֶער פֶערְפִיהרֶער פון זֵיינֶער מוּטֶער (פון דֶער העלענע) אונ עֶר וַואר אַלְזוֹיא זַיין פָאטֶער , אונ וַוייל עֶר הָאט קֵיין אַנְדֶער קִינְד גֶעהַאט אונ וַואר דֶערְצוּא נָאךְ גַאנְץ גֶעווִיס דָאס עֶר וֶועט שׁוֹין נִיט הָאבֶּען צֵייט זַיין לֶעבֶּען אונ דָאס קִינְד וַואר גְרַאדֶע אֵיין הֶעכְסְט גֶערָאטֶענֶעס קִינְד , זָא הָאט עֶר אִיהם זֵייעֶר לִיבּ בֶּעקוּמֶען אונ הָאט זִיךְ מִיט אִיהם נִיט בֶּענֻאמֶען וִויא אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶערְמֶער וָואס פְּלֶעגֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע פָאבָּאצְנֶע קִינְדֶער מַאכֶען פִיר סְקְלַאוֶען אונ בִּפְרָט דָאס עֶר וַואר אִין אִיהם (אִין דֶעם הוגא) גֶעווִיס דָאס זַיינֶע מוּטֶער דִיא העלענא הָאט אִיהם גֶעהַאט נור פון אִיהם אונ נִיט פון קֵיינֶעם אַנְדֶערְן , דֶען עֶר פְּלֶעגְט נִיט צוּא שִׁיקֶען זַיינֶע שֵׁיינֶע סְקְלַאווִינֶען אִין דִיא הָאטֶעלֶען וִויא אַנְדֶערֶע פֶערְמֶער פְּלֶעגֶען עֶס צוּא טָאן אוּם דֶעם שֶׁענְדְלִיכֶען אונ צוּגְלַייךְ לִיבֶּען אונ גֶערִינְגֶען הָאנָאראַריוּם (עֶהרֶענְגֶעלְד) אונ וַוארֶען אַלְזוֹיא מִיט זֵייעֶרֶע פָאבָּאצְנֶע קִינְדֶער אוּנְגֶעווִיס וִויא מִיט אַנְדֶערֶע הוּרֶענְקִינְדֶער , אַלְזוֹיא קֵיין ווּאוּנְדֶער דָאס עֶר וַואר אִיהם לִיבּ אונ עֶר הָאט אִיהם בֶּעהַאנְדֶעלְט גַאנְץ פֶעטֶערְלִיךְ , נִיט פִירְכְטֶענְד זַיינֶע פְרוֹיא דָאס זִיא וֶועט אֵיין פֶערְדַאכְט (חָשָׁד) הָאבֶּען אוֹיף אִיהם דָאס עֶר אִיזְט זַיין עֶרְצֵייגֶער (פָאטֶער) אונ וֶועט וֶוערֶען פֶערְדְרִיסְלִיךְ דַארִיבֶּער , בַּייא זַיינֶעם זֶעהֶען דָאס זִיא אִיזְט אִיהם (דֶעם הוגא) נָאךְ פִיל מֶעהר גֶענֵייגְט אונ פְרֵיינְדְלִיךְ אַלְס עֶר צוּא אִיהם , אונ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אִין דֶעם אַלְזוֹיא אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען בֶּעטְרָאגֶען , דֶען יֶעדֶער פון זֵייא בֵּיידֶען הָאט נִיט גֶעווֹאוסְט דֶעם וַואהרֶען גְרוּנְד פון דֶעם אַנְדֶערֶס לִיבֶּע צוּא אִיהם (צוּא דֶעם הוגא) אונ זֵייא וַוארֶען הֶעכְסְט צוּפְרִידֶען דֶערְמִיט . אַזוֹיא הָאט עֶס אויךְ נִימַאנְד גֶעווֹאוסְט אונ נִיט גֶעשְׁפִּירְט . נור צְווֵייא פֶערְזָאנֶען , וָואס זַיינֶען אוּנְז שׁוֹין גַאנְץ בֶּעקַאנְט , דֶען אֵיינֶער וָואס הָאט עֶס גֶעווֹאוסְט וַואר וִויא עֶס פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ שׁוֹין פון זֶעלְבְּסְט , דֶער הוגא , דֶען עֶר הָאט גֶעהַאט מֶעהרֶערֶע בֶּעוַוייזֶע אונ מֶערְקְמַאלֶע (סִמָּנִים) דָאס זַיין פָאטֶער אִיזְט נור דֶער איזאק אונ קֵיין אַנְדֶערֶער . עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען צוּא פֶערְשְׁווַייגֶען עֶס אונ נִיט אֵיין וָוארְט צוּא לָאזֶען פַאלֶען דַארִיבֶּער , אונ דֶער צְווֵייטֶער וָואס הָאט עֶס נור אָנְגֶעשְׁפִּירְט , אָדֶער בֶּעסֶער צוּא זָאגֶען נור פֶערְמוּטְהֶעט (מְשַׁעֵר גֶעוֶוען) וַואר דֶער אַראן , וָואס הָאט אֵיינֶען דוּרְכְדְרִינְגֶענְדֶען בְּלִיק גֶעהַאט

אונ

(פ׳ שבאו על אמותיהם) מכאן כי אין חשבון ואין דעת וחכמה לכל השונה באהבת נשים .

(אמער. געש׳)

אונ דאס גלייכען קיין ווארט דאריבער געשפראכען אזויא לאנגע דאס עס האט געלעבט דער איזאק, זיינע פרויא אונ זיין שוויגערפאטער, אונ דאהער וואר ער, אזויא לאנג וויא זייא האבען נאך געלעבט מיט דעם הונא אויף איינעם גוטען פוס, דאס הייסט גאנץ פריינדליך אונ געמאכט אימער גוטע פארשטעלונגען איבער איהם פאר דעם איזאק אונ זיינער פרויא דען ער וואר דאך זיין פארגעזעטצטער (איבערער) אונ זייא ווארען העכסט צופרידען דערפון.

דיזער הונא וואר, אזויא לאנג עס האט געלעבט דיא עכסה מיט איהרעם מאן איזאק, אונפערהייראטהעט, דיא אורזאך דערפון איזט שוין פערמוטהליך (מסתמא) יעדען פון אונזערע לעזער אונ לעזערינע פון זעלבסט בעוואוסט, ערסטענס האט ער עס ניט געדארפט דען עס וואר איהם גענוג דיא איידעקסע וואס זיא האט איהם געהערט אין גאנצען, דען דער איזאק וואר דאך וויא מיר וויסען אימפאטענט (גיעספאסאבנע) צוא לעבען מיט איינער פרויא, אונ צווייטענס ווען ער וואלט יוא וועלען זיך פערהייראטהען וואלט זיא עס ניט צוגעלאזען, דען וועלכע פערליבטע קען דולדען איינע צווייטע, בייא איהרער זייטע, אונ בייא אלעם דעם האט איהם ניט געפעהלט אן איינעם יונגען (איגעל) וואס וואר איהם געבארען פון איינער שיינען קווארדאנא (אזויא האט עס וויינינקסטענס געהייסען) וואס וואר פארהער איינע צאפע בייא דער עכסה (איידעקסע) אונ וואר פון איהר ענט־לאסען אונ צוגלייך בעפרייט אלס וועדע זיא גאנץ אונ גאר אונפעהיג (גיע־ספאסאבנע) געווארען צוא דיען ווייטער אונ האט איהר נאך דערצוא געגעבען א וואוינונג אין דער קליינען פערמע אונ בעשטימט איין קליינעס געהאלט, נוא האט זיא זיך געלאזט פערפיהרען פון דעם יונגען הונא אונ האט איהם געבארען איינען זון, וואס וואר איהם איין ווילקאמענער גאסט, דען ער האט איהם געהערצט אונ געליבט. מעהרערע מאנאטע וואר עס איין גע־היימניס פאר דער איידעקסע אונ דערנאך אלס זיא האט זיך דערוואוסט דער־פון האט זיא איהר פערוויזען (פעריאגט) פון דארט אונ דער קליינע יונגע האט זיך אבגעשטעלט בייא זיינעם פאטער, דאס הייסט בייא דעם הונא, וייל דיא מוטער וואס וואר נאך אלץ קריינקליך אונ אהנע איין אונטערקאמען (דאס הייסט, ניט געהאט וואו זיך אהינצוטאן) האט זיא איהם ניט ווילענדיג געמוזט לאזען בייא איהם אונ ער האט זיך ניט ווילענדיג געמוסט האלטען מיט איהם, אין אנפאנג אינם געהיים (דאס הייסט דאס דיא עכסה האט גיט ניט געטארט וויסען דערפון), דערנאך אבער וואר עס איהם ערלויבט פון איהר (פון דער איידעקסע) אונ אין פערלויף פון איינינע מאנאטע וואר דאס קינד געליבט אונ האלובקעט פון זייא ביידען, דאס הייסט פון דעם הונא אונ פון דער עכסה, דען ער וואר איין העכסט שיינער יונגע אונ העכסט קלוג אונ פלעגט געבראכט צוא ווערען צוא דער עכסה צווייא דרייא מאל אין

(אמער. געש.)

דער

דער וואכע צום צייטפערטרייב אונ עס וואר איהר ניט צוא פערדיינקען, דען
זיא וואר דאך איינע קינדערלאזע פרויא (איינע עקרה) אונ דיזע ארט
פרויען פיעקצען דאך אויך הינטלאך אונ מיט דער צייט האט זיך דיזעס
שפילען זיך מיט איהם פערוואנדעלט אין איינער מוטערליכען ליבע צוא
איהם, דען זיא האט איהם געלאזט ערציהען מיט גרויסע קאסטען אונ
האט געזארגט פיר זיין וואויל אונ וועהע וויא איינע צערטליכע מוטער,
דיזעס קינד האט געהייסען מוראט. — דיזעס אלעס אבער וואס מיר
האבען דא מיטגעטהיילט איבער דיא געבורט פון דיזעס קליינען מוראט
וואר עס איינע טיישונג (שווינדעל), דאס הייסט, וויא נור געזאגט, איין
פאלשער בעריכט וויא מיר האבען שוין פריהער געשריבען, „אזויא האט
אם ווייניגסטענס געהייסען". דיא קוואדראנא וואר ניט זיינע מוטער, זיא
וואר עס נור צום שיין אונ האט אויסגעשפילט איהרער מוטערליכע ראלע
זייער גוט. זיא וואר בעשטעלט דערצוא אונ גוט געלוינט דערפאר פון
דער עכסה, דען דיא וואהרע מוטער פון דעם מוראט וואר נור זיא
אליין, ער וואר איינע געבורט פון איהרער שענדליכען ליבע צוא דעם הונא
אונ האט אלזויא אום צוא רעטען איהרע עהרע אונ צוגלייך דאס לעבען
פון דעם קינדע וואס וואר נאך דאן אין איהרעם מוטערלייבע (דאס הייסט
וואס זיא וואר נאך מעוברת מיט איהם) האט זיא אונטערגענומען איינע
גאנץ ווייטע רייזע אום נידערצוקומען מיט איהם (דאס הייסט געבאהרען איהם)
אין איינעם גאנץ אונבעקאנטען ארט אונ אום צוא קענען איהם האבען
אימער אין איהרער נעהע דאס הייסט לעבען זיך אין איהרער קאלאניע,
אונ צוא האבען דאס פערגניגען צוא פיעסצען איהם אונ דערנאך צוא
געבען איהם איינע גוטע ערציהונג, האט זיא מיט זיך גענומען אויף
דיזער ווייטען רייזע דיא קוואדראנע אלס לייבדינערין, אין דער טהאט
אבער (באמת) אום נור איבערצוגעבען איהר דאס קינד, וואס זיא
וועט דארט געבאהרען, אין איהרע הענט דאס זיא זאל איהם ביי
זיך האדעווען אונ דערצוא אויסגעבען זיך פיר זיינע מוטער דאס הייסט
דאס זיא האט איהם געבארען פון דעם הונא, דאס הייסט דאס ער
איזט איינע פרוכט פון הונאס ליבע צוא איהר אונ זיא זאל זיך דאהער
אומקעהרען מיט דעם קינדע צוריק נאך הויזע ערסט אין דרייא מא-
נאטען נאך איהר איידעקסעס אבפאהרען פון דארט אונ ניט מיט איהר
צוגלייך, דאמיט זיא (איידעקסע) זאל זיך קענען מאכען גאנץ ניט
וויסענדיק דאס איהר לייבדינערין האט דארט איין קינד געבארען אונ
זאגען דאס זיא (דיא קוואדראנע) איזט דארט פערבליבען נור וויל זיא
איזט געווארען קראנק, אונ אום צוא שפילען דערנאך דערביי איינע
ראלע פון איינער העכסט קיישען (צנועדיקע) דאמע, דאס ביי איהרעם
דערוויסען זיך קליימערסט אין אצייט ארום דאס זיא (דיא קוואדראנע)

האט איינען פערבאטענען אומגאנג מיט איהרעם פערוואלטער הונא, אונ האט נאך איין פאפאגע קינד פון איהם דערלעבט אונ ערציהעט אין איהר קאלאניע, זיא זאל איהר קענען פערזייזען (ארוים יאגען) פון דארט, אלס איינע עכטע צנועה וואס קען ניט ליידען איינע אויסגעלאסענע פרויא אין איהרע גיטער.

אלזוי וואר עס פריהער פלאנירט אונ נאכהער גאנץ גליקליך אויס-געפיהרט, אונ דיא געבורט פון דיזעם קליינעם מוראט איז געבליבען איין געהיימניס פון דעם איזאק אונ פון אלער וועלט, נור ניט פון דעם ארא; וואס האט געהאט איין הערכסט דורכדרינגענדעס אויגע אונ מעהר געלעגענהייט אום עס צוא פערמוטהען (משער צוא זיין). דאך אבער אזוי לאנג זיא (דיא עכסה) אונ דער איזאק האבען געלעבט וואר עס בייא איהם איינע פערמוטהונג נור (איינע השערה). נאך זייער טויט אבער וואר עס איהם (דעם ארא) קלאר וויא דער טאג דאס עס איז אזוי אונ ניט אנדערס, דאס הייסט דאס דער הונא איז איין קינד פון דעם איזאק אונ דאס דער מוראט איז איין קינד פון דעם הונא וואס עס וואר איהם געבארען פון דער איידעקסע, אונ בייא דעם פראצעס פון דער ירושה האט עס שוין אויפגעהערט צוא זיין מעהר איין געהיימניס זעלבסט פון אנדערע, וויא מיר וועלען עס באלד ווייטער דער ציילען.—

אין אזוי א צושטאנד אדער לאגע האט דערוויסט דער ארא; דיא פאמיליע פון דעם איזאק ספאלענטא בייא זיינעם קומען מיט זיינער פרויא אונ שוויגער-עלטערן קיין גוואדעלופא. נון וועלען מיר אונז דא בעשפרעכען איין עטוואס איבער דיא לעבענסארט (ביט, אבראז זיזני) פון דעם ארא; אונ זיינער פאמיליע אין דעם פערלויף משך פון דיא זיבענצעהען יאהר וואס זייא האבען דארט פערלעבט ביז דעם טויט פון זיינע שוועער אונ שוויגער אונ דעם איזאקס אונ זיינער פרויא דיא עכסה אדער איידעקסע, אונ נאכהער וועלען מיר דערציילען פון דער ירושה.

דיזע גאנצע זיבענצעהן יאהר וואס זייען איבערגעלאפען דעם ארא; אונ זיינער קליינען פאמיליע פון דער צייט וואס זייא זייען געקומען קיין גוואדעלופא ביז דעם שטארבען פון דעם אבראם אונ זיינער פרויא אונ דאס גלייכען פון דעם איזאק אונ זיינער פרויא, האבען זייא פערלעבט אין איינעם אונגעשטערטען הויזפרידען, אין פרידען אונ אין פערגעניגען, דען זייערע ביידענס ליבע צוא איינאנדער, דאס הייסט פון דעם ארא; צוא דער הולדא אונ דאס גלייכען איהרע ליבע צוא איהם איז געבליבען פריש אונ בליהענד וויא פאהער, אונ האבען דער צו נאך געהאט גענוג פריידע פון זייער איינציגע טאכטער, פון דער דינה וואס וואר

(איהער. נעש.)

דיא

דיא ערסטע פרוכט פון זייער פערשטוילענע ליבע, דען מעהר האבען זיא קיינע קינדער ערלעבט, אונ עס וואר וויא צו זאגען ווירקליך מיט וואס זיך צוא פרייען, דען זיא וואר שיין וויא איינע פענוס, קלוג וויא איינע מינערוואַ (דיא געטין פון דער וויזהייט), גוט געזיטעט (בלאגאראוונא) אונ העכסט געבילדעט, קורץ געזאגט, זיא וואר ליבענסווירדיג אונ העכסט שעצענסווערטה אונ וואר דאהער ניט וועניגער געליבט פון דעם איזאק אונ דער איידעקסע אלס פון דיא עלטערן, אונ האט אלזוי פערלעבט דעם גרעסטען טהייל פון יעדען טאג אין זייער קרייז. זיא וואר פון זייא געצערטעלט אונ האלובקעט אלס איינע איינעגע טאכטער בפרט נאך, דאס זייא האבען איהר בעשטימט צוא זיין זייער איינציגע ערבין אונ האבען זיך אלזוי געזעהנעט (געביינקט, פערלאנגט) צוא פערהייראטהען איהר, דען אין יענע לענדער הייראטהעט מען זייער יונג. ליידער האבען זייא עס ניט ערלעבט, דען זייא זיינען געשטארבען אין איהרעם זיבענצעהנטען יאהר, וויא מיר ווייסען עס פון פריהער.

ביא אלעם דעם האט דיזע ליבע זייערע צוא דער דינה ניט אויס-געפילט זייערע הערצען אין גאנצען. עס איז נאך געבליבען איין גראמער ווינקעל פיר פעטערליכע ליבע צו נאך איינעם אנדערן, אונ דיזער אנדערע וואר דער מוראט, הנ"ל זון, וואס וואר מיט א פאר יאהר עלטער אלס דיא דינה אונ וואס וואר דארט אים הויזע גאנצענע טעג אלס איין בן בית אונ וואר אויך געצערטעלט פון זייא ביידען, פון דעם איזאק אונ דער עכסה ניט וועניגער אלס דיא דינה. ערסטענס וויל ער (דער מוראט) וואר, וויא מיר ווייסען עס שוין, פיל מעהר אנפערוואנדעט (קרוב) צוא זייא ביידען (צוא דעם איזאק אונ דער עכסה) אלס דיא דינה. דען זיא וואר דאך זייערע איין שני בשלישי נור, אונ ער וואר דאך איין ענקעל פון דעם איזאק אונ איין זון פון דער איידעקסע, נור מיט דיזעם אונטער-שייד דאס זייערע ליבע צוא דער דינה האט געהאט דיא פארבונג (דאס אויסזעהען) פון איינער הייסען ליבע וואס קינדערלאזע לייטע (בעזדעטניקעס) האבען צו איינעם קינדע פון זייער פאמיליע וואס זייא האבען בעשטימט פיר זייער ערבע (יורש). זייערע ליבע אבער צוא דעם מוראטען האט געהאט דיא פארבונג (דאס אויסזעהען) וואס איינע גוטע הערשאפט האט צוא איינעם הויזקנעכטעל וואס שטייט ביי זייא אין גונסטען (אין מילאסט) דען זייא האבען געמוזט מאכען איין געהיימניס פון זייערע פאטערליכע ליבע צו איהם אום ניט צו לאזען מערקען דאס ער איז זייער איינענעס קינד. צווייטענס וואר ער אויך אן דעם גענוג ווירדיג געליבט צוא זיין זעלבסט פון ווילדפרעמדע, דען ער וואר איין העכסט געראטענעס קינד, גענוג שיין, גענוג קלוג, אונ האט זיך זייער גוט גענומען צום לערנען,

דען דער איזאק האט איהם געלאזט שטודירען די מעדיצין (דאקטעריי) אום דאס ער זאל זיין איין דאקטאר אין זיינע ביידע פערמען, אונ ער האט געשטודירט זייער פלייסיג אונ מיט איינעם ערפאלג (אוספיעח), אונ עס ווֿאר צוא האפען דאס עס זאל ארויס פון איהם איין גרויסער ארצט (דאקטאר).

נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס זייענד מיט דער דינען אונטער איינעם דאך אונ דאס גלייכען זיא מיט איהם, האבען זייא געהאט אלזוי גענוג געלעגענהייט צוא בעפריינדען זיך מיט אייננאנדער אונ צוא פערפלוידערן מאנכע שטונדע מיט אייננאנדער אונ האבען איהר (דיא געלעגענהייט) ניט איינגעלאזען אונבענוצט, דען עס ווֿאר זייא צוא זעהען אימער בייזאמען, וואו נור איינער פון זייא ווֿאר, ווֿאר שוין באלד דער צווייטער, אונ האבען אלזא געהאט (וויא צוא זאגען) אויגען נור איינער פיר דען אנדערן, דען זייא פלעגען זיך אימער טיף אריינקוקען איינאנדער אין זייערע געזיכטער. אונ דיזעס האט עס דיא עכסה אדער איידעקסע אונ דאס גלייכען דער איזאק צוגעזעהען מיט פריידען, דען זייא ביידע האבען געווינשט פון הערצען דאס זייא זאלען זיך פערליבען אונ זאלען זיך פערהייראטהען אהנע זייער צוריידען דערצו, דען ווען דיזעס וועט געשעהען וועט דאך זייער פערמעגען אריינקומען אין דיא הענט פון זייערע אייגענע געהיימע קינדער. דעם אראן אבער, וואס ווֿאר דער פאטער פון דער דינה אונ דאס גלייכען איהרער מוטער דער הולדא וואס האבען שוין פראקטיצירט פון זיך אליין דאס אזוי איינע פערטרוילּיכקייט צווישען אזעלכע צווייא בילדשיינע קינדער פיהרט נור צוא איינער געוויסען פערפיהרונג, האבען עס גאר ניט געוואלט ליידען, דאך האבען זייא אבער זיך ניט געוואגט קרעפטיג צוא וועהרען עס, ביי זייערעם וויסען דאס דער איזאק אונ דיא עכסה ווינשען עס דורכאויס, אונ האבען אויך צו גלייך געוואוסט ווארום זייא ווינשען עס, אונ האבען אלזוי מויל געהאלטען (דאס הייסט ניט אוואָרט געזעגט) אוים פורכט דאס זייא זאלען זייא ניט איינרייצען דערמיט, אונ זייא איינרייצען וועט עס הייסען זיך אליין בייזעס טאן, דען עס וואלט זייא געוויס געקאסטעט דורך איינעם מינדעסטען ווידערשפרוך (פראטיוועען זיך געגען זייער וואונש) דיא פערשפראכענע ערבשאפט אונ אויך דיא גרויסע איינטרעגליכע עהרענשטעלע, אונ וועלען נאך דערצו ניט אויספיהרען זייער אונטערנעהמען ניט צוא דערלאזען דאס עס זאל צו איינער פארטיע קומען (דאס הייסט דאס זייערע טאכטער זאל זיך פערהייראטהען מיט דעם מוראט) דען דיא ליבע האט שוין געשלאגען צוא טיפע ווארצעלן אין זייערע ביידענס הערצען, אונ דערצו נאך וועט דער איזאק מיט זיינער פרויא בעהילפליך זיין אין דעם אונ זייער טאכטער וועט זיך פערהייראטהען מיט דעם מוראט ווידער זייער-

ווילען. זייא האבען איהר צמאר זייער קלוגע פארשטעלונגען (פרעד־סטאוולעניעס) געמאכט, צו וואס פיר איין אונגליק אונ דאס גלייכען צו וואס פיר איינע שאנדע עס קען איהר פיהרען איהר פערטרויטער אומגאנג וואס זיא האט מיט דעם מוראט, וואס צו איינער פארטיע קען עס ניט קומען אוים פילען גרונדען (טעמים), ערסטענס איז ער דאך איין קריסט אונ זיא איז איינע יודין, אונ צווייטענס איז ער דאך איין סקלאווענקינד אונ איזט נאך דערווייל ניט פרייא אונ קען אלזוי נאך ווערען פערקויפט צוא איינעם אנדערן, ער מיט זיינער פרויא וואס ער וועט געהמען אונ מיט זיינע קינדער וואס ער וועט האבען, דען אזוי ווער דאן דאס געזעטץ דארט אים לאנדע. דריטענס איז ער נאך דערצו איין באסטארד (ממזר) דען מען ווייס דאך ניט ווער זיין פאטער איז. קורץ דער פון, זייא האבען איהר פארגעשטעלט דאס זיא האט דערביי נור פילעס צו פערליהרען אבער ניכטס צו געווינען. ליידער אבער האבען אלע דיזע קלוגע פארשטעלונגען גאנץ אונ גאר ניט געווירקט דען דיא ליבע איז ניט נור בלינד *) גיין, זיא איז אויך טויב, אונ האט זייא נאך געמאכט העכסט קלוגע איינווענדונגען דערביי, דען מען איז אם קליגסטען וואו עס קומט אן אום זיך זעלבסט צו בעטריגען אונ איז זיך געבליבען ביי איהרעם פערטרויטען אומגאנג מיט דעם מוראטען וויא פריהער, צום פערדרוס פון איהרע עלטערן, וואס זייען געווארען דורך דעם העכסט פיינדליך דעם מוראטען אונ דאס גלייכען דעם הוגא זיינעם פאטער, דאך אבער קיין ווארט געשפראכען דער פון, אוים פורכט דאס עס זאל עס ניט שאדען צוא דער שטעלע אונ צוא דער פערשפראכענען ערבשאפט, אונ האבען אלזוי געווארט אויף איינע גוטע געלעגענהייט אום אבצוברעכען זיך מיט זייא ביידען. דיזע געלעגענהייט האט זיך ניט פערזאמט צוא קומען, דען אין א יאהר ארום ווער דארט דיא גרויסע עפידעמיע (פעסט) וואס עס זייען אומגעקומען אין איהר דער איזאק מיט זיינער פרויא אונ דאס גלייכען זיינע ביידע שוויגער עלטערן דער אבראם אונ זיינע פרויא. אונ מעהר וויא דיזעס האט דער ארא?

---

אמאר ווער ביא דיא גריכען דער גאט פון דער ליבע. ער ווער געמאלט אלס איין העכסט שיינער יונגע מיט פליגלען אונ פערבונדענע אויגען. דאס איז איינע פארשטעלונג דאס דיא ליבע איז פון גאנץ קורצער דויער, דען זיא פערשווינדעט גיך אונ באלד אלס העטע זיא פליגעל געהאט. אונ דיזעס איז דער מיין פילייכט פון דעם פסוק „גם בחדר משכבך אל תקלל מלך, כי עוף השמים יוליך קול ובעל כנפים יגיד דבר“. דאס הייסט דיא געליבטע דיינע וועט עס אויספלודערן, דער געפלינגעלטע אמאר, והבן.

אראן ניט געווינשט, ערסטענס ווייל דורך דיזען פירפאכען טוידעספאל (דאס הייסט דורך דאס שטארבען פון דעם איזאק אונ דער עכסה, אונ דאס גלייכען פון זיין שווער אונ שווינער) איז ער לויז געווארען (וויא ער האט געמיינט) פון פיר דעספאטען (טיראנען) וואס האבען איהם ביזהער זייער שטרענג (סטראנגע) בעהערשט. דיא ערסטע צוויא (דער אראן אונ דיא עכסה) האבען איהם געהאלטען, אזוי לאנג זיא האבען געלעבט, אין איינער העכסט דריקענדען בעשראנקונג (אגראניצעניע) אין אלע וועלטליכע אנגעלעגענהייטען (ענינים), האבען איהם ניט צוגעלאזען צוא פיהרען איין ברייטעס לעבען, אזוי למשל ניט צוא מאכען קיינע גאסטעריען (באללע) ביא זיך, ניט אין קארטען שפילען אונ ניט אריינ־מישען זיך אין דיא אנגעלעגענהייטען (ענינים) פון דער דארטיגען פראוולעניע אונ האבען איהם אלזוי אויפגעוויזען נור אויף איינעם העכסט עקאנאמישען לעבען, זאגענד איהם דאס נור לעבענד אויף אזוי איינער ארט אונד ווייזע (אופן) קען מען זיך צוא שלאגען צוא גרויסע קאפיטאלען אונ בלייבען איין ערליכער מאן פיר אימער, אונ דיזעס וואר איהם ליידער גאר ניט צום מוטה (דאס הייסט גע פא סערדצו), דען ער וואר איין לעבעמאן. אונ דאס גלייכען וואר ער ניט בעססער בעהאנדעלט געווארען פון דיא אנדערע צווייא (שווער אונ שווינער) אין דיא רעליגיאזע אנגע־לעגענהייטען. דען אזוי לאנג דיזע צווייא האבען געלעבט האט געמוזט צוגיין אין זיינער ווירטהשאפט גאנץ אידעשלאך. עם האט געמוזט גע־האלטען ווערען דער שבת וויא געהעריג, דאס גלייכען האט געמוזט דיא קיך גאנץ כשר זיין, אונ אזוי אויך אבגעהיט ווערען אלע ימים טובים אונ דערצו נאך דער דאווענען וואס דיזעס וואר איהם שוין זינט ער האט דערשמעקט דארט איין פרייערעס לעבען העכסט צור לאסט, וויא מיר האבען שוין פריהער דאריבער געשריבען, דאס אונזערע רוסישע יודען ווערען אין אויסלאנד נאך פיל מעהר פריי אלם דיא דארטיגע איינגעבארענע יודען. אלזוי וואר איהם דאס אבשטערבען פון דיזע אלע פיר אויף איין מאל איינע ערלייזונג פון איינעם דאפפעלטען געפיינגניסם, דען ער וואר נאך זיינער מיינונג בעפרייט, וויא צוא זאגען בגוף אונ בנפש, אונ האט זיך אלזוי גאר ניט געקאנט אבפרייען.

אונ צווייטענס וואר איהם זייער שטארבען גאנץ ערווינשט, דאס אנשטאט דעם וואס ער וואר ביא זייער לעבען נור איין פערוואלטער איבער דיזע פערמען, וואס דיזעס הייסט איין אונטערגעארדנעטער (פאד־ציניאני) נור, וועט ער דאך שוין איין זעלבסט־הערשער זיין, דען זיינע טאכטער, דיא דינה, איז דאך דיא ערבין פון זייערעם גאנצען פערמעגען אזוי פון דיא פערמען אונ אזוי פון דעם בארען געלדע, אונ ער וועט דאך

פערנעווים בעשטימט זיין אין דעם טעסטאמענט וואס איז געבליבען פון דעם איזאק אונ עכסה, פיר איינען אפעקון (פארמונד) פון זיינער טאכטער. נון איז דיא גאנצע ערבשאפט, דיא ביידע פערמען מיט דיא בארשאפט אזוי גוט וויא זיינע איינענע. —

דריטענס האט איהם זייער שטארבען העכסט געפרייט דאס ער וועט שוין האבען איינע גוטע געלעגענהייט אבצורעכענען זיך מיט דעם הונא אונ מיט זיינעם זון מוראט. דען יעצט וועלען זייא דאך ביידע שוין זיין זיינע לייבאיינענע (סקלאווען), נון וועט ער זיך שוין אברעכענען מיט זייא נאך זיינער הערצענסלוסט אונ וועט זייא שוין ביידען זייער גוט מערקען לאססען (פערשטיין געבען) דעם פשט פון דעם אלטען אידעשען שפריכווארט: „היכל מלכים עבד בל יחמוד״: דאס הייסט איינעם סקלאווען דארף זיך גיט וועלען וואוינען אין איינעם קעניגליכען פאלאץ, דאס איז געמיינט דאס ער דארף זיך נים ליבען אין דער טאכטער פון זיינעם הערען.

ליידער אבער האט איהם דיזער שטערבעפאל פון דיזע פיר פערזאנען נים נור ניט גליקליך געמאכט וויא ער האט געמיינט, ניין, זיא האט איהם גאנץ אונגליקליך געמאכט אונ נאך פיל מעהר אלס אונגליקליך. ניין, עס האט עס איהם גאנץ אונד גאר צו גרונדע געריכטעט, וויא מיר וועלען עס דא באלד בעשרייבען. דרייא טעג נור וואר ער בערוישט (פערשיכערט) פון דיזער פריידע אונ נאכהער האט ער אנגעהייבען אויסצוניכטערן זיך פון איהר, אונ דיזע דרייא טעג ווארען עס, וואס ווארען צווישען דעם טאג פון זייער שטארבען ביז דאס עפענען פון דעם טעסטאמענט. דען דאן האט ער זיך דערוויסט שוין פיל ארגער אלס ער האט זיך בערעכענט. צוואר וואר זיינע טאכטער בעשטימט אין דעם טעסטאמענט פיר דיא איינציגע ערבין, דאך וואר דיא ערבשאפט פיל וויינינער אלס מען האט פריהער פערמוטהעט (משער געוועזען) דען דער גרעססטער טהייל פון דער בארשאפט, פון קליינאדען אונ דאס גלייכען דיא קלענערע פערמע ווארען אבגעשריבען שוין פון פריהער דעם הונא אונ זיינעם זון מוראט, וואס זייען געווארען פון איהם בעפרייט שוין פון מעהרערע יאהרען וואס נימאנד האט דער פון געוואוסט ביז אהער אונ דאס גלייכען וואר אבגעזאגט אגרויסער טהייל פון דיא פאבריקען אויף עולמות, תלמוד תורה, בקור חולים אונ דאס גלייכען, אונ דער דינה איז געבליבען נור דיא גרויסע פערמע מיט דיא איינינע הונדערט סקלאווען אונ איינע סוממא פון איינעם האלבען מיליאן פראנק, אונ איינע גרויסע ווירטהשאפט אונ דערצו נאך דיא צווייא מאל הונדערט טויזענד פראנק וואס עס איז געבליבען פון דעם אבראם, הולדאס פאטער. צוואר אים אלגעמיינען (בכך הכל) איין גרויסעם פערמעגען וואס האט געקאנט זיך זייער לייכט

פערמעהרען אונטער איינער ווירטהשאפטליכען האנד, ליידער וואר עס
אבער דער אראן ניט, דען ער האט געקענט זיין נור איין גוטער פער-
וואלטער (אופראוולאוסצי) איבער איינעם פרעמדען פערמעגען און דאס
גלייכען איבער איינע פערמע פון איינעם אנדערן, אבער ניט איבער
איינע אייגענע פערמע, דען וויא נור ער וואר שוין זיין אייגענער הערר,
דאס הייסט דאס עס וואר איהם שוין פריי צו שאלטען און צו וואלטען
איבער דיזען נאכלאס (עזבון) נאך זיינעם אייגענען ווילען, האט ער
אנגעהייבען צו ווירטהשאפטען אזוי אין זיינער פערוואלטונג (פראוולעניע)
אין דער קאלאניע און מיט דעם בארען געלד אלס דער טייוועל אין
דער העל (גיהנם) וויא מיר וועלען עס דא באלד בעשרייבען, און דיזעס
האט זייער שטארק געלאקערט (געשוועכט) זיין פערמעגען. פיל מעהר
אבער אלס זיין לידערליכעס לעבען (ראספוטנאיא זיזן) האט איהם פער-
ארעמט און גאנץ פערניכטעט (אונישטאזעט) זיין פערפאלגען (רודף זיין)
דעם הוגא פאר וואס ער איז געווארען איין מיטערבער זיינער אין דעם
נאכלאס (עזבון) פון דעם איזאק און זיינער פרויא, נאך מעהר זיינעם
זון דעם מוראט וואס האט זיך דאפעלט פערזינדיגט געגען איהם. דען
אויסער דעם וואס ער איז אויך געווארען איין מיטערבער זיינער וויא זיין
פאטער אין דעם נאכלאס פון דעם איזאק, האט ער זיך נאך ערפרעכט
(דיא העזע געהאט) צוא ליבען זיך אין זיינער טאכטער, און וואר גליקליך
צוא געווינען איהרע געגענליבע צוא איהם. איינע אונפערצייהליכע זינדע.
און וויא אויך דיזע ביידע פיינדע זיינע ווארען איהם גאנץ קליין און גאנץ
פעראכטליך דאס ער האט געמיינט דאס ער וועט זיא מיט זיינעם
גרויסען פערמעגען און נאך מעהר מיט זיינעם גרויסען אנזעהען גאנץ
פערניכטען און צוא רייבען וויא א מאן, וואר איהם דיזעס פערפאלגען
(רודף זיין) זייא, איין אנשטאסשטיין (אבן נגף) וואס האט איהם געבראכט
אום זיינע עהרע, אום זיין פערמעגען ביז צום בעטעלברויט. אלזוי איינע
לעהרע פיר יעדען, ערסטענס דאס קיין פיינד זאל קיין מאל צוא קליין
זיין, און צווייטענס דאס מען זאל ניט מיינען דאס דורך דאס שטארבען
איינעם אנדערען וועט יעדען בעססער, וויא דער פאלל וואר דא גאנץ
אומגעקעהרט, דאס דער אראן וואר גראדע נור דאן גליקליך אזוי לאנג
זיינע שוויגער עלטערן האבען געלעבט און דער איזאק מיט זיינער פרויא
ווארען אויך אם לעבען. דען גראדע פון זייער טויט אן האט דאס
גליק וויא צוא זאגען צוא געווענדעט איהם דען ריקקען (דעם רוקקען)
און עס האט איהם אנגעהייבען צוא גיין זייער שלים אין אלע פאבע,
אין געשעפט, אין געזונד, אין הייזליכען פרידען, און דאס גלייכען
אין זיינעם מאראלישען לעבען (דאס הייסט אין דיא ענינים פון דת

און פון מענשליכקייט) דען ער האט זיך מיט זיינער אונאנשטאנדיגען אויפפיהרונג געמאכט פערהאסט ביא גאט און ביא לייטען.

## 11.

### דיא לעבענסארט (אויפפיהרען זיך) פון דעם אראן נאך דעם טויט פון זיינע שוויגערעלטערן און פון דעם איזאק און דער עבסה אדער אידעקסע. זיין פערפאלגען (רודף זיין) דעם הוגא און דעם מוראט זיינעם זון, און אם ענדע זיין אונטערגאנג (מפלה) וואס ער האט געהאט דורך דעם גאר אין אקורצע צייט, אונגעפעהר אין פינף אדער זעבם יאהר נאכהער.

אזוי לאנג עס האט געלעבט דער כהן גדול יהוידע (זאגט דער פסוק דארט אין דברי הימים ב׳ ב׳) האט דער יהואש וואס וואר געמאכט פון איהם פיר איינען קעניג איבער יהודה, געטאן אלעס וואס נור גאט וואר געפעלען, נאך זיינעם טויט אבער איז ער (דער יהואש) געווארען איין גרויסער זינדער און וואר דאפיר זייער הארט געשטראפט, אזוי אויך וואר דער פאל מיט דיזעם אראן, דאס אזוי לאנג זיינע שוויגער־עלטערן, וואס ווארען גאטס־פירכטיגע לייטע האבען געלעבט, איז ער (דער אראן) געגאנגען אין גאטעס וועג, אבגעהיט אידעשקייט אין אלע פאכער, און אזוי לאנג עס האט געלעבט דער איזאק מיט זיינער פרויא, האט ער געלעבט העכסט עקאנאמיש. עס ווארען קיינע באללע געמאכט ביא איהם אין שטוב, קיין קארט אין זיינער האנד אריינגעקומען, געלעבט שטיל און פרידליך מיט אללער וועלט, זיך ניט געמישט אין אבשעצעסטוויגע זאכען, איז זיך בעגאנגען מיט דיא סקלאווען צוואר איין עטוואס שטרייננג, דאך ניט הארט, ער וואר צוואר ניט געליבט פון זייא, דאך ניט געהאסט, אויך האט ער זיך מיט דער פרויא זייער גוט בעטראגען, דאס מען האט געקאנט זאגען דאס זייערע ליבע צוא איינאנדער איז נאך ניט פערבליהט.

דיזעם אלעס אבער האט זיך פערלארען אלמאליך (ביסלאכוויים) אין פערלויף פון אפאר יאר, דאס אין דעם דריטען יאהר וואר שוין מעהר קיינע שפור (סליעד) פון אלע דיזע טוגענדען (מדות טובות) צוא מערקען אין איהם, דען ער איז געווארען א גרויסער פערשווענדער, איין גרויסער קארטענשפיללער, זיינע ביזהער רוהיגע וואוינונג האט זיך פערוואנדעלט אין איינעם קלוב, אין איינעם שפילהויז, ער האט ניט פער־

(אמער. געש.)

זאמט

זאמט קיינע מאסקקעבאדען , וואר דער ערסטער אין צירק, אין דיא אפערנהייזער, זיינע טישגענאסען (גאסטע) ווארען דיא גערייהמטע אקטארען אונ אקטארקעס, האט געמאכט גרויסע איינלאדונגען אונ האט אנגענומען איינלאדונגען. אונ דיזעס האט שוין געשטערט דעם הויזפרידען, דען זיינע פרויא דיא הולדא האט עס ניט געוואלט ליידען, ערסטענס וייל זיא וואר העכסט אייפערזיכטיג אויף דיא שיינע אונ יונגע אקטארקעס וואס דער ארון פלעגט זייא דאן אין איהרער געגענווארט אבייןקוקען טיף אינם געזיכט, אונ טאנצען מיט זייא. צווייטענס וואר עס אלעס פערבונדען מיט גרויסע קאסטען. דריטענס פלעגט איהר דיזע געסטערייען העכסט ערמידען אונ בעלאסטיגען, אונ זיא פלעגט איהם זייער אפט האלטען לאנגע פריידיגטען דאריבער פון אונטער דעם פארהאנג. עס וואר אבער געפריידיגט פיר טויבע אויערן, דען ער האט איהר געהערט זויא דיא גרויע קאץ, אונ האט געפיהרט צוא איינעם וואכענלאנגען שמאלען (ברונז ווערען) אונ דיא ליבע צוא איינאנדער האט שוין אנגעהייבען צוא ווערען פון צייט צוא צייט לויער אונ לויער (לעבליכער אונ לעבליכער) אונ מיט דער צייט גאנץ קיהל. דיזע אויפפיהרונג וואס וואר פערבונדען מיט גרויסע אויסגאבען, האט איהם געמאכט שוין אויך פיר איינען גרויסען דעספאט (טיראן) איבער דיא סקלאווען. דען ער האט אנגעהייבען זייער שטארק נוגש צו זיין צו דער ארבייט אום צוא ערפרעססען מעהר געלד פון דער קאלאניע, ערסטענס האט ער זייא אנגעהייבען צוא טרייבען צוא דער ארבייט אום שבת וואס זייא האבען דער פון ניט געוואוסט צייט זייא ווארען אונטער דעם איזאק, צווייטענס האט ער אנגעהייבען צוא שיקען דיא שיינע מיידכען אין דיא האטעלן אונ באררעלען אונ מאנכע פערקויפט פיר טייערע פרייזען.

אויך איז ער געווארען איין צלען אין דער פראוולעניע, וואס דיזעס האט איהם אויך געקאסט גענוג געלד אונ צייט אונ האט זיך געקויפט גענוג פיינדע דורך דעם, דיא רעליגיאן וואר באלד נאך דעם אבשטארבען פון דיזע פיר פערזאנען גאנץ פערנאכלעססיגט ביי איהם אין הויזע (גאנץ אבגעלאזען) אונ נאכהער גאנץ פערוויזען (ארויסגעיאגט), דיא קיך געטרפעט, קיין שבת אונ קיין יום טוב מעהר געהיט, קיין שול קיין מאל בעזוכט. עס וואר דאריבער אויך גענוג צאנק אונ האדער מיט דער פרויא וואס זיא האט עס ניט געוואלט ליידען. קורץ געזאגט, ער איז נאכגעגאנגען אלע לאסטער (פאראקעס) וואס זיינען דארט צוא הויזע ביי דיא רייכע פערמער, וויא מיר האבען שוין פריהער בעשריבען, אונ וואס עס האבען דיא שליטה איבער דיא אונזערע רוסישע יודען, וואס פעראירען זיך אהין, פיל מעהר

אלס איבער אנדערע אנקאפלינגע (אנגעקומענע אהין) פון אלע אנדערע נאציאנען וויא מיר האבען שוין דער פון אויך גענוג געשריבען. זייא מאכען זיך דארט גרויסע קאנטעס אין דעם קאסע בוך פון דעם פובליצנעם קאנטאר, דען ווער עס וויל נור האט דארט קרעדיט אונ אן א וועקסעל זאגאר. עס איז דעם דארטיגען פערוואלטער (אופראווליאיושטשי) גאנץ גענוג איין איינשרייבען זיך אין דיזעם קאסע-בוך אונטער דיא קאנטעס אונ ביא אלעם דעם האט נאך קיינער פון זייא איהם אנגעזעצט וויא דיזער פאל איז אין אונזערע בייגק, דען ער האט זייער שטריינגע עקזעקוטארען (איינמאנער) וואס מאגען איין ביז איין גראשען אונ דער צוא נאך מיט שווערע צינזען (פראצענט) אונ נאך האט דארט אין גוואדעלופא נימאנד אזויא א גרויסע קאנטע געמאכט אין דיזעם פובליצנעם קאנטאר אלס דיזער ארען. אונ דאס גלייכען וואר נאך ביא נימאנדען אזויא שטריינג איינגעמאנט געווארען אונ דער צוא נאך מיט אזויא איינעם גרויסען פראצענט וויא ביא דיזעם ארען.

דיזעס אבער, מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען, איז נור פאראבאליש געשפראכען (דאס הייסט גלייכניסווייזע, בדרך משל) אין דעם זעלבען סטיל (סגנון אדער נוסח) פון אונזערע חכמים אין דעם דריטען פרק, „החנות פתוחה והחנוני מקיף והפנקס פתוח והיד כותבת וכל הרוצה ללוות יבא וילוה והגבאים מחזירים תמיד בכל יום ונפרעים מן האדם מדעתו ושלא מדעתו".

נון איז שוין צייט מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען דאס מיר זאלען אונז אומזעהען אום אונזער דינה, דעם ארענס טאכטער, וואו זיא האט דאן אין יענער צייט געהאלטען אין דער וועלט אונ וואס ער וואר דאס מער מיט איהרעם ראמאן וואס זיא האט אנגעשפונען מיט דעם מוראט. פערגעוויס וואר ער באלד נאך דעם טויט פון איזאק אונ זיינער פרויא פערשטערט, דען איהרע עלטערן האבען עס דאך דורך אויס ניט געליטען, דאס זייא זאלען געווארען בלוט-פיינדע דאריבער דעם הוגא אונ זיינעם זון מוראט. נייז, מיינע פריינדע דער ראמאן וואר נור געשטערט פון איהרע עלטערן אבער ניט צערשטערט. דען איין ראמאן איז דאס זעלבע וואס עס איז (בעהיטע אונז גאטט) איין קרעבבארטיגע קראנקהייט וואס לאזט זיך נימאלס אויסקורירען, טראטצט (פראטיוועט זיך) אלען אפעראציאנען. פערגעוויס וואר ער באלד נאך דעם איזאקס אין דער עכסהס טויט פערוויזען געווארען (ארויסגעטריבען געווארען) אונ ארויסגעיאגט פון זייער פערמע אבער ניט פון דער דינעס הערץ, דען זייא פלעגען זיך דאך זעהען אינגעזעהען, צוואר אויף אונזיכערע וועגען. דיא ליבע אבער וואקסט אימער מיט דער געפאהר, דאס הייסט וואס מעהר דאס צוזאמענקומען איז בעדראהעט (געשרעקט) מיט איינער גרויסען שטראפע ביא

(אמער. געש.)

איינער

איינער ערמאפפונג ווערט זיא (דיא ליבע) אלין מעהר גרעסער אונ שטארקער, פיל מעהר לאבענדער אונ ערקוויקענדער וויא דער וועלט בעריהמטער שילער דריקט זיך אוים אין זיינעם ליד: „העבא אונד לעאנדער״ מיט דיזע קורצע ווערטער:

דער האט גיע דאס גליק נעקאסטעט 1)
דער דיא פרוכט דעם הימעלם ניכט 2)
רויבענד אן דעם האללענפלוססעם 3)
שויערליכעם ראנדע בריכט 4).

אונ דיזע פערשטוילענע ליבע וואר מיט דער צייט ניט וויניגער געזעגנעט (געבענטשט) וויא אמאל דיא פערשטוילענע ליבע פון איהרער מוטער, דען זיא האט אויך געשוואנגערט (געווארען מעוברת) אונ זיא האט גאנצע פינף מאנאטע געמאכט איין גיהיימנים דער פון זעלבסט פאר איהר מוטער. אם ענדע אבער אלם דער בויך וואר שוין הויך דאס עס וואר שוין צומערקען דאס זיא איז אין געזעגנעטעם לייבע (אז זיא טראגט) האט זיא עס פערטרויט ניט ווילענדיג איהר מוטער אונ וויא אויך עס וואר איהר (דער מוטער) איינע היאבספאסט (בשורה רעה) דאס עס איז איהר הערען אונד זעהען פערגאנגען, ביי אלעם דעם האט זיא עס ארונטער־געשלונגען זייער רוהיג, דאס הייסט זיא האט איהר קיין פארוואורף (וויגאוואר) געמאכט, ביי איהרעם וויסען דאס זיא זעלבסט האט אין איהרער יוגענד אויך דיזען פעהלטריט בעגאנגען אונ האט אלזוי איינגעזעהען אין דעם איינע שטראפע גאטעם וואס ער צאלט יעדען מיט דער זעלבען מינצע וואס ער האט געצאלט איינעם אנדערן (מדה כנגד מדה), בפרט נאך עלטערן אונ האט זייער שטארק געוויינט דערביי אונ האט מצדיק דין געוועזען אויף זיך אונ ערשט דאן האט זיא פערשטאנען וואס פיר איין לייד איהרע עלטערן האבען געהאט פון איהר פעהלטריט אונ עס וואר איהר לייד וואס זיא האט זייא ניט אם לעבען פערגיטעט דערפאר.

נון

---

1) דאס הייסט: נאך האט יענער ניט פערזוכט וואס גוט איז.

2) דער וואס האט ניט דיא הימלישע פרוכט, דאס הייסט דיא ליבע.

3) רויבענד, דאס הייסט מיט געוואלד.

4) אבגעפליקט, אבגעריסען עס דארט ביי דעם שרעקליכען ברעג פון דעם גיהנם־שטראם, דאס הייסט, צוא ליבען אן געפאהר איז קיין פערגעניגען, דאס הייסט מען וויים דאן ניט פון דעם וואהרען ליבעם גליק, דען זיא (דיא ליבע) שמעקט נור דורך געפאהר.

(אמער. נעש.)

נון וואר איצונד די אייניציגע זארגע איהרע צוא רעטען די עהרע פון איהר טאכטער אונ דאס גלייכען איהר לעבען, דען זיא האט גע-פירכטעט איהרען מאן דעם אראן דאס ער זאל איהר ניט דאס לעבען נעמען ביא זיינעם דערוויסען זיך דער פון, דען ער וואר צו רויה אונ צו הארט אום צוא פערצייהען איהר דיזעם אונ דער צוא נאך צוא שטאלץ אום צוא דולדען דאס זיינע א טאכטער זאל זיך לאזען פערפיהרען פון איינעם יונגען סקלאווען וואס ער איז א ממזר, דען ער איז פיל ווייטער פון דער אידעשען רעליגיאן אלס זיא (די הולדא) אום איינצוועהען אין דעם פעהלטריט פון זיינער טאכטער איינע שטראפע נאטעס פיר זיינעם פערפיהרען א טאכטער פון פיל שענערע עלטערן אלס ער איז, אונ גזאגט (פאלאזים) דאס ער וועט די דינה פערשווינען, מיט דעם קינדע אבער וואס זיא וועט האבען איז זיא געוויס ניט זיכער, דען עס וועט איהם ניט אנשטיין צוא האבען אזויא איינעם פיר איין איינקעל אונ וועט אלזוי אהנע צווייפעל זיין לעבען איהם נעהמען אונ דיזעם האט זיא אויך ניט געוואלט, ערשטענס וויל עס איז אזויא איינע גרויסע זינדע איינען באסטארד (ממזר) צוא טייטען וויא איין כשר קינד *) אונ צווייטענס וואר ער איהר זייענד נאך איין פאטום (איינע לייבעספרוכט) נור, שוין ליב אונ טייער אונ האט איהם געוואלט איינהיטען פון איהרעם מאן וויא א קאץ איהרע קעצעלאך פון דעם קאט דאס ער זאל זייא ניט אויפפרעסען אונ האט דאהער ביא זיך בעשלאסען צוא מאכען דער פון אין גאנצען איין טיפעם געהיימנים פון איהרעם מאן, דאס הייסט דאס ער זאל אים מינדעסטען ניט וויסען דער פון אונ האט אלזוי אנגעראטהען איהרע טאכטער דאס זיא זאל זיך מאכען אלס אב זיא קריינקעלטע, אונ זאל זיך פער-האלטען צוא הויזע, מאנכע טאגע היטען דאס בעט אונ זאל זיך אלזוי פון טאג צוא טאג קליימערסט (דאס הייסט צום שיינע נור) פערשלימערן אונ דיזע פערשטעלונג זאל אזויא וייט ווערען געטריבען ביז דער פאטער זאל ווערען בעזארגט וועגען איהר לעבען אונ לאזען מאכען איינען גרויסען קאנסולעם אום צוא האבען דאן איינע גוטע געלעגענהייט דורך די אנ-ראטהונג פון די ארצטע (דאקטורים) וואס וועלען ווערען בעשטאכען דורך איהר צוא בעזוכען איינע ווייטע וואנעמבאד אונ דערצו נאך צוא פערבלייבען דארט נאך דער קור איינען געוויסען צייטרוים אום צוא ער-האלטען זיך מיט דער דארטיגען גוטען לופט קליימערסט, אין דער ווירקליכקייט אבער אום צוא האבען גענוג צייט צוא פערבלייבען דארט

איבער

---

*) סדר (נשא ו) „אם היה ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ" לפדות, להחיות ואף לישיבה כ'.

(אמער. געש.)

איבער דעם קינפטיגען אונ דער נאך צוא זיך צוקומען דאס מען זאל בייא איהרעם צוריק קעהרען זיך נאך הויזע אם מינדעסטען ניט מערקען דאס זיא וואר איינע געווינערין.

דיזע אנראטהונג וואר וויא גוט בערעכנעט אזויא אויך גוט אויסגעפיהרט. דיא ערצטע האבען איהר (דער דינה) אויפגעוויזען אויף דיא באדער פון טענעריפא, איינע אינזעל פון דיא קאנארישע אינזעל'ן, דאס הייסט איינינע הונדערט מייל ווייט פון גוואדעלופא, ווייל דיא דארטיגע וויאבער אונ נאך מעהר דיא לופט זיינען דיא געזינדעסטע פון אלע באדעאנשטאלטען אונ בעסערעס האט דיא דינה אונ דיא מוטער הולדא ניט געוואונשען אונ האבען אלזוי ביידע אבגערייזט פון גוואדעלופא אין בעגלייטונג פון איינער סקלאוין, א קוואדראנקע, וואס זייא האבען איהר ארויסגענומען פון דער קאלאניע אום צוא בעדינען זייא אויף דער רייזע אונ דארט אין טענעריפא. נאך מעהר אבער אום אבצוגעבען איהר דאס קינד וואס זיא וועט האבען אונ וואס זיא זאל זיך אויסגעבען פיר זיינע מוטער, זאגענד דאס זיא האט איהם געבארען דארט אין טענעריפא דאס זיא וואר מיט איהם שוואנגער אין פינפטען מאנאט בייא איהר אפרייזען פון גוואדאלופא. אלזוי וועט זיא (דיא דינה) קענען האבען דאס קינד אין איהרע נאהע (בליזאסט) אונ דאס הייסט אין איהר קאלאניע, אונ פיליכט נאך אין דעם הויזע פון איהרע עלטערן, דען זיא וועט איהר מיט דער צייט אריינגעהמען צוא זיך אין שטוב פיר איינע קאמערדינערין, אונ וועט אלזוי האבען דיא פריידע צוא צערטעלן איהם אויף איהרע קניע. אזויא ווייט דערווייליגע פון דיא דאמאליגע אומשטאנדע (אבסטאיאטעלסטוועם) פון דיא פערליבטע פאר דינה אונ מוראט.

נון וועלען מיר איצונד פערלאזען דיא דינה אונ איהר מוטער דיא הולדא אונ וועלען אונז צוא ווענדען צוריק צוא דעם אראן, אום מיטצוטהיילען אייך מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען פון זיינעם דאמאליגען געזונקענעם שטאנד אונ פון זיינען פערפאלגונגען (רדיפות) וואס ער האט פערפאלגט (רודף געוועזען) דעם מוראט אונ זיינעם פאטער דעם הוגא איבער דיא צווייא אורזאכען וואס ווארען אונז שוין גאנץ בעקאנט פון פריהער אונ איצונד איבער נאך איינע דריטע אורזאכע: ער (דער אראן) וואר אין דער מיינונג דאס נור דער מוראט האט שולד אין דאס קריינקעלן פון זיינער טאכטער. זיא זיכעט (זיא קראנקעלט), האט ער זיך בייא זיך געטראכט, נור דורך דעם וואס איך האב דעם מיר דעם מוראטען פערוויזען פון מיינעם הויזע, אלזוי איז עס נור איינע ליבעסקראנקהייט אונ ווייטער ניט, אונ ווען איך וואלט געקאנט דיזעם פערמוטהען (מייגען) מיטטהיילען דיא ערצטע, וואלט איך פערגעווים פערשפארט איינע טויזענד טאלער, דען זייא וואלטען איהר שוין ניט אויפגעוויזען

אויף דיא באדער פון טענעריפא , לײדער אבער איז מיר ארעמען פאטער פערשלאסען דער מוגד אום איין װארט צוא שפרעכען דערפון . א ! איין פאלשעס געשײנק איז אײנע טאכטער . איין פערפלוכטער שאין װאס לאזט ניט דיא עלטערן רוהען אונ שלאפען , װיא דער קהלת דריקט זיך אוים אין זיינעם ספר „והעושר לעשיר אין מניח לו לישן״ .

אלזוי פאראהער פון זיינעם צעררישטעטען (ראזטראיעטען) שטאנד װאס האט זיך דאן צוזעהענדס (בה״ש) פערשלימערט , אונ װידער איין עטװאס פון דיא אורזאכען דערפון . זיינע קאפיטאלען האבען זיך אין פערלויף פון אפאר יאר נאך דעם איזאקס טויט פיל מעהר אלס אויף אײנער העלפטע פערמינדערט (פערקלענערט) . דיא פאבריקען װאס װארען , אזויא לאנג דער איזאק האט נאך געלעבט , אין דער גרעסטען טהעטיגקייט (דייעסטװיע) אונ האבען אײנגעטראגען יאהרליך מעהר אלס איין האלבען מיליאן פראנק , װאר איין טייל פון זייא אײנגעשטעלט (אסטאנאװעט) , װייל בייא מאנכע פון זייא האבען געפעהלט דיא מעכאניקער . זייא זיינען אװעק װייל זייא זיינען מעהרערע מאנאטען געבליבען אונבעצאלעט (אונבעצאלט) אונ בייא מאנכע װאר ניט גענוג פראדוקט צום פאבריצירען , אויך זיינען געבליבען גרויסע שטרעקען (שטחים) אונבעשטעלטערהייט (ניעאבראבאטאני) אוים מאנגעל אין ארבייטער . דען דיא צאהל פון דיא סקלאװען אונ סקלאװינען האבען זיך צייט דער איזאק איז געשטארבען ביז אין דיא העלפטע פערמינדערט . דען א טייל זיינען צולאפען אוים שלעכטער בעהאנדלונג אונ א טייל זיינען ערקראנקט אוים שװערער ארבייט אונ שלעכטער נאהרונג . דערצו נאך האט דארט אין אלע פעכער געפעהלט אן ארדענונג אונ װירטהשאפטליכקייט . דען ער אליין װאר מעהר אבײנגענטאן אין לוסטבארקייטען אלס אין האזיאיסטװא אונ זיין פערװאלטער (אופראװליאיושצי) האט איהם בעשטױלען פון אלע זייטען , אונ עס איז מיט זיינער אײנסט (אמאל) אזויא בליהענדע פערמע אזויא װייט געקומען דאס איהרע אײנקינפטע (דאחאד) האט שוין ניט געקאנט דעקען דיא העלפטע פון זיינע אויסקינפטע (הוצאה) אונ האט אלזוי געמוזט , אום צופערפאלגען (פראדאלזאיען) זיינע קאסטשפיליגע (טייערע) אויפפיהרונג , מיט װעלכע ער האט זיך שוין אײנמאל אבײנגעװיזען אין דער װעלט , לייען גרויסע סומען געלד אין דער קאזנא אונ בייא פריװאטע װאוכערער (מלוים) אונ איז זיך געװארען מיט דער צייט איין גרויסער בעל חוב , אונ דיזעס אליין װאלט שוין אויך גענוג געװען צוא מאכען איהם מיט דער צייט פיר אײנען בעטלער , נור מיט דער צייט , אבער ניט אזויא גיך . נון האט זיך איהם געװאלט אײנהאנדלען אײנען געפאהרליכען פיינד , װאס זאל איהם זיינען אונטערגאנג בעשלײניגען

(אוסקאריאיען) אונ האט עס איינגעהאנדעלט ניך אונ באלד פיר איינען גאנץ טייערן פרייז. דען ער האט בעקומען דעם הונא פיר איינען גרויסען בלוט-פיינד דורך זיין פערפאלגען איהם (רודף זיין איהם) אונ זיינעם זון מוראט וואס דיזעס האט איהם געקאקט. געגונ צייט אונ געלט, אונ אם ענדע האט איהם דער הונא גאנץ אונ גאר פערניכטעט (אונישטאזעט) דען ער האט איהם ניט נור צום בעטלער געמאכט, ניין, ער האט איהם אויך אום זיינע עהרע געבראכט, וויא מיר וועלען דא באלד שרייבען דער פון. נור דערווייל מוזען מיר אויך מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען איין עטוואס מיטטהיילען פון דער דינה אונ פון איהרער מוטער וואס מיר האבען זייא געלאזען אויף דער אינזעל טענעריפא וואס זייא האבען זיך אהין בעגעבען אום זיא (דיא דינה) זאל דארט געלעגען ווערען.

זיא איז דארט נידערגעקומען מיט איינעם יונגען (זיא האט געהאט איין אינגעל) אונ דער צוא נאך איין היבשען יונגע אונ וואר אלזוי אויפגענומען פיר איין גוטען נאסט פון דער דינה וויא זיא וואר אויפגענומען בייא איהר געבורט פון איהר מוטער הולדא. ער וואר געקוסט אונ גע־הערצט אונ זיא האט איהם דעם ערשטען מאנאט זעלבסט געשטילט (געזויגען) אונ נאכהער איהם גענעהרט מיט ציגענמילך וויא דיא זיטע איז אין אמעריקא דאס דיא קינדער ווערען ניט געזייגט, נור מיט ציגענמילך גענעהרט אונ דאס גלייכען אויך ניט געוויקעלט. זייא האבען זיך אין איינינגע מאנאטע ארום, אלס זיא (דיא דינה) האט זיך גוט ערהאלט, צוריקגעקעהרט קיין גוואדעלופא אונ ווארען אויפגענומען דארט פון דעם אראן מיט אפענע ארעמס אונ מיט איינער גרויסען צערטליכ־קייט אונ האט זיך ניט געקענט גענוג אבפרייען איבער דיא הערשטע־לונג (איבער דעם געזונד ווערען) פון זיינער טאכטער וואס ער וואר העכסט בעזארגט וועגען דעם, אונ בפרט דאס זיא האט נאך אוים־געזעהען פיל שענער אלס פארהער, בעפאר זיא האט נאך אנגעהייבען צוא קריינקלען, דען דיא ערשטע געבורט פערשענערט אימער דיא יונגע דאמען. זייא האבען איינגעקעהרט אין זייער וואוינונג בייא זייער קומען אליין, דאס הייסט אן דעם קינדע, דען ער וואר אויף דער ריקרייזע אבגעגעבען דער סקלאווין, דער קוואדראנקע אונ איז אזויא בייא זייערעם ארויסשטייגען פון שיף איינגעקעהרט מיט איהם (מיט דעם קינדע) צוריק אין דער קאלאניע, אונ האט איהם איינינגע וואכען וואס זיא וואר דארט נאך איהר קומען צוריק, ערצויגען אונ געגאנצעט וויא איין איינענעם קינד אונ עס האט דארטען קיין אויפזעהען (זנאצעניע) געמאכט בייא דיא סקלאווען אונ ניט בייא דעם פערוואלטער, דען עס איז דארט אין אלע קאלאניען וויא צוא זאגען אן דער טאגעס-ארדנונג (דנעווני פאריאדאק) (אמער. געש.)

דאס

דאס דיא סקלאווען־מיידכען געבעהרען קינדער וויא דיא רינדער, אהן חופה וקדושין אונ אהנע צוא וויסען פון וועמען אונ פון וואס, צוא פון איינעם פרעמדען, צוא פון איינענעם בעל הבית, אונ ווייל זיא (דיא קוואדראנקע) וואר דאך שוין איינמאל איינע קאמערדינערין בייא דער דינה אונ בייא דער הולדא איבער דאס גאנצע באדעצייט (וויא עס האט געהייסען דעם שיינע נאך), זא האט זיא געהאט דאס רעכט צוא בעזוכען זייער אפט דיא דינה אונ דיא הולדא מיט דעם קינדע אויף דעם ארעם. אין דער טהאט וואַרען עס קיינע ליידיגע בעזוכע (פוסטע בעזוכע) אוים איינער הוילען פריינדשאפט. דיזעס איז געשעהען אום דאס זייא ביידע (דינה אונ הולדא) זאלען האבען איינע גוטע געלעגענהייט דעם קליינען מונק (דען אזוי האט ער געהייסען) צוא זעהען, פלעגען זיך דאן ביידע זאט אנשפילען מיט איהם, אויסקוסען איהם אלע גלידער, רייכליך בעשייגקען אונ ענטלאסען איהם פון זיך מיט וויהעמוטה. דאך אין פערלויף פון אפאר מאנאטע האבען זייא איהר אריינגענומען צוא זיך אין שטוב פיר איינע נארדעראבייאנקע אדער צאפע *), דען זיא האט ווירקליך זייער גוט פערשטאנען וויא אנצוציהען (אנצוטאן) פארנעהמע דאמען אין אלע צייטען. אין גרונד אבער וואר עס געטאן נור אום צוא האבען דיזען קליינען מונק אימער לעבען זיך. נון מיינע לעזער אונ לעזערינען צוריק צוא אונזערען אראן.

וויא מיר ווייסען שוין פון פריהער וואר דער אראן שוין פון לאנג העכסט אויפגעבראכט אויף דעם הוגא אונ אויף זיינעם זון וועגען דעם וואס ער (דער הוגא) איז געווארען זיין מיטערבער, אונ זיין זון ווייל ער האט זיך ערפרעכט צוא ליבען זיך אין זיינער טאכטער. בייא אלעם דעם איז עס נאך צוא קיינער עפענטליכען פערפאלגונג (רדיפה) ניט געקומען, ער האט נור אונטערבראכען (איבער געריסען) זיינע ביז־העריגע פריינדשאפט מיט זייא. ער האט זייא ביידען אויסגעמידען וויא דיא פעסט, האט אויפגעהערט צוא געריסען זייא בייא זיינעם בעגעגענען זיך מיט זייא, דעם מוראט האט ער פערוויזען (פערבאנט) אוים אלע גרענצען פון זיינעם געביט (אבלאסט), האט זיך לוסטיג געמאכט איבער זייא אין גרויסע געזעלשאפטען, האט זייא זייער אפט צוגעפיגט (אנגיטאן) מאנכען שאדען אינם געהיים, אונ זייא האבען עס שטילערהייט פער־שמערצט

*) צאפע הייסט, וויא מיר האבען שוין ערקלערט, אזוי איין קאמערמיידכען וואס פערשטייט וויא צוא רעכט צו מאכען דיא הארע פון איהרער ווירטהין, אונ וויא אוים צוא פוצען איהר געמאס (וועדליג) דיא יאהרעס צייטען אונ וועדליג דעם ארט וואו זיא דארף גיין.
(אמער. געש.)

שמערצט (פערליטען), אונ עס וואר אלזוי וויא צוא זאגען מעהרערע צייטען איין שנאה כבושה צווישען זייא ביז עס האט זיך איינגעשטעלט (געמאכט) איינע אורזאכע וואס האט געפיהרט (געבראכט) צוא איינעם עפענטליכען אויסברוך (איין אפענער קריג).

אונ דיזע אורזאכע וואר, דאס דער ארזן האט וויינד בעקומען (איינע ידיעה געהאט) דאס דער מוראט, טראץ דעם וואס ער האט איהם זייער שטרייענג פערוויזען (פערבאטען) אביין צוא טרעטען אין דיא גרענצען פון זיינעם געביט (אבלאסט) מאכט ער געהיימע צוזאמענקינפטע (צוזאמענקומונגען) מיט זיינער טאכטער אונ דאס זיינע טאכטער איז איהם אלזוי נאך צוגעטאן מיט לייב אונ מיט לעבען. איין בעווייז דער צו וואר איהם דאס זיינע טאכטער שלאגט אוים (וויל ניט) קיין איינציגען שידוך פון אלע שידוכים וואס ווערען איהר פארגעשלאגען.

אונ דיזעם דערוויסען זיך האט איהם אזוי ווייט אויפגעבראכט אויף דעם מוראטען דאס ער האט ביי זיך בעשלאסען, דאס אום צוא זיין זיכער מיט איהם, דאס הייסט דאס ער זאל ניט זיין אים שטאנדע צוא פערפיהרען איהם זיינע טאכטער אונ ווידער דאס עס זאל איהר (זיינע טאכטער) אויך דיא לוסט פערגיין צוא ליבען איהם מעהר, האט ער זיך בעשלאסען איין צואשפערען איהם אויף געזעצליכעם וועגע (זאקאנים פאריאדקאם) אין איינעם שווערען געפיינגניסס, וואו ער זאל דארט פערבלייבען ביז צום יונגסטען טאג (עד יום האחרון) אונ פילייכט נאך מיט דעם לעבען ביסען (בעצאלען מיט דעם לעבען) אונ ער האט עס זייער לייכט אויסגעפיהרט. ער האט איהם אנגעגעבען פאר דער דארטיגען רעגירונג פיר איינען אבאליציאניסטען *), אונ האט עס בעוויזען דורך איינע בראשורע (א קליינעם חבור), וואס ער (דער מוראט) האט עס פערפאסט איבער דיזען געגענשטאנד (פרעדמעט), דאס

*) איין אבאליציאניסט וואר אנגערופען דאן אין יענע לענדער איין יעדער וואס וואר איין געגנער פון דער סקלאווערייא. דיזער נאמען וואקסט ארוים פון דעם לאטיינישען ווארט „אבאליציאן“ (אבשאפונג), אונ דאהער וואר אנגערופען דער יעניגער וואס האט געוואלט דאס מען זאל אבשאפען דיא סקלאווערייא, מיט דיזעם נאמען „אבאליציאניסט“ דיא דארטיגע רעגירונג וואס האט געוואלט דורכאוים דער האלטען דעם סקלאווענשטאנד האט דאן זייער שטארק רודף געוועזען אזעלכע לייטע וואס האבען געוואלט עס אויסקאסירען. אונ עס ווארען דאהער פילע פון אזעלכע גוט געזינטע לייטע פערארטהיילט (פערמשפט) פון

(אמער. געש.)

דָאס הייסט איבער דיא בעפרייאונג פון דיא סקלאַווען , וָואס דיזעס וואר דאַן דָארט איין קרימינאַל פערברעכען וָואס מען וואר דורך דעם פערפאַלען (פּאַדוועַרגנוט) דָארט דעם שטרייַנגסטען געזעטץ , אונ ער (דער מוראט) וואר אַבײַנגעזעצט וויא צוא זאָגען אויף טויט אונ אויף לעבען . אונ דיזעס האָט וויא עס פערשטייט זיך פון זעלבסט , העכסט געקריינקט דעם הוגא , דאָס גלייכען דער דינה דען ער (דער מוראט) וואר איהר נאָך ליב , אונ האָט ווירקליך געהאַט געהיימע צוזאַמענקינפטע מיט איהם זעלבסט נאָך איהר צוריק קומען פון טענעריפא , וויא איהר פּאַטער האָט עס פערמוטהעט , אונ וואַרען צוא געטאָהן איינער דעם אַנדערן מיט נאָך פיל מעהר אינטערעסע אַלס פריהער , דען דיזער קליינער מונק וָואס איז זייא געוואָרען געבאָרען האָט זייא נאָך פיל איינער פערבונדען אַלס פאָרהער . נור דיא דינה האָט געמוזט האַלטען מויל , דאָס הייסט קיין וואָרט שפּרעכען מיט איהרעם פּאַטער איבער דאָס פּעסטזעצען פון איהרעם געליבטען אונ האָט איהם בעוויינט אינס געהיים .

זעלבסט דיא הולדא איהרע מוטער וואר אויך ניט צופרידען מיט דיזעם בלוטיגען שטרייך (שטוקא) וָואס איהר מאַן האָט איצונד געשפּילט דעם מוראטען , דען דער קליינער מונק וואר איהר אויך צוא ליב אונ צוא טייער אום צוא מאַכען איהם פיר איינער ווייזע (יתום) אונ דערצו נאָך פיר איין סקלאַווענקינד . דען ער האָט זיך דאָך דאַן סציטאַעט פיר איינע געבורט פון דער קוואדראנקע וָואס איז איינע סקלאַווין נור . אונ אַלס זיא האָט גענומען איינע ערנסטע (סעריאָזע) ריקשפּראַכע (פערעגאָוואר) מיט איהרעם מאַן דאַריבער דאָס ער האָט דיזען בלוטיגען שריט ניט געדאַרפט טאָהן , אונ צוא גלייך איהם געראַטהען דאָס ער זאָל אַלע מעגליכקייטען טאָן אום זיינע בעפרייאונג , זאָגסט וועט עס פיהרען צוא איינעם אונגליק פיר ביידע צדדים , דען דער הוגא איז פיל רייכער פאַר איהם , אונ מעהר טהאַטיגער (דיעלנער) אַלס ער . דאָ האָט ער (דער אראן) איהר גאַנץ אונ גאָר אויסגעלאַכט , אונ דערצו נאָך געמאַכט איהר העכסט ביטערע פאָרווירפע (רונאַטעלסטוועס) פאַר וָואס זיא האָט איהרע טאָכטער ניט געוועהרט איהר אומגאַנג מיט דעם מוראט ביז אַהער , וויא עס האָט אַמאָל געמאַכט זיין שווינערפאַטער אבראם

---

איהר צום הייַנגען , אונ דיזעס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז עס איז געקומען צוא איינעם בלוטיגען קריג דאַריבער וָואס האָט געקאָסט דאָס לעבען פון מיליאָנען מענשען , אונ האָט זיך בעענדעט מיט דער בעפרייאונג דער סקלאַווען .

(אמער. געש.)

אבראם זיינער שוויגערמוטער פאר וואס זיא האט ניט געוועהרט דיא הולדען זייער טאכטער צוא האבען איין אומגאנג מיט איהם (מיט דעם אראן), אונ זיא (דיא הולדא) איז געבליבען פון דאן אן פערשוויגען וויא איהר טאכטער דיא דינה.

דיזעם אליין וואר נאך דעם אראן ניט גענוג, עס וואר איהם נאך צוא ווייניג דאס איינזעטצען מוראטס, אונ צו גלייך דיא סטאראנגע צוא פערוויקלען איהם אין איינעם בלוטיגען פראצעס, וואס עס וואר איהם דערביי נאך האלב צוא ענטשולדיגען דאס ער האט עס געטאהן נור אום דאס דער מוראט זאל ניט זיין מעהר אים שטאנד צוא ענט=פיהרען זיינע טאכטער, גיין, עס האט זיך איהם נאך געוואלט אברע=כענען זיך אויך מיט זיינעם פאטער, מיט דעם הוגא פיר דעם וואס ער וואר זיין מיטערבער, אונ האט איהם אויך אנגעהייבען צוא פער=פאלגען (רודף צוא זיין) מיט וואס נור מעגליך איז. ער האט אויפגעוויזען אויף איהם דאס ער האט אין זיינער קאלאניע ביעגלע שטראפלינגע (פערמשפטע), דאס ער איז מעלים (ער גנבעט) זייער פיל פאשלינע פון זיינע פאבריקען אונ פון דיא מאטעריאלען וואס ער לאזט ברייננגען פון אויסלאנד צום געברויך פון זיינע פאבריקען, דאס גלייבען האט ער זייער שטארק אנגענריפען זיינע פערזאנליכקייט (ליצנאסט). אזוי צום ביישפיל אלע קאנווערטען איינצולויפען (אנצוקומען) צוא פלעגען וואס דעם הוגא פון דער שטאדטס=דומא וואס דער אראן וואר דארט אצלען, ווארען אדרעססירט צוא איהם (צוא דעם הוגא) אויף דעם בעפעהל פון דעם אראן מיט דיזער אויפשריפט: „אן דען בעפרייטען סקלאווע הוגא“ אונ האט איהם אלזוי לויט דעם דארטיגען דאמאליגען געזעטץ אלס געוועזענער סקלאווע פערוועהרט צוא קויפען נאך א פערמע, דען דער הוגא וואר דאן איין מיליאנער. דען אויסער דעם גרויסען פערמעגען וואס ער האט געערבט פון דעם איזאק, איז איהם זייער גוט געגאנגען אין זיין קליינע פערמע וואס דער איזאק האט איהם פערשיינקט נאך בחייו, דען ער וואר איין גרויסער ווירטה אונ האט איהר פערמעהרט אונ פערגרעסערט פון טאג צוא טאג, אונ האט דערצו נאך געפיהרט איין העכסט עקאנאמישעס לעבען, אונ זיינע סקלאווען ווארען איהם טריא אונ גינציג, דען זיא האבען געהאט דיא בעסטע בעהאנדלונג פון איהם.

קורץ געזאגט, ער האט איהם געטאהן ווינד אונ וויה פון אלע קאנטען, אהנע זיך צוא פירכטען דאס ער זאל קענען וואס צוריק אבטאהן, דען ער האט איהם געשיינט פיר אונמאכטיג אונ פיר צוא קליין דאס ער זאל איהם קענען אים מינדעסטען שאדען, ווייל איין

בֶּעפְֿרַייטֶער סְקְלַאוֶוע וַואר דַאן דָארְט נָאךְ פִֿיל נִידֶערִיגֶער אַלְס דִיא יוּדֶען וַוארֶען אַמָאל אִין פּוֹילֶען וָואס הָאבֶּען קַיין קָאפּ נִיט גֶעקֶענְט אוֹיפְֿהֵייבֶּען גֶעגֶען דֶעם אַדֶעל. לֵיידֶער אָבֶּער הָאט עֶר זִיךְ גַאנְץ גֶעאִירְט אִין דֶעם אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַלְזוֹי דִיא בִּיטֶערֶע עֶרְפַֿאהרוּנְג וִויא וַואהר עֶס אִיז דָאס שְׁפְּרִיכְוָוארְט: „קַיין פַֿיינְד זָאל דִיר צוּא קְלֵיין זַיין" וִויא מִיר וֶועלֶען עֶס דָא בַּאלְד דֶערְצֵיילֶען. נוּר פְֿרִיהֶער מוּזֶען מִיר אַייךְ, אוּנְזֶער לֶעזֶער אוּנ לֶעזֶערִינֶען, אַיין עֶטְוָואס מִיטְטְהֵיילֶען פֿוּן דֶער דַאמָאלִיגֶען לַאגֶע פֿוּן דֶער דינה.

דִיא דינה וַואר דַאן אִין אַיינֶער גְרוֹיסֶען קְלֶעמֶע. אִיהר הֶערְץ וָואס וַואר עֶרְגֶעבֶּען אִיהרֶעם גְרוֹיס-פָּאטֶער, דֶעם אראן אוּנ צוּגְלַייךְ דֶעם הונא, דֶעם פָּאטֶער פֿוּן אִיהרֶעם גֶעלִיבְּטֶען מוראט, הָאט גֶענוּג גֶעלִיטֶען דַאן פֿוּן זַייא בֵּיידֶען וִויא דֶער אַייזֶען וָואס לִיגְט צְוִוישֶׁען הַאמֶער אוּנ אַמְבָּאס (קַאוַואדְלֶע). זִיא וַואר שׁוֹין דַאן אַיין מֵיידְכֶען פֿוּן אַ יָאהר אַכְצֶעהן אוּנ וַואר שׁוֹין אַלְזוֹי גֶענוּג מִינְדִיג (סָאוֶוערְשֶׁענָאלֶעטְנֶע) דָאס אִיהר אָפֶּעקוּן וָואס עֶס וַואר עֶס אִיהר פָּאטֶער, הָאט שׁוֹין נִיט גֶעטָארְט קַיין שְׁרִיט טָאן אִין דֶער פֶּערְמֶע וָואס עֶס וַואר אִיהר פֶּערֶערְבְּט פֿוּן דֶעם איזאק אוּנ זַיינֶער פְֿרוֹיא אָהנֶע אִיהר וִויסֶען (פֿוּן דינה) אוּנ פְּשִׁיטָה שׁוֹין קַיין גֶעלְד לֵייהֶען אָהנֶע אִיהרֶע אוּנְטֶערְשְׁרִיפְֿטֶען. אוּנ דִיזֶעס וַואר דֶעם אראן אַיין גְרוֹיסֶער שְׁטְרִיק (שְׁטֶערֶענֶעם) אִין דִיא פֶּערְהֶאלְטְנִיסֶע (אָבְּסְטָאיַאטֶעלְ-סְטְוָועס) פֿוּן זַיינֶעם לֶעבֶּען. עֶרְשְׁטֶענְס וֶועט אִיהם זַיין זַייעֶר שְׁוֶוער צוּא מַאכֶען נַייעֶ שׁוּלְדֶען. צְוֵוייטֶענְס הָאט עֶר גֶעהַאט דַאן בְּדֵעָה צוּ וֶוערֶען פְּרֶעזִידֶענְט אִין דֶער דָארְטִיגֶען דוּמָא אוּנ דִיזֶעס קֶען מֶעהר נִיט וֶוערֶען וִויא נוּר אַיין אָבִּיוַואטֶעל, דָאס הֵייסְט וָואס הָאט אַיין אַייגֶענֶעם גוּט, אַלְזוֹי הָאט עֶר בֶּערֶעדֶעט (אַיינְגֶערֶעט) דִיא דינה דָאס זִיא זָאל דִיא פֶּערְמֶע פֶּערְשְׁרֵייבֶּען אוֹיף זַיינֶעם נָאמֶען, דָאס הֵייסְט דָאס זִיא הָאט עֶס אִיהם גַאנְץ אוּנ גָאר אַוֶועקְגֶעשֵׁיינְקְט. „וָואס וֶועסְט דוּא דֶערְבַּייא פֶּערְלִירֶען הָאט עֶר אִיהר גֶעזָאגְט. זַייא וִויא עֶס זַייא וֶועסְט דוּא דָאךְ אַלֵיין זַיין מַיינֶע עֶרְבִּין, דֶען מִיר הָאבֶּען דָאךְ אוֹיסֶער דִיר קַיינֶע קִינְדֶער. נוּן וָואס אִיז דִיר דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צוּא דִיזֶע פֶּערְמֶע אִיז מַיינֶע אָדֶער דַיינֶע" אוּנ זִיא, וָואס וַואר נָאךְ קִינְדִישׁ אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ גַאנְץ עֶרְגֶעבֶּען דֶעם גְרוֹיס-פָּאטֶער, הָאט דִיזֶען שְׁרִיט גֶעטָאן, הָאט גֶעלָאזְט אַקְטִיקִירֶען דָאס זִיא הָאט דִיזֶע פֶּערְמֶע פֶּערְשֵׁיינְקְט דֶעם גְרוֹיס-פָּאטֶער. אַזוֹיא וַואר דַאן דִיא לַאגֶע דינעם. אוּנ דִיזֶעס וַואר פִֿיר דֶען הונא דַאן וִויא גֶערוּפֶֿען, דָאס הֵייסְט גַאנְץ עֶרְווינְשְׁט. דֶען קוֹים הָאט עֶר זִיךְ עֶרְוִויסְט דֶער פֿוּן, הָאט עֶר אוֹיפְֿגֶעהֵייבֶּען דִיא הֶענְט צוּם הִימֶעל אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: נוּן דַאנְקֶע אִיךְ דִיר גְרוֹיסֶער שֶׁאפֶֿער, דוּא הָאסְט מִיר מַיין פַֿיינְד אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין מַיינֶע הֶענְט אוּנ אִיךְ וֶועל אִיהם מַאכֶען פִֿיל מֶעהר אוּנְשֶׁעדְלִיכֶער פִֿיר



מִיךְ

מיך אַלס ער מיינט צוא מאַכען מיינען און, דאָך מיט דעם אונטערשייד: ער מיינט צוא מאַכען איהם אונשאַדליך דורך איינען בלוטיגען פּראָצעס אונ איך וועל איהם מאַכען אונשעדליך פיר מיך נור דורך איינע גרויסע אַרמוטה, דען איך וועל איהם צום בעטטעלשטאַב ברינגען, דען אָרעם ווערען הייסט אויך געשטאָרבען *).

באַלד דאַרויף האָט ער אָנגעהייבען איינצוקויפען אַלע וועכסלען זיינע פון פערשידענע גלייביגער (מַלְוִים), מאַנכע פיר האַלב געלד, מאַנכע פיר ניינציג פּראָצענט, אויסגענומען דיא שטאַאַטסשולדען (פון קאַזאָנע פּאַלאַטע) וואָס ער האָט איינגעצאַלט אין גאַנצען, וואָס אים אַלגעמיינען (בִּכְלַל) וואַר ער איינע סומא וואָס האָט איבערגעשטיגען דעם ווערטה פון דער פערמע אונ האָט אָנגעהייבען צוא מאָנען איהם דער מיט זייער שטרייענג דען דיא פערמע געהערט דאָך שוין איצונד צוא איהם. אונ דיזער אונגעריכטער שטרייך (שטוקא אָדער היטראָסט) האָט איהם (דעם אראָן) ביי דער ערשטען מעלדונג (אָבּיאַוולעניע) דאַריבער פון געריכטס-הויז גאַנץ בעטייבט (פערגלושעט).

דען עס וואַר איבער זיינע ערוואַרטונג, דאס ער האָט זיך ניט געקענט האַלטען אויף זיינע פיס. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איינעם זאָפאַ אונ איז געבליבען ליגען מעהר אַלס איינע שטונדע וויא אָן זיך אונ וויא נור ער האָט זיך איין עטוואָס אויסגעצוכעט האָט ער אויסגעשריען דיא וואָרטע (ווערטער) ,,מצאתני אויבי (אָ, מיין פיינד, דוא האָסט מיך בעקומען) מיט דער זעלבען שטימונג (געמוטה) וויא אַמאָל דער אַחאב מלך ישראל האָט דיא זעלבע וואָרטע געזאָגט ביי זיינעם אויסהערען פון אליהו הנביא'ס מונד דיא בלוטיגע גזרה נאָטעס איבער איהם דאָס דיא הונדע וועלען טרינקען זיין בלוט אין דעם זעלבען אָרט וואו ער האָט געלאָזט ערמאָרדען נבות יזרעאל. אונ ווייל ער וואַר דאַן אין זיינעם קאַבינעט גאַנץ אַליין, דאס הייסט עס וואַר נימאַנד מיט איהם, האָט ער עס געמאַכט דערוויילע איין געהיימניס פיר זיינע פרויא אונ זיינע טאָכטער, דען וויא מיר ווייסען האָט ער געהאַט געגונג אורזאַך צוא פירכטען זיך דער מיט פאַר זייא ביידען, פאַר דער פרויא ווייל זיא האָט איהם איטער געוועהרט רודף צוא זיין דעם הוגא, נון וועט ער הערען פיר געוויס איינע גרויסע פריידיקט פון איהר פון אונטער דעם פאַרהאַנג, דאס עס וועט איהם פערגיין זעהען אונ הערען. מעהר נאָך האָט ער געפירכטעט פאַר

*) כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך, שירדו מנכסיהם שהעני חשוב כמת.

(אמער, נעש.)

פאר דיא טאכטער. דען דיזע מעלדונג בעריהרט דאך איהר מעהר אלס איהם. דען עס בעלאנגט דאך איהר גאנצעס איינענטהום, אונ דיזעס איז דיא פערמע וואס וואר איהר פערערבט פון דעם איזאק אונ זיינער פרויא. אלזוי האט ער פערשוויגען פאר זייא מעהרערע טאגע אין דער האפענונג דאס ער וועט זיך נאך פילייכט ארויסקראטירען פון דיזער קאבאלע (קלאפאט).

ער האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען אום דיזען פראצעס אין דיא לייננ צוא ציהען, האט עס איבערגעגעבען איינעם גרויסען אדוואקאט וואס האט זיך בעמיהעט צוא פראטעסטירען יעדען וועכסעל בעזונדער. עס וואר אבער פערלארענע מיהע. דען דער הוגא האט אויך ניט געשלאפען דער בייא. ער האט אלע היגדערניסע (פרעפיאטסטוויעס) וואס דער אראן האט איהם געלייגט אין וועג, בעזייטיגט (אוסטראניאעט) דורך טויזענד דאלאר. אונ ערסט דאן אלס עס איז שוין ארויס איינע רעשעניע דאס מען זאל דיא פערמע ליציטירען פובליצנע אום צוא טילינען (בעצאלען) דיא גרויסע שולד דעם הוגא גנעמעדלענא, האט ער עס ענטדעקט זיינער פרויא מיט זיינער טאכטער מיט איינעם צערקנירשטען הערצען (מיט געבראכענעם הערצען) אום דאס זייא ביידע וואס וואר פון דאן נאך בעפריינדעט מיט דעם הוגא זאלען אין איהם דרינגען מיט ביטען אונ קיינע טרערען שפארען, דאס ער זאל איהם זייערט ווילען ניט אזויא האסטיג טרייבען צוא איינער פראדאזע אונ דאס ער זאל איינוויליגען אוים צוא צאלען איהם דיא שולד ראטעס ווייס, זאנסט בלייבען זייא אונגליקליך צייט זייא וועלען לעבען.

קיינע מענשליכע פעדער וואר אים שטאנדע צוא בעשרייבען וויא עס וואר דעם אראן דאן צוא מוטה אלס ער האט זייא מיטגעטהיילט, נאך מעהר וויא עס וואר דאן צוא מוטה דער מוטער מיט דער טאכטער בייא זייער דער וויסען זיך דער פון. זייא האבען געוואלט דעם אראן אויפעסען אונ ער זעלבסט האט זיך געוואונשען דעם טויט דאס עס איז אזויא ווייט געקומען מיט איהם דאס דער הוגא, איין בעפרייטער סקלאווע, איין באסטארד (איין ממזר) זאל איהם אזויא ווייט רודף זיין אונ דער צו נאך איז אין דעם קיין אנדערער שולדיג אלס ער זעלבסט מיט זיינעם שלעכט לעבען אונ מיט זיינעם וועלען פערפאלגען אזויא איינען פיינד וואס וואר הונדערט מאל אזויא רייך וויא ער. אונ וואס אין דער וועלט קען איינעם אזויא פיל פלאגען אלס איינע זעלבסט פערקלאגונג, דאס הייסט אלס מען ווייס דאס מען האט זיך אליין וויה געטאן, וויא דער פאל וואר דא מיט איהם?

## 12.

## דאס ענדע.

דיזע טרויעריגע מיטטהיילונג וואר געשעהן געגען אבענד אונ עס וואר אלזויא שוין צוא שפעט אום צוא ערשיינען מיט אזויא איינעם לאסטיגען אונ טרויעריגען בעזוך צוא דעם הוגא דעם נאכטס וואס דאן שוועלגט (הולעט) דער הוגא פערגעוויס וויא אלע אנדערע פערמער מיט זיינע שיינע סקלאווינען אין זיין קאבינעט וויא איין סולטאן אין זיינעם הארעם בפרט דאס ער האט דאך קיינע פרויא געהאט אונ אלזא האבען דיזע ביידע פרויען געמוזט אויפשיקען (אבלייגען) זייער שמערצענס גאנג אויף מארגען פריה ערסט, אונ האבען אלזויא פערבראכט דיזע נאכט וואס זייא ווארען אין איהר וואך אונ קיין אויג ניט צוגעטאן ביז בעגינען, זייא האבען איהר פערבראכט אין וויינען אונ גריינען, דיא טאכטער (דיא דינה) האט געיאמערט פיל מעהר אלס דיא מוטער אוים פורכט דאס ווען דיא פערמע איהרע וועט ווערען פערקויפט פאר=ליצעטאציע וויא געוואוינליך מיט דיא סקלאווען צוזאמען, וועט דאך ווערען אויך איהר קליינער מונק, וואס איז אויך געצייכנעט אין דעם רייסטער פון דיא סקלאווען=קינדער, מיינענד דאס ער איז ווירקליך איינע געבורט פון דער קוואדראנקע וואס איז איצונד ביא איהר איינע צאפע, ווערען פערקויפט אונטער אלע אנדערע סקלאווען-קינדער אונ דערווייסט ווער עס וועט זיין דער קויפער, דען זיא וואר נאך ניט ביא זיך געוויס דאס דער הוגא וויל דיזע פערמע דערהאלטען פיר זיך. אונ געזאגט (פאלאזים) דאס ער וויל עס יוא, ווער ווייסט צוא איז ער אים שטאנדע צוא ערהאלטען פיר זיך, דען זיא האט נאך געוואוסט דאס דיא סומא פון זיינע אלע שולדען איז הינרייכענד (גענוג) צוא דעקען דעם ווערט פון דער פערמע. אונ עס האט איהר געשווידערט פאר דעם געדאנקען דאס איהר מונק זאל ווערען אלס סקלאווע פערקויפט אונ צוגלייך אזויא בעהאנדעלט.

פלעצליך אבער האט אויפגעטויכט (איז אויפגעשוואומען) איין גליק=ליכער געדאנקען אין איהרעם געהירן (מוח) וואס האט באלד בערוהיגט איהרע זארגען איבער איהרע צוקונפט (בודושצנאסט) אונ איהרע זארגען איבער דיא צוקונפט פון איהרעם קליינען מונק. „גיין, מיינע ליבע מוטער, האט זיא זיך אבגערופען צוא זיך זעלבסט, זאל ניט מיט גיין מיט מיר צוא דעם הוגא. ערשטענס וייל איך וייס דאס ער איז איר ניט אזויא גוט וויא זיא מיינט אונ וועט אלזוי גאנץ ווייניג אויסווירקען ביא איהם מיט איהרעם גיין צו איהם אונ איך וויל אזויא איהר ערשפארען דיזען

פֿיינְדְליכֶען אונ צוּגְלייך אוּמְזִיסְטֶען גַאנְג , אוּנ דָאס גְלַייכֶען מִיר דֶעם פֶּערְדְרוּס אוּנ דִיא קְרֶיינְקוּנְג צוּא צוּזֶעהֶען איהר שְׁטֵייהֶען פַאר אִיהם . וָואס וַואר אֵיינְמָט אִיהר סְקְלַאוֶוע , אַלְס אֵיינֶע בֵּיטֶענְדֶע אוּנ וָוערֶען נָאךְ דֶער צוּא אָבְּגֶעפֶערְטִיגְט פוּן אִיהם מִיט לֵיידִיגֶען . דֶען אִיךְ קֶענֶע אִיהם דָאס עֶר אִיז נָאךְ רַאכְזִיכְטִיג (נוקם ונוטר) וִויא דִיא נֶעגֶער וָואס עֶר שְׁטַאמְט דָאךְ אַרוּים פוּן זֵייא . אוּנ צְוֵוייטֶענְס הָאבּ אִיךְ וָואס צוּא רֵיידֶען מִיט אִיהם וָואס אִיךְ וָועל עֶס נִיט קֶענֶען פוּן מֵיינֶעם מוֹיל אַרוֹיס־בְּרֵיינְגֶען אִין אִיהר גֶעגֶענְוַוארְט (דֶערְבֵּיי זַיין) , אוּנ גְלוֹיבֶּע אוּים צוּא וִוירְקֶען בֵּייא אִיהם וָואס גוּטֶעס וִויא אַמָאל דִיא אסתר בֵּייא דֶעם אחשורוש .

זִיא הָאט זִיךְ מִיט דֶער מוּטֶער בֶּעשְׁפְּרָאכֶען דַארִיבֶּער אוּנ זִיא (דִיא מוּטֶער) הָאט אֵיינְגֶעשְׁטִימְט דֶער צוּא גַאנְץ ווילִיג , דֶען וִויא דִיא וַואהר־הַייט צוּא זָאגֶען וַואר אִיהר וִוירְקְלִיךְ הֶעכְסְט פֵּיינְלִיךְ צוּא גֵיין אַלְס בֵּיטֶענְדֶע צוּא דֶעם הוגא . אוּנ דִיא דינה אִיז אַלֵיין אַוֶועק צוּא אִיהם אִין זַיינֶער פֶּערְמֶע בֵּייא קְלֵיין בֶּעגִינֶען רַייטֶענְד אוֹיף אֵיינֶעם פֶּערְד , אִין בֶּעגְלֵייטוּנְג פוּן אִיהר צָאפֶּע וָואס אִיז אִיהר נָאכְגֶערִיטֶען מִיט זֵיינֶעם קְלֵיינֶען מונק אוֹיף אִיהרֶעם שׁוֹיס . דִיזֶער מוּנְק זַיין אֵיינִיקֶעל וַואר אִיהם לִיבּ אוּנ טַייעֶר . עֶס וַואר אִיהם אֵיינֶע פְרֵיידֶע אִיהם צוּא זֶעהֶען אוּנ צוּא שְׁפִּילֶען מִיט אִיהם . דֶען דִיזֶע צַאפֶּע וַואר זַיין מַאמְקֶע אוּנ זִיא פְלֶעגְט אִיהם צוּא בְּרֵיינְגֶען צוּא אִיהם אַלֶע וָואךְ אוּנ עֶר (דֶער הוגא) פְלֶעגְט אִיהם קוּסֶען אוּנ הֶערְצֶען אוּנ רַייכְלִיךְ בֶּעשֵׁיינְקֶען יֶעדֶעס מָאל דִיא צַאפֶּע פִיר דִיזֶעס פֶערְגֶענִיגֶען וָואס זִיא הָאט אִיהם פֶערְשַׁאפְט . אַלְזוֹי וַואר דִיזֶער קְלֵיינֶער מוּנק מִיט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיזֶעם פֵיינְלִיכֶען גַאנְג אַלְס אֵיין הִילְפְס מִיטֶעל , אוּם צוּא עֶרְרֶעגֶען (מְעוֹרֵר צוּא זַיין) מִיט זַיינֶער גֶעגֶענְ־וַוארְט מִיטְלֵייד בֵּייא דֶעם הוגא וָואס אִיז זַיין נַאטִירְלִיכֶער גְרוֹיספָאטֶער . זִיא הָאט דֶעם הוגא דֶערְוִוישְׁט זִיצֶענְד בֵּייא אַ גְלָאז גְרָאג (פָּאנְשׁ) . עֶר וַואר אַלְזוֹי דַאן אִין אֵיינֶעם גוּטֶען הוּמָאר אוּנ זִיא הָאט אַלְזוֹיא גֶעהַאט אֵיינֶען הֶעכְסְט וַוארֶעמֶען עֶמְפְּפַאנְג , דֶען עֶר וַואר אִיהר וִוירְקְלִיךְ גוּט אוּנ דָאס גְלַייכֶען זִיא אִיהם . זִיא פְלֶעגְט אִיהם צוּא מַאכֶען זַייעֶר אָפְּט גֶעהֵיימֶע בֶּעזוּכֶע אוּם צוּא עֶרְפָארְשֶׁען פוּן אִיהם וִויא עֶס הַאלְט מִיט אִיהרֶעם גֶעלִיבְּטֶען מוראט אוּנ פְלֶעגְט דָארְט בֵּייא אִיהם אִיהרֶע אוֹיגֶען רוֹיט וַויינֶען בֵּייא יֶעדֶעם מָאל וָואס זִיא הָאט בֶּעקוּמֶען פוּן אִיהם (דֶעם הוגא) שְׁלֶעכְטֶע נַאכְרִיכְט אִיבֶּער אִיהם אוּנ הָאבֶּען וִויא צוּא זָאגֶען אַרֵיינְגֶעוַויינְט זִיךְ הֵייסֶע טְרֶעְרֶען דַארִיבֶּער אֵיינֶער אִין דֶעם אַנְדֶערֶענְס אוֹיגֶען . אַלְזוֹי קֵיין וואוּנְדֶער דָאס עֶר וַואר הֶעכְסְט גֶערִיהרְט בֵּייא זֵיינֶעם עֶרְזֶעהֶען אִיהר אַזוֹיא אָבְּגֶעהַארְמְט (אָבְּגֶעצֶערְט) , פֶערְקִימֶערְט , הֶעכְסְט נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶען , אֵיין וַואהרֶעס יָאמֶער־בִּילְד אוּנ דֶער צוּא נָאךְ

וויסענדיג

וויסענדיג ביא זיך דאס נאר ער איז דיא אורזאכע פון איהרע איצטיגע צערקנירשונג (געבייגטהייט), דען מיט זיינעם וועלען וויה טאן איהרעם פאטער, וואס זיא איז איהם העכסט ערגעבען האט ער איהר גאנץ אונגליקליך געמאכט, פיל מעהר אלס איהם, דען דיא פערמע וואס עס דארף אונגעזאמט ווערען ליצִיטירט, איז דאך נור איהרע. נון ווארט איהם העכסט לייד איהר ווייה צוא טאן ווידער זיינעם ווילען נור אום איהר פאטערס ווילען וואס ער האט עס ביא איהם גאנץ כשר פערדינט: ער וואר אזויא ווייט געריהרט דער פון דאס עס האבען איהם זיינע אויגען געוואססערט, דאס ער האט איהר ניט געלאזט צוא ווארטען קאמען (דאס הייסט וואס ריידען), דען ער האט זיך אבגערופען צו איהר מיט דיזען ווארטען, בעפאר זיא האט נאך אויסגעזאגט איין ווארט צוא שפרעכען מיט איהם איבער איהר טרויעריגעם אנליגען (טרעבאוואניע. פראסבא):

„פערשוינע מיך מיין קינד" האט ער זיך אבגערופען צוא איהר מיט איינער ציטערנדען שטימע „פערשוינע מיך מיט דיינעם פילייכט נאך גע־רעכטען אנליגען (טרעבאוואניע) אונ נאך מעהר מיט דיינעם אנקלאגען מיך פאר מיר זעלבסט, ווייל איך געפין עס פיר גאנץ איבעריג אונ ווייל עס וועט צוא גאר ניכטס פיהרען, דען דיין פאטער מוז דורכ־אוים ליידען אונ איך וועל איהם פיר קיין פאל ניט פערצייהען, דען ער האט מיינען זאהן פערוויקעלט אין איינעם בלוטיגען פראצעס (דועלא) אונ גאט וויים צוא וועל איך איהם קענען דערהאלטען ביא דעם לעבען. דען ער האט איהם זייער שווער אנגעקלאגט אונ מיך האט ער העכסט אינפאם (שאנדליך) בעליידיגט. אלזוי מוז ער דורכאוים זיינע שטראפע האבען, איך וועל איהם צום בעטלער מאכען אונ ניט אנדערס. אונ דיזעס איז דיא גרעסטע ראכע. דען ארעמקייט, דאס הייסט דלות מאכט פון דעם בעסטען מענשען איינען אונמענשען. מען ווערט פערדארבען פיזיש (קערפערליך) אונ אויך מאראליש (גייסטיג, דאס הייסט מען בלייבט אן א כאראקטער) אונ מען ווערט בזוי אונ מבוזה, וויא דיא ווייזען (דיא חכמים) זאגען: „עני חשוב כמת" דאס הייסט דאס זעלבסט איין חשובער ארעמאן איז גלייך שוין וויא געשטארבען.

נון פערשטייט זיך דאס איין ארעמער א פאדלעץ וויא דיין פאטער איז, וועט איהם ווערען, זייענדיג איין בעטלער, פיל שלימער אלס דער טויט. אלזוי וועט זיין דיין בעטען מיך פיר איהם גאנץ אומזאנסט אונ דאס גלייכען וועט זיין דיין פערלאנגען דאס איך זאל מיך אבהאלטען פון צוא לאזען ליציטירען דיא פערמע צוליב דיר אום דוא זאלסט ניט בלייבען דוא אונ דיין קינד עלענד אונ ברויט־לאז (אן ברויט) אויך גאנץ

(אמער. געש.) איבעריג

איבעריג, דען עס ווירד דיר קיין לייד געשעהען דער פון אין מינדעסטען ניט, זעלבסט ביא מיינעם לאזען איהר (דיא פערמע) ליציטירען, דען זיא וועט דאן אויך בלייבען דיינע אונ דיינעם קינדס".

„אונ דיזעס פערשטייה איך ניט" האט זיא זיך אבגערופען צוא איהם. „עס וועט דאך דיזע פערמע פערקויפט ווערען אויף איינער ליציטאציע, אונ פילייכט וועט דיך ווער איבער שטייגען אונ דאן לא די וואס זיא וועט שוין נימאלס געהערען צוא אונזערעם מונק, וועט נאך אונזער מונק געהערען צוא יענעם קויפער אלס איינע געבורט פון איינער סקלאווין וואס איז איינע פון דיא סקלאווינען וואס געהערען צו דיזער פערמע, אונ דאן ווייהע מיר, איך וועל דיזעס ניט איבערלעבען, אונ צווייטענס, געזאגט (פאלאזעם) דאס זיא וועט בלייבען דיינע, בין איך אויך נאך ניט געהאלפען דער מיט, דען דיינע איז ניט מיינע. דען דוא האסט דאה א זון וואס וועט פילייכט נאך לויז ווערען, וועט הייראטהען, וועט האבען קינדער, אונ איך מיט מיינעם מונק וועלען גאנץ בעזייטיגט ווערען, אונ פילייכט וועסט דוא נאך אליין אויך הייראטהען, אונ איך מיט מיינעם זון וועלען מוזען אונזער ברויט ערבעטטעלן, אלזוי ווען דוא מיר ווירקליך גוט ביסט, זאלסט דוא צוא ליב מיר אונ אונזערן מונק בעזאנפטיגען דיין צארן אויף מיינעם פאטער, אונ טרייב ניט צו איינער ליצעטאציע אונ מיר וועלען דיר דיזע סוממע אויס צאלען ראטעס ווייס, דען מיין פאטער האט זיך שוין אויסגעניכטערט אונ וועט שוין מעהר קיין פערשווענדער זיין, אונ וועט שוין שאלטען אונ וואלטען אין איהר (אין דער פערמע) העכסט ווירטהשאפטליך, אונ איהרע איינקינפטע וועלען שוין קלעקען אום צוא דעקען דיא שולדען עד פרוטה אחרונה, אויסער וואס מיר וועלען אונז קענען נאך דערביי געגעהרען. טהוע עס אום גאטעס ווילען". —

„ניין, מיינע טייערע דינה" האט איהר דער הוגא געענטפערט, „דרינגע ניכט אין מיר מעהר. איך בלייב ביא מיינע ערסטע רייד, איך וויל דורכאויס דיינען פאטער צום בעטלער מאכען, אהנע אים מינדעסטען צוא שאדען דיר אונ אונזער קליינעם מונק. דען איך ווייס פיל מעהר אלס געוויס, דאס דיא קאלאניע וועט בלייבען דורכאויס מיינע, דען דיא סוממע וואס איך האב אויפצווייזען אויף דיינעם פאטער איז פיל מעהר ווערטה אלס דיא פערמע. עס וועט קיינער עס ניט איינצאלען, אונ דאס איז אויך מעהר אלס געוויס דאס איך וועל קיין מאל ניט הייראטהען.

„אונ דיזעס ווייס איך אויף קלאר אונ פילייכט ווייסט דוא אויך, דאס מיין זון, אים פאלל ווען ער וועט לויז קומען וועט ער קיינע

אנדערע הייראטהען אלס דיך, נון קומט עס ערסט אן אויף דיר, צוא דוא ווערסט עס וועלען. צוואר איך ווייס דאס דוא ליבסט איהם פון הערצען, דאך בין איך נאך ניט געוויס מיט דיר דאס דוא זאלסט וועלען דיזען שריט טאהן עפענטליך, דען עס וועט דיר שטיין אין וועג דיינע רעליגיאן פילייכט, ווייל דוא ביזט פון אידישען גלויבען, מיין זאהן אבער קאטוליש, פילייכט וועלען עס ניט וועלען דיינע עלטערן, ווען זא, איז מיר ניט צוא העלפען דיר.

„בייא אלעם דעם פאדער איך ניט איצונד שוין איינע ענטשיידענדע (רעשיטעלנע) אנטוואָרט דאריבער, דען עלטערנס-ליבע אונ רעליגיאן זיינען וויכטיגע געגענשטאנדע וואס לאזען זיך ניט אזויא לייכט פערשאכערן וויא איינע מאטעריעללע (פראסטע) וואארע, מען מוז זיך איינע גרויסע צייט בעדיינקען אום אזוי איין געוואלטיגען שריט צוא טאהן. אונ בפרט נאך דאס ניט איך מיינע דיך צוא הייראטהען, נור מיין זון, אלזוי האט עס נאך גענוג צייט צו בעשפרעכען זיך מיט דיר דאריבער. פילייכט דיינקט ער אנדערס אלס איך איבער איינע רעליגיעזע אנגעלעגענהייט (עניני אמונה), אונ פילייכט ווערסט דוא דיך דאן אויך אנדערס בעזינען, דען עס וועט נאך לאנג דויערן ביז ער וועט ווערען בעפרייט, אונ אין פאל ווען ער וועט ווערען פעראורטהיילט (פערמשפט) צום טויט, בעהיטע גאט, דאן פערבלייבסט דוא מיט אונזערען קליינען מונק מיינע ערבען (יורשים), דוא, פערבלייבענד יודין וויא ביז אהער, כל זמן דוא לעבסט, אונ ער (דער מונק), קאטוליק, וויא ער וואר געטויפט דארט אין טענעריפא, נור מיט דעם בעדינג דאס דוא זאלסט קיין מאל ניט הייראטהען, דאן פערבלייבסט דוא אלזוי אונ דער מונק אונ דאס גלייכען אויך דיינע מוטער אין דער פערמע פיר אימער וויא ביז אהער, מיט דער זעלבען אכטונג אונ אנזעהען וויא ביז יעצט. נור דיין פאטערס פוס וועט זיך ניט טארען געפינען אין איהר (אין דער פערמע), וויא נור איך בעקום דיא בראוועס דאס זיא איז שוין מיינע.

„נון, מיינע טייערע דינה, מעהר קען איך ניט טאהן, אונ מעהר זאלסט דוא ניט פערלאנגען פון מיר, דען דיין פאטער איז בעסער ניט ווערטה, אונ האט זיך דאס גלייכען ניט פערדינט געמאכט בייא דיר דאס דוא זאלסט פיר איהם ליידען, דען וואלט ער נאך ווייטער פערבליבען בייא דער פערמע, זא וואלט ער איהר מיט זיינער פיהרונג גאנץ אונ גאר פערשיינקט, אונ דוא מיט דיינער מוטער וואלטען מוזען בעטלען גיין, אונ דער מונק וואלט פארגעוויס אונגעזאמט פערקויפט געווארען פיר איינען סקלאווען. דאנק אלזוי גאט דאס עס האט זיך

(אמער. גלש.)

אזוי

אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאזְט. אַלְזוֹי בֶּערוּהִיגֶע דִיךְ אוּנ שְׁטִילֶע דַיין בֶּעוֶועגְטֶעס הֶערְץ״.

„אוּנ דִיזֶעם מַיין גֶענֶעדִיגֶער הוּנא, הָאט זִיא זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען צוּא אִיהם מִיט נַאסֶע אוֹיגֶען, אִיז צוּ פִיל פֶערְלַאנְגְט פוּן אֵיינֶעם קִינְדְלִיכֶען הֶערְצֶען, דֶען וִויא אִיז עֶס מֶעגְלִיךְ אֵיינֶעם צוּ צוּזֶעהֶען נַאנְץ גְלַייכְגִילְטִיג דָאס זַיין פָאטֶער שְׁמַאכְטֶעט אוּנ לֶעבְּט אִין גְרוֹיסֶע נוֹיטֶען, וֶועהְרֶענְד (בשעת) עֶר זֶעלְבְּסְט (דָאס קִינְד אַלֵיין) שְׁוֶועלְגְט (פֶערְגֶענִיגְט זִיךְ) אִין אַלֶעם גוּטֶען, וִויא דִיזֶער פַאל וֶועט דָא זַיין שׁוֹין מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל לֶעבֶּען וִויא אֵיינֶע פִירְסְטִין, אוּנ עֶר וֶועט לֶעבֶּען אִין דֶער גְרֶעסְטֶע עֶנְטְבֶּעהרוּנְג (לִישֶׁענְיֶע), אוּנ דִיזֶער גֶעדַאנְקֶען אִיז מִיר אִיצוּנְד שׁוֹין נַאנְץ גֶענוּג צוּא פֶערְגֶאלְלֶען (צוּא פֶערְבִּיטֶערן) דַיינֶע זִיסֶע גְנַאדֶע וָואס דוּא ווִילְסְט טָאן מִיט מִיר אוּנ מִיט מַיינֶער מוּטֶער. אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם דַאנְקֶע אִיךְ דִיר פִיר דַיין גוּטֶעם פֶערְשְׁפְּרֶעכֶען צוּ טָאן גוּטֶעם מִיט מִיר אוּנ מִיט מַיינֶער מוּטֶער, דֶען אָהנֶע דֶעם וֶועט נָאךְ פִיל שְׁלִימֶער זַיין״.

„אִיךְ גֶעשְׁטֶעהֶע דִיר עֶס (פְּרִיזְנַאיוּס), הָאט זִיךְ דֶער הוּנא אָבּ־גֶערוּפֶען צוּא אִיהר זֶייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ, דָאס דַיין אֵיידֶעלֶעס הֶערְץ וֶועט דֶער בַּייא זֶייעֶר פִיל לַיידֶען, אוּנ דִיזֶעס פְרֵייט מִיךְ זָאגַאר דָאס דוּא בֶּעזִיצְסְט אַזוֹיא אַיין אֵיידֶעלֶעס הֶערְץ, וָואס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ גֶעטְרַייא צוּא עֶלְטֶערן, וָואס דִיזֶעס אִיז אֵיינֶע גְרוֹיסֶע זֶעלְטֶענְהַייט בַּייא אַיךְ רוּסִישֶׁע יוּדֶען. בַּייא אַלֶעם דֶעם בִּין אִיךְ נִיט אִים שְׁטַאנְדֶע בֶּעסֶער צוּא הַאנְדֶעלֶען דֶער בַּייא, דֶען עֶס אִיז שׁוֹין דִיזֶער שְׁרִיט (שַׁאג) אַזוֹי נוֹט וִויא שׁוֹין גֶעשֶׁעהֶען, דֶען אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעקוֹיפְט אַלֶע זַיינֶע וֶועקְסְלֶען, אוּנ הָאבּ אַלְזוֹי קֵיין אַנְדֶערן וֶועג אַיין צוּא מָאנֶען זַייא וִויא נוּר פוּן דַיינֶער פֶערְמַא, וָואס דוּא הָאסְט אִיהר גֶעמַאכְט פִיר אַיין אֵייגֶענְטְהוּם זַיינֶעם (סָאבְּסְטְוֶוענְנַאסְט), אוּנ צְוֵוייטֶענְס וִויא אִיךְ קֶען דַיינֶען פָאטֶער וֶועט עֶר שׁוֹין אַלֵיין נִיט וֶועלֶען זִיךְ אָבְּשְׁטֶעלֶען אִין דִיזֶע פֶערְמֶע אוּנְטֶער מַיינֶער פֶערְוַואלְטוּנְג (הֶערְשַׁאפְט אוּפְּרַאווְלֶענְיֶע), דֶען עֶר אִיז צוּא שְׁטָאלְץ דֶער צוּא, עֶר וֶועט מִיר דִיזֶע גְנַאדֶע מִיט פֶערְאַכְטוּנְג צוּא וַוארְפֶען.

אָ, דִיזֶער מֶענְשׁ הָאט פֶערְדִינְט אַזוֹי אַיין עֶנְדֶע, דֶען עֶר אִיז הֶעכְסְט אוּנְדַאנְקְבַּאר, עֶר הָאט דֶעם פֶערְשְׁטָארְבֶּענֶען אַיזַאק אוּנ זַיינֶער פֶערְשְׁטָארְבֶּענֶען פְרוֹיא וָואס וַוארֶען זַיינֶע ווָאוֹילְטְהֶעטֶער, אִינְפַאם (שַׁאנְדְלִיךְ) בֶּעלֵיידִיגְט נָאךְ זֶייעֶר טוֹיט. דֶען עֶר הָאט גֶעמַאכְט בֶּעקַאנְט אַלֶער וֶועלְט דָאס דֶער מוֹראט מַיינֶער אִיז אֵיינֶע גֶעבּוּרְט פוּן מַיינֶער לִיבֶּע מִיט דֶער עכסה אוּנ דָאס אִיךְ זֶעלְבְּסְט בִּין אַיין זָאהְן אַיזַאקְס, אִיךְ פֶערְשְׁטֵייא זֶייעֶר גוּט דָאס זַיינֶע אַבְּזִיכְט וַואר דֶער בַּייא נוּר צוּא קָאמְפְּרָאמֶעטִירֶען (צוּא שַׁאנְדֶען מַאכֶען) דֶערְמִיט מִיךְ אוּנ מַיינֶען מוֹראט

(אמער. געש.)

וועהרענד

ועהרענד (בשעת) איך האב איהם נעקענט בעצאלען דער פאר מיט דער זעלבע מינצע. דען איך האב דאך געקענט ענטדעקען דאס דער מונק איז איינע געבורט פון מוראטס ליבע מיט זיינער טאכטער, דאס הייסט מיט דיר דינה, וואס עס וואלט איהם פיל מעהר געקריינקט אלס ער האט געקריינקט אונז מיט זיינעם ענטדעקען פאר אללער וועלט פון אונזער געזאקאנגע געבורט, אונ איך האב עס ניט געטאן. נון האט ער אזוי איין ביזעם ענדע, וויא דער פסוק זאגט: „משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מתוך ביתו" דאס הייסט ווער עס טוט אב שלעכטעס פיר גוטעס וועט קיין מאל קיין אונגליק ארוים פון זיינעם הויז".

דיא דינה איז געקומען צוריק נאך הויז, האט מיטגעטהיילט איהרע עלטערן אלעס וואס זיא האט געפונען פיר רעכטליך אונ פאססענד מיט צוא טהיילען זייא, אונ אין פערלויף פון איינעם האלבען מאנאט וואר דיא פערמע ליציטירט, אונ וויא אויך זיא וואר איינגעבאטען זייער הויף פון דעם אראנס גוטע פריינד, בייא אלעם דעם האט זיא זיך אבגעשטעלט בייא דעם הונא. אונ דיא דינה מיט איהרער מוטער הולדא אונ דער קליינער מונק זיינען פערבליבען אין דער פערמע אין עהרען אונ אין אכטונג וויא דער הונא האט זייא פערשפראכען, אונ דער אראן וואס ער איז דאן געבליבען הויל וויא איין קאטויל, דאס ער האט ניט געהאט מיט וואס איין טאג איבער צוא קומען, וואר ער אויפגעוויזען געווארען פון דער נויט צוא דער האלטען זיין לעבען נור מיט מיטאגס מאלצייטען וואס ער האט אנגעהייבען צוא געניסען בייא דיא יעניגע פריינד זיינע, וואס ווארען אין זיינע גוטע צייטען זיינע מיטשפייזער בייא זיינעם טיש, וואס וואר געדעקט מיט דיא בעסטע שפייזען אונ מיט דיא בעסטע ווייגען. ער האט אנגעהייבען אבצוהיטען דארט דיא מיטאגס-שטונדע אונ צוא ווערען געלאדען צום טיש, ער פלעגט דארט ערשיינען אלס איין בעזוכער, אונ וואר גאסטליך אויפ-גענומען אונ גוט טראקטירט. נור דיזער סיסטעם וואר ניט פון לאנגער דויער, דען ער וואר אין יענע הייזער אויפגענומען אלס גאסט נור אזוי לאנג אלס מען האט נאך געמיינט דאס ער האט נאך איינענעס וואס צוא עסען בייא זיך צוא הויזע, אונ ער קומט צוא זייא נור ווירקליך אלס בעזוכער. קוים אבער האט מען זיך דערוויסט דאס ער איז ברויטלאז (איין חסר לחם) וואר ער שוין אבגעוויזען אין פאדער-שטוב דורך דיא דינערשאפט, מיט דעם זעלבען נוסח וואס מען פערטיגט אב מאנכען לאסטיגען גאסט אדער שנארער: „דער העדר איז בע-שעפטיגט, אוננוואהל" אונ דעם גלייכען. דען איבעראל איז איין וועלט דאס עס ווערט געלאדען צום טיש נור דער יעניגע וואס האט צוא-

זאט צוא הויזע, אבער קיין נויט בעדירפטיגער, אזוי איינער איז פער-
אכט אונ צוא גלייך פערשמאכט, אונ איז דאהער באלד אנגעקומען
צוא גנאדענברויט, אונ דיזעם האט איהם אונגעזאמט פערפיהרט צוא
פיאנסטווא, אונ דאס גלייכען צוא אלע אנדערע פעהלערן וואס פאלגען
(גייען נאך) דער ארמוטה. עס איז מיט איהם אזוי ווייט געקומען,
דאס דער הוגא האט אוים אכטונג צוא דער דינה וויזנאצעט פיר איהן
איינע פענסיאן פון צוויא הונדערט פראנק מאנאטליך, אויסער קווארטיר
אונ אנדערע לעבענס=בעדירפניססע, אונ דאן האט דיא דינה (זיינע
טאכטער) געדרונגען אין דער מוטער דאס זיא זאל צוזאמען קומען
מיט איהם אום זיא זאל איהם האלטען אין ציגעל (אין צוים), אונ
ארויפפיהרען איהם צוריק אויף דעם גראדען לעבענסוועג (דרך ישר)
אונ עס איז איהר געלונגען (געגליקט), דען ער האט זיך געלאזט באלד
לייטען (פיהרען) פון דער הולדא, אונ האט זיך אין איינער קורצען
צייט גאנץ געענדערט צום גוטען, אונ איז אריין צוריק אין דעם
אלטען גלייז (קאליע) אין וועלבען ער האט געוואנדעלט, אלס עס
האבען נאך געלעבט זיינע שוויגער עלטערן. ער האט זיך אוים-
געוועהנט (גוט פריינד געווארען) מיט דער אידישען רעליגיאן אונ דאס
גלייכען מיט דער זיטליכקייט (בראווהייט), אונ האט זיך וויא צוא זאגען
אריין געשטעלט צוריק אין רייה אונד גליד (ווא פרונט) דער מענשהייט.
זיינער טאכטער, דער דינה, האט צוואר אים מינדעסטען ניט געפעהלט,
דען זיא איז זיך פערבליבען אין דער קאלאניע (פערמע) אין עהרען
אונ אכטונג וויא פריהער, אלס דיא פערמע וואר נאך איהרע איינענע
אונ דערצו נאך הויכגעשעצט אונ געליבט פון דעם הוגא וואס ער האט
איהר בעהאנדעלט וויא איין אייגענעם קינד, בייא אלעם דעם וואר זיא
העכסט פערשטימט (סמוטנע) אונ העכסט נידערגעשלאגען, דען עס וואר
איהר לייד אום איהר געליבטען מוראט, וואס וואר פעראורטהיילט צוא
עוויגע צוואנגארבייט (דאס הייסט אין ארעסטאנטסקע ראטע) אין איינער
ווייטען פעסטונג. ער וואר וועסט פעראורטהיילט צום שיסען, נור עס
וואר איהם דיזע טאדעס=שטראפע פערוועקסעלט אויף דיא שטראפע פון
ארעסטאנטסקע ראטע, נור דורך דיא גרויסע בעמיהונגען אונ קאסטען
פון זיינעם פאטער הוגא וואס האט איהם בעדויערט אונ בעוויינט וויא
אמאל אונזער פאטער יעקב זיינען זאהן יאזעף. דיזעם האט איהר שוין
גאנץ אונ גאר פערביטערט איהר לעבען, אונ צוא גלייך געמאכט איהר
איינג אין דיא גרויסע האללען (זאלען), דען יעדער קרעכץ פון דעם
הוגא אונ זיין יעדער עכץ וואר איהר איין דאלך (שפיז) אין איהרעם
הערצען, בייא איהרעם וויסען דאס דיזעם האט איהם אנגעטאן איהר
פאטער נור אונ קיין אנדערער. מעהר אלס דרייא גאנצע יאהר וואר
זיא

זיא אין אזויא איינער קלעממע, דאס גלייכען איהרע עלטערן, דען עס האט זעלבסט איהרעם פאטער העכסט געקריינקט דאס ער האט עס געטאן אונ האט אלזוי גענוג ערפאהרען (דערנאנגען) וויא וואהר עס איז דאס אלטע שפריכווארט: „נאך דער ראכע פאלגט דיא רייע" (דאס הייסט באלד וויא מען איז זיך אן וועמען נוקם האט מען חרטה). — גאנצע דרייא יאהר וואר דיזע גאנצע פאמיליע אין אזויא איינער טרויעריגען לאגע אונ נאכהער האט זיך זייער הארטער שיקזאל גאנץ פלעצליך אויסגעזאהנט (גוטפריינד געווארען) מיט זייא. דען עס זיינען אלע פאליטישע פערברעכער געווארען בעפרייט דורך איינעם מאניפעסט פון נאפאלעאן דעם ערשטען; וואס ער האט ארויסגעגעבען איבער אלע פראנצויזישע לענדער אין דעם טאג וואס ער האט בעשטיגען דעם פראנצויזישען טראהן אונ דער צו נאך גרויסע פאלעכצעניעס (לינדערונגען) פיר דען סקלאווענשטאנד געגעבען, וואס דערונטער וואר אויך דאס איין בעפרייטער סקלאווע האט אלע רעכטע פון איינעם פרייען עאוראפייער, צוא בעזוכען שולען, צוא ווערען אדוואקאטען אונ ציניאווניקעס אונ דאס גלייכען.

דער מוראט איז אלזוי געווארען בעפרייט, איז געקומען צוריק אויף אדלערפליגלען, אונ וואר אויפגענומען פון דער דינה אונ פון זיינעם פאטער הוגא מיט אפענע ארמען, אונ דער הוגא וואר דאן אזויא וייט ערפרייט אונ אזויא גוט געלוינט (באספאלאזען) דאס דיא דינה האט דאן אויסגעווירקט בייא איהם איינע אמניסטיע (פערגעבונג אדער פערצייהונג) פיר איהרען פאטער, וואס האט זיך שווער פערזינדיגט געגען איהם, אונ דאס גלייכען בייא איהרעם געליבטען, בייא דעם מוראט. ער (דער פאטער, דער אראן) וואר באלד גערופען צוא זייא, האבען איהם גע-רייכט זייערע הענדע, נאכהער גערעט מיט איהם פריינדליכע ווארטע, נאכהער זיך געקוסט אונ געוויינט וויא דער פאל וואר בייא דעם יאזעף מיט זיינע ברידער וואס זייא האבען איהם אויך גענוג לייד געטאן אונ זיינען געווארען אם ענדע העכסט גוט איינער דעם אנדערן. בייא דיזעם אויפטריט וואר אויך דיא הולדא אונ האט מיטגעוויינט.

עס וואר באלד דער טיש געדעקט אונ מען האט זיך גיטליך געטאן אונ אלס מען וואר גוטער דינגע (פריילאך) פון דעם גוטען וויין וואס וואר אם ענדע אויפגעמישט, איז ארויס פון טיש דער מוראט אונ האט זיך נידערגעקניט פאר דעם אראן, געטאן איהם א קוס אין האנד אונ געבעטען דאס ער זאל איהם געבען זיינע טאכטער דינה פיר איינע פרויא. דער אראן איז געווארען עפעס וויא צומישט אונ געבליבען איניגע מינוטען וויא אן זיך אונ נאכהער אלס ער האט זיך שוין בערוהיגט, האט ער זיך אבגערופען: איך האטטע עס גערן געטאן אונ האטטע עס גע-האלטען פיר איין גרויסעס גליק, דען איך בין דאך איצונד העכסט

(אבער, נעש.) געזונקען

געזונקען אונ לעבע נור פון דיינעם פאטערס גענאדען, נאך מעהר דוא געפעלסט מיר מעהר אלס אלע אנדערע יונגע לייט פון אלע אנדערע פערמער. בייא אלעם דעם בין איך ניט אים שטאנדע צוא ערפילען דיין וואונש, ווייל מיינע טאכטער איז דאך פון אידישען גלויבען אונ דוא ביסט פון קאטולישען גלויבען, אלזוי וועט דאך מוזען מיינע טאכטער איהר גלויבען בייטען אום צוא הייראטהען דיך, אונ אזויא ווייט בין איך נאך ניט אזויא פרייא געזאנען אום צוא געבען איין ערלויבניס דער צוא.

„א, ניין, האט זיך אבגערופען דער מוראט, דיזעס וואלט איך זעלבסט ניט פערלאנגען פון אייך. מיר קענען אונז אבער פערהייראטהען מיט איינ־אנדער אהנע דאס איינער פון אונז זאל דארפען זיין גלויבען וועקסעלן, דען איך בין יודע וויא איהר זייט. מיינע מוטער וואר איינע יודין אונ האט מיך געלאזט בעשניידען אין דעם אכטען טאג פון מיין געבורט אונ דאס גלייכען מיך איינגעווייהעט (איינגעהייליגט) אין איהר, דאס הייסט געלאזט מיך לערנען דיא אידעשע רעליגיאן. נור עס וואר דיזעס איין געהיימניס פאר דער וועלט, ווייל מיינע מוטער האט מיך עמפפאנגען (מעוברת געווארען מיט מיר) דורך איינע פערבאטענע ליבע, אונ דאך בין איך אויך קיין ממזר, דען מיין געהיימער נאטירליכער פאטער איז דאך איין קריסט. נון בין איך אזויא גוט וויא איין גר". אונ אלס דער מוראט האט איהם געצייגט דאס ער איז ווירקליך בעשניטען אונ האט איהם נאך דער צוא בעוויזען דיא צייגניסע פון דעם דארטיגען רבינער, וואו זיינע מוטער, דיא עכסה, האט איהם געבארען, דאס ער האט איהם מכניס געוועזען לברית (אלס מעטערקע) וואר דער אראן העכסט ערפרייט. אונ בייא זיינעם וויסען שוין פון פריהער דאס זיינע טאכטער ליבט איהם, האט ער שוין גאנץ דרייסט אהנע צוא פרעגען איהר צוא זיא ווילליגט איין אין דיזער פארטהיע, געגעבען זיינע ערלויבניס דערצו אונ צוגלייך אויך ערטהיילט זיינען הערצליכען זעגען דערצו. עס וואַרען פריידען איבער פריידען אונ באלד דארויף וואר איינע גרויסע פערלאבונג אונ נאכהער דיא האכצייט. אונ ערשט דאן האט זיך דער אראן דער־וויסט דאס דער קליינער ליבענס־ווירדיגער מונק איז זיין ענקעל (איינקעל) אונ איז אויך געאידעשט. דאן ערשט האט ער איינגעזעהען דאס גאט האט זיך בעגאנגען מיט איהם מדה כנגד מדה, דען ער וואר פון איהם געצאלט מיט דער זעלבען מינצע וואס ער (דער אראן) האט געצאלט איינעם אנדערן. ער האט פערפיהרט איינע טאכטער בייא דעם אבראם, דאס הייסט דיא הולדא, אונ דער אונגליקליכער פאטער וואר נאכהער געצוואונגען צוא פערהייראטהען איהר מיט איהם, אלזוי וואר דער פאל איצונד מיט איהם אויך דאס דער מוראט האט פערפיהרט זיינע טאכטער

יא דינה אונ דער נאך האט ער אויך געמוזט איהר פערהייראטהען מיט איהם אונ האט אלזוי אנגענומען דיזע שטראפע גאנץ ערגעבען (פאקארנע) אונ ווילינ, דאס הייסט מצדיק געוועזן דין אויף זיך אונ האט איהם דאן אלזוי אויפגענומען (דען מונק) פיר איין אייניקעל מיט לוסט אונ מיט פריידען אלס איין געשיינק גאטעס, דען ער וואר איין העכסט געראטענעס קינד אונ ער האט איהם ערצויגען אין גאטעס פורכט.

דיזער אראן האט פערלעבט זיינע לעצטע יארען אין דעם קרייז פון זיינער פאמיליע וויא איין פאטריארך (שטאמפאטער), געשעצט אונ געעהרט פון זיינע קינדער אזויא ער אונ אזויא אויך זיינע פרויא, דיא הולדא. זייא ביידע האבען ערלעבט איין האהעס אלטער אונ זיינען געשטארבען וויא צוא זאגען בשבה טובה אונ געלאזען נאך זיך איינען שיינען נאמען. —

נון, מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינע, בין איך שוין צוא ענדע מיט דיזער ערצייילונג. זיא איז ניט קליין אונ דער צוא זייער שיין. זיא וועט אייך זייער גוט ווירצען אונ מאנכע לאנגע ווינטערנאכט פערקירצען. אבער מיין וואהרעס ציל מיט איהר איז פיל וויכטיגער אלס דיזעס. איך מיין דאס מען זאל פון איהר געניסען וואס וויכטיגערעס אלס איין וויסטען צייט פערטרייב. דען עס איז פילעס צוא לערנען פון איהר ווייל זיא איז העכסט אינהאלטס רייך, דאס הייסט זיא ענטהאלט אין זיך פילע ענינים, מאראל, קריטיק, נאטור וויסענשאפט, גאטעס פורכט, איבער־הויפט איינע גוטע לעהרע פיר עלטערן וואס האבען טעכטער, וואס מוזען געהיט ווערען מיט זיבען אויגען וויא אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פסוק דארט אין פרשה נשא „יברכך ד׳ וישמרך" יברכך בבנים וישמרך בבנות, שהן צריכין שמירה, וויא מיר האבען עס שוין פריהער ערקלערט.

ליידער איז דיא צאהל פון יענע לעזער, וואס וועלען עס גאנץ געהעריג אויפפאסען, גאנץ ווייניג. דען דער גרויסע הויפען (המון עם) מיינט נור דיא קניידלאך אונ ניט דיא הגדה דאס הייסט זייא וועלען עס לעזען נור צוא איינעם צייט פערטרייב אליין אבער ניט אום וואס צוא ערלערנען פון איהר, אונ איך, דער פערפאסער פון דיזער געשיכטע, פערצייהע עס איהם (דעם המון עם) וויא דער בורא ברוך הוא פער־צייהעט איהם זיינען שלעכטען בעגריף (השגה) וואס ער האט פון זיינער וועלט וואס ער האט געשאפען. דען דער גרעסטער טייל פון איהם (פון דעם המון עם) וואס זיינען נור וואלליסטלינגע (בעלי תאוות) מיינען דאך דאס דיא וועלט איז נור איין פריידענהויז, איין טראקטיר, אונ דיא יעניגע וואס זיינען נור געלדגייצען (חומדי ממון) מיינען דאס דיא

וועלט איז נור איין יארמארק, איינע בערזע, וואס איז אלזוי געשאפען אום נור געלד צוא זאמלען אין איהר אונ דאס נור איינער פון מיליאנען אונטער זייא איז איין וואהרער דיינקער וואס פערשטייט זיך אויף איהרעם וואהרען צוועק (תכלית), דאס הייסט דאס זיא (דיא וועלט) איז נור וויא צוא זאגען איינע פּריוואטאויטעלנע קלאססע צוא איינער גרויסען שולע וויא אונזערע חכמים דריקען זיך דאריבער אוים: „התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין" אונ פיליכט נור דארום האט ער איהר פיל קליינער בעשאפען אלס ער האט איהר גיקענט באשאפען, דען אונזערע חכמים זאגען דאס דער בורא ברוך הוא ווערט נור דארום גערופען מיט דעם נאמען שדי וייל ער האט געזאגט צוא זיינער וועלט „די" גענוג; זאנסט ווען ער וואלט עס ניט געזאגט וואלט זיא געווארען פיל מיליאנען מאל גרעסער אלס זיא איז יעצט. ער האט עס אבער ניט דערלאזען, פיליכט בייא זיינעם איינזעהען דאס זיא האט אין זיך שוין גענוג רוים (פּלאץ) פיר זיינע אויסערוויילטען נאך מעהר אלס זיא ברויכען; אונ דאס זעלבע האט מיך אויך אבגעהאלטען פון צוא מאכען דיזע געשיכטע גרעסער, דען איך האב איהר געמאכט נור פיר דיא קליינע צאהל מבינים אונ פיר זייא איז זיא נאך מעהר אלס גענוג. בייא אלעם דעם האב איך איהר געשריבען אין אזויא א סטיל (סלאג) וואס זאל אמיזירען, (אינטערעסירען) אויך דען אונוויסענדען ניט ווייניגער וויא דעם מבין, וויא אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פּסוק „קול ד׳ בהדר קול ד׳ בכח *) דאס דער בורא ברוך הוא (צוואר מיט איינעם גרויסען להבדיל דערבייא) האט געשפּראכען דיא עשרת הדברות מיט אזויא א שטימע וואס פיר דיא שוואכע ואר זיא זיס אונ אנגענעהם, אונ פיר דיא שטארקע וואר זיא העכסט קרעפטיג. —

*) פ׳ נשא י׳ קול ד׳ בכח קול ד׳ בהדר, אמר ר׳ חמא בר חנינא לבחורים קול ד׳ בכח לתשים קול ד׳ בהדר.

**ענדע.**